STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06727

INM ROD

Baruch Glasman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע ווערק

פון

ברוך גלאַזמאַן

באַנד I

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

~~Ш6~~
206/3

ברוך גלאזמאַן

אינם ראָד

ווילנע — 1927
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

B. Głazman — „Inm Rod".

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie" B. Kleckina, Wilno.

אלע זאַכן וואָס גייען
אַריין אין דער איצטיקער
אויסגאַבע פון „ווילנער
פאַרלאַג" ב. קלעצקין —
אַפילו די יעניקע וואָס
ווינען שוין פריער ערגעץ
אַנדערש דערשינען —
זיינען איינגאַנצן פונדאַס־
ביי באַאַרבעט און אויס־
געפּעסערט געוואָרן.

אינהאַלט

זייט

אַ טרעפ, ראָמאַן (1917) 9

פּרעלודיע: ווינטער.

ערשטער טייל: אַרונטער.

צווייטער טייל: אַרויף.

נאָכוואָרט: איך קום צו דיר.

מיסטער בי 93

אַ יום טוב 129

אָקעאַן 161

וועלוול אַגרעס 187

עס ווערט שוין קיל 225

שטילע ווערטער. 253

אַ טרעפ

פּרעלודיע: ווינטער

אַ

פורן האָבן געסקריפּעט אויפן פּראָסט.
„בערטראַנד ט. באַרקאַן, פּה. ד.״*)

די ווינטערדיקע זון האָט מיט קאַלט ליכט באַגאָסן דאָס מעשענע בלעכל אויף דער אַריינגאַנג-טיר. די פּראָסטיקע הייטל, וואָס איז אויפן בלעכל אַ גאַנצן פרימאָרגן געלעגן, האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעגליטשט און האָט זיך צונויפגעפּאַלדעוועט אויף די זוימען פונם בלעכל. עס איז געווען איצט אַ שעה פּאַרמיטאָג.

ד״ר באַרקאַן איז דורכגעגאַנגען דעם האַלב-טונקעלען קאָרידאָר, אין וועלכן דאָס עלעקטערישע ליכט האָט שטענדיק געברענט,—ביי טאָג מער ווי ביי נאַכט. זיינע טריט זענען ווייך געזונקען אין די ברוינע טעפּיכער און אין דער האַלב-אָוונטדיקייט, וואָס האָט דאָרט, אין קאָרידאָר, תמיד געהערשט.

ביי זיך אין צימער האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ ווייכן לענשטול און האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער איז געווען מיד.

ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק, האָט ער געענדיקט געבן זיינע סטודענטן די פינאַל-עקזאַמענס פונם ערשטן סעמעסטער. ער האָט געפילט, ווי אַ שווערע משא איז אים אַרונטערגענומען געוואָרן.

---

*) ראשי־תיבות פון „דאָקטאָר פילאָזאָפיע״.

ער קוקט דאָך אַלע מאָל פּאָרויס־צו, צו דעם דאָזיקן טאָג, אינם קאַלטן פעברואַר.

יאָ, דער ערשטער סעמעסטער איז פאַרענדיקט... נאָר ביזן ענדע שול־יאָר איז דאָך דאָ נאָך אַ סעמעסטער. און דעמאָלט — בלויז נאָך קורצן ליכטיקן זומער — נאָך אַ לער־יאָר און ווידער אַ יאָר און נאָך אַ יאָר.

אַזוי מסתּמא אַלע זיינע טעג. אַלץ אין אוניווערזיטעט, צווישן פרעמדע מענטשן און פרעמדע וועלטן. לעבנדיק מיטן לעבן פון אַנ־דערע, טראַכטנדיק די מחשבות פון אַנדערע, איבערחלומענדיק די חלומות פון אַנדערע, וווינענדיק אין וועלטן, וואָס אַנדערע, ווילד־פרעמדע און אומבאַקאַנטע האָבן פאַר אים אויסגעבויט, — אין דער וועלט פון ביכער, ביכער און ביכער.

ב

אים אַנטקעגן איז געהאָנגען אַ טונקל־ברוין בילד, רעמבראַנדס „דער געלערטער".

דער בלייכער זייל ליכט, וואָס איז דאָרט אויפן בילד ערגעץ פון דרויסן אַריינגעדרונגען און באַלויכטן אי אַ טייל פון דער צימער־לופט אונטערן האַלב־קיילעכדיקן גאָטישן סופיט, אי דעם אַלטן געלערטן, וועלכער האָט אינם ספרים־שטויב דעם אמת געזוכט,—דער דאָזיקער בלייכער זייל ליכט איז געווען ענלעך צו דער אמתער ווינטער-באַטאָגיקער ליכטיקייט פון זון און שניי, וואָס האָט צו באַר־קאַנען דורכן גרויסן פענסטער אַריינגעשטראָמט.

ס'איז געווען דאָך אַ טרייסט... אָבער אַז ער האָט אָפּגעקערט זיינע אויגן פונם ליכטיקן טייל צום טונקעלן טייל צימער, האָט זיך אים אין דער לופס אַלץ געזעען אַ פוס, — אַן איינזאַמער, אַן אָפּגע־זונדערטער פוס, — אַ פוס, וואָס האָט געלעבט אַן אייגן לעבן, ווי אַן איינציק איבערגעבליבענע רעליקוויע פון אַ פאַרצייטיקער גריכישער סטאַטוע.

אַ זיידנס-באַקליידטער פרויען-פוס.

אינדערפרי, געבנדיק זיינע שילער דעם עקזאַמען, איז אַנט־קעגן אים, אין דער ערשטער רייע שטולן, געזעסן אַ יונגע סטודענטין

פאַרטיפט אין ענטפערן די פראַגן. זי האָט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און איר קורץ קליידל האָט זיך פון דעם אַ היפש ביסל אַרויפגערוקט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן דער מיטלסטער טייל פון איר פוס, דאָס „וויכע".—אַ גוט געבויטער פוס און פון אַ מיטלמע־סיקער קיילעכדיקייט, שטייף אַריינגעטון אין אַ דורכזיכטיקן ברוין־זיידענעם זאָק.

איז דער יונגער פּראָפעסאָר, וואָס איז געווען אַן אַלטער בחור, געוואָרן רויט ביז איבער די אויערן, פאַרשעמט געקוקט איבערן גאַנצן קלאַס, אויב עמעצער באַמערקט נישט זיין שעמעוודיקע גע־רויטלטקייט. ער האט זיך פאַרטיפט אין בוך פאַר אים אויפן טיש — און ווידער געזען דעם פוס.

מילא, ער האָט שוין געמוזט ביי אָט דעם עקזאַמען מסתמא אַביסל פאַרנאַכלעסיקן זיינע פּראָפעסאָרישע פליכטן. און ווער ווייס, וויפיל סטודענטן האָבן עס אים דעריבער באַוויזן אָפּצונאַרן און אַרונ־טערגעלייענט די נאָך פון פריער אָנגעשריבענע „שטיקלעך" אויף די מאַנזשעטן, אויף די נעגל, אויף די דלאָניעס פון די הענט, אויף די באַנק-ברעטלעך... נאָר פאַרפאַלן. אַהינצו האָט ער געמוזט קוקן — און האָט געקוקט. ער האָט זיך אפילו נישט געוואָלט נאַריש מאַכן און זיך פאַרענטפערן: „זאָל זיין, אַז עס איז טאַקע מער נישט, ווי אַ גריכישע סטאַטוע, — אַ קונסט־ווערק, אַזוי צו זאָגן"...

ווייל איצט, שוין זייענדיק אין דער מיטל-יאָריקייט זיינער, האָט ער דאָך שוין גוט געוווסט דעם פשוטן אמת, אַ פוס איז אַז אַ פוס; אָט פונקט ווי עפּעס אַנדערש — איז עפּעס אַנדערש.

נאָר אים האָט עס שוין אָן עפּעס גאָר ווייטס און שוין לאַנג פאַרגעסנס דערמאָנט,—דערמאָנט אָן זאַכן, וועלכע האָבן, עס דאַכט זיך אים אָפּט, אפשר קיינמאָל גאָרנישט פּאַסירט.

ער—בערטראַנד ט. באַרקאַן, ד"ר פילאָזאָפיע, פּריוואַט-דאָצענט פון גריכישער מיטאָלאָגיע און קלאַסישער ליטעראַטור אין דער אָרטי־קער אוניווערזיטעט.

ער האָט שטיל געשמייכלט. עך, די ביכער און די גאַנצע חכמה זיינע און די חכמה פון גאָר דער וועלט... אַז וואָס באַטרעפט עס קעגן —

— אַ שטייף-אַרומגעצויגענעם, זייד־באַזאָקטן פרויען-פוס.

ג

ווייל אים איז געווען אַזוי אומעטיק. ער האָט זיך געפילט אַליין — אַ געפיל, וועלכער האָט אים נישט אָפּגעלאָזן זיין גאַנץ לעבן.

אַליין — אַלעמאָל און שטענדיק, ביז דער דערלייזונג, וועלכער דער טויט אַליין וועט אים אפשר ברענגען.

איצט האָט ער געוואַרט אויפן אָנקומען פונם אָוונט

אין אָוונט... אין אָוונט וועט זיין שטיל און אָוונטיק; שטילע פייערן וועלן אין פרעמדע הייזער שפּרייטן זייער היימיש ליכטי־קייט. און אין דער שטילקייט פון דער לופט וועט זיך הערן, ווי עס צעשווימט זיך דאָס אויסגעצויגענע געקלאַנג פון די אוניווערסיטעט־גלאָקן, פונם קארדיליאָן, וואָס אינם טורעמל איבער דעם אַלטן, מיט קריכ־פלאנצן איינגאַנצן פאַרדעקטן ברוינעם בנין,

— גלאַנ־נ־ן... גלאנ-נ-ן...

און אפשר וועלן אויך אויפגיין די שטערן.

ד

און דער אָוונט איז טאַקע ענדלעך אָנגעקומען, אַ שטילער און אַ ליכטיקער.

ער איז שפּעטער אַ ווײַלע אויסגעגאַנגען און צוריק געבוירן געוואָרן אין אַ אויסגעשטערנטער נאַכט.

עס איז געווען ווינטערדיק-קאַלט, — און ווייס.

דער יונגער פּראָפעסאָר האָט זיך אַ שטיק צייט — ער האָט אַליין נישט געוווסט, ווי לאַנג — אַרומגעשלעפּט איבער די שניי־איקע פעלדער, איבערן שטאָט.

דער שניי איז געווען פאַרפרוירן און ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק. עמיצער האָט גרויסע טוכן הייס־צעפּלאָסענעם זילבער אויס־גאָסן איבער דער ערד, און איצט איז עס פאַרגליווערט געוואָרן, און שעמערירט אינם קאַלטן שטערן־ליכט.

ער האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער דער פאַרפרוירענער אויבער־פלאַך פון אַ ווייסן ים.

פון ווייטנס האָבן זיך געזען געלע פֿייערן פון די אייזנבאַן־הייזלעך. איבערן שניי האָבן זיך געשפּרייט ציטערדיק־בלויע און טונקל־בלויע סילועטן פון פֿאַרפֿרוירענע ביימער — אויסגעלאָשענע און אָנגעצונדענע קרישטאָלענע שענדעליערס; גלעזערנע כּרופּקע ביימער.

באַלויכטענע פֿענסטער פון אונטערשטאָטישע היימען האָבן זיך גאָר אין דער ווייט געוואַרעמט אין דער נאַכט אַריין.

ווינטער. ווייס. שטיל.

פֿרעמד, ווייס, קאַלט.

עלטער. ווייס.

ה

מיטאַמאָל איז אים איינגעפֿאַלן, ווי ווילד־פֿרעמד און נישט־איינגעוואָרצלט ער איז דאָ. און וואָס פֿאַר אַ מאָדנעם, שטילן און אָפּגעזונדערטן לעבן ער האָט דאָס דאָ געפֿירט די גאַנצע צייט—שוין באַלד זיבעצן יאָר.

אים איז געוואָרן אַזוי דייטלעך און איינפֿאַך־קלאָר, אַז דאָס האָט ער נישט זיין, נאָר עמעצן אַנדערש'ס לעבן געלעבט. פּשוט; מען האָט ביי איינעם אַ מענטשן אַ שטיק לעבן ערגעץ פון מיטן אויסגעריסן און עס אים, באַרקאַנען, על פּי טעות צוגעטיילט. נאָר די גאַנצע צייט, אין די סאַמע טונקלסטע הינטערגרונטן פון זיין באַוווסטזיין, האָט ער, באַרקאַן, דאָך געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער געפֿינט זיך דאָ על פּי טעות, אַז ער געהער זיך אָן נישט דאָ אַהער, אין דעם לאַנד און צו דעם לעבן; נאָר ערגעץ אַנדערש, צו אַן אַנדער לעבן — זיין לעבן, וועלכן עמעצער אַנדערש לעבט אַוודאי ערגעץ־ווו אויס פֿאַר אים.

נאָר דאָס אַנדערע לעבן, ווו ער האָט באַלאַנגט, איז געווען אַזוי ווייט פון דאַנען,—שוין לאַנג צוריק, אַזוי שוואַך, ווי אַ ווייטע דערינערונג... אַז ער איז שוין אַליין אַזש געווען אין דעם אומזיכער. ווי אומזיכער און חלומדיק ער האָט זיך געפֿילט וועגן זיין יידישער אָפּשטאַמונג, אָן וועלכער ער פֿלעגט זיך ווען־נישט־ווען דערמאָנען.

יאָ. ער האָט זיך דאָ געפֿילט פֿרעמד, ד"ר באַרקאַן. פֿרעמד צו די איינוווינער פון שטאָט, פֿרעמד צו זיינע סטודענטן־שילער,—פֿרעמד אפילו צו זיינע באַקאַנטע. ווי עס וואָלטן געווען אויף דער וועלט

צווי באַרקאַנס און איינער פון זיי — אַ שטילער, אינווייניקסטער און לאַנג שוין ראַרגאַנגענער — האָט געווינט ערגעץ אַנדערש, ווייט פון דאַנען, ער ווייסט נישט ווו. און אַהין, אַפּנים, צו אָט יענעם-אַ, האָט עס ד״ר באַרקאַנען די גאַנצע צייט אומבאַוווסט געצויגן.

ער איז געווען פרעמד דאָ. נאָר ער האָט אין דער זעלבער צייט קוים געגלויבט, אויב עס איז גאָר דאָ ערגעץ ווו אַן אָרט, ווו ער וואָלט זיך נישט געפילט פרעמד.

מיט אַ גרויל און מיט אַ קאַלטן שרעק — אַ שרעק, אַז דאָס דאָזיקע פאַרשטיין קומט שוין אים איצט אָן צו-שפּעט — האָט ער איצט פאַרשטאַנען קלאָר, אַז דאָס געפיל פון פרעמדקייט האָט זיך ביי אים טסתמא גענומען דערפון, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן פון זיין לעבן פאַרזונקען צווישן ביכער.

דאָרט, אין די ביכער — פון פיל מענטשן געלייענטע; נאָר אין קיינעם זיך נישט איינגעפלאַנצטע און פרעמד-געבליבענע פאַר אַלע-מען, פאַר אַלע זייטיקע; ביכער מיט זייער אייגענעם, ווייט-פאַרהוי-לענעם הילך פון דעם איינציקן, מענטשן, וועלכער האָט זיי פון זיך אַרויסגעגעבן — דאָרט זענען געשטאַנען די מיילן-סלופּעס פון זיין לעבן, פון זיינע „דערפאַרונגען״, פון זיין וואַקסן.

דאָרט אין די ביכער — פּונקט ווי ביי אַן אַנדערן, געפינען זיי זיך אין דער ווייטער וועלט, אין דערווירקלעכער וועלט. זיינע, באַרקאַנס, אידעאַלן, זיינע שטייענדיקע אומבאַוועגלעכע עיקרים פון „גוט און שלעכט״ — זענען זיי דען נישט ערגעץ אין ביכער געווען איינגעוואָרצלט און נישט אין דעם איינציקן און לעבעדיקן לעבן?

קלאָר, ווי דער ווינטערשניי אַרום, איז מיטאַמאָל ד״ר באַרקאַנען געוואָרן, אַז זיינע באַגריפן פון „גוט און שלעכט״, וועלכע די ביכער האָבן אים געהאָלפן אויסטראַכטן, — אַליין זענען זיי דאָך געווען אָדער שטותערייען פון פאַרגליווערטע, טויטע קאַבינעט-חכמים אָדער אָפּנאַרערייען פון קלוגע, וועלכע ווייסן טאָקע אַליין דעם אמת, נאָר ווייסן אויך, אַז פון די „פיל״, פון דעם גרויסן רוב מענטשן, דאַרף מען אים באַהאַלטן... אפשר דערפאַר, ווייל פונם אמת וואָלטן זיי משוגע געוואָרן און זיך באַלד, ווי חיות, אַ וואָרף געגעבן איינער אויפן אַנדערן.

און עס איז פונקט אַזוי שנייאיק-קאַלט און שניי-קלאָר געוואָרן ד״ר באַרקאַנען: עס זענען אָט די אויסגעטראַכטע באַגריפן וועלכע האָבן אים איינגעטונקט אין דאָס דאָזיקע פרעמדקייט־געפיל, אים מיט אַזעלכע שפּיציקע ווינקלען אַרומגערינגלט, וועלכע האָבן אים גע־מאַכט אומצוגענגלעך און שטעכעדיק פאַר מענטשן...

און ד״ר באַרקאַנען איז געווען איצט ביטער, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן אָפּגעלעבט—אַ נאַר... אין איין גרויסן טעות. מער נישט —ער האָט זיך געוווּנדערט: כאַפּן זיך דען אַנדערע אַ סך פריער?

פאַר אים איז שוין געווען אַ קנאַפּע טרייסט די דערמאָנונג אָן די ווערטער, וועלכע אַ קלוגער שכיב־מרע האָט אַרויסגעזאָגט אויף זיין טויט-בעט (און אויך אָט אָ די ווערטער האָט ער דאָך געלייענט ערגעץ אין אַ בוך):

„כ'האָב מיין גאַנץ לעבן—איצט בין איך שוין אַלט זיבן און זעכציק יאָר — אָפּגעלעבט אין בלויזע טעותים. איצט זע איך עס אַליין קלאָר. דאָך, ווייס איך: ווען איך וואָלט איצט פון דאָס ניי־אָנגעהויבן לעבן, וואָלט איך ווידער אַמאָל געמאַכט די זעלבע טעותים״...

יאָ, ד״ר באַרקאַן האָט פון דעם אַ קנאַפּן טרייסט געהאַט. ווייל ער איז נאָך נישט געווען ביים ענד פון זיין לעבן, און די רויקייט פון פאַרן טויט איז אים נאָך געווען פרעמד.

און אינאיינעם מיט דעם האָט ער דאָך אַזוי שאַרף געפילט, אַז ער ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ עלטער און עלטער, — וואָס אַ טאָג ווערט ער אַלץ געפערלעכער מיטל-יעריק... ער איז שוין אַלט געווען איצט ניין און דרייסיק יאָר.

מיט שרעק און גרויל און אַ קילקייט אין האַרצן האָט ער גע־טראַכט, אַז נאָך איין יאָר—און ער וועט שוין זיין אַלט פערציק.

דאָס יאָר פערציק האָט געהאַט פאַר אים אַזאַ קילנדיקן קלאַנג, ווי דאָס פאַלן פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער זאַך אויף יענער זייט גרענעץ פון באַוווּסטזיין. דער דאָזיקער קלאַנג, האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט אין דער לופט, אין אַ מאָדנער גרויער און אָפּגעריבענער פאַרב:

—פערציק, פער־ר־ר־רציק, ר־ר־ר-ר:

ו

ער האָט אַ שטיק צייט אַליין אַרומגעבלאָנדזעט איבער די פּאַר־שנייטע פעלדער.

פון גאָר ווייס, איבער די שיינענדיקע פעלדער, האָבן זיך גע־טראָגן אַהער נידעריק־ערדיקע, טויבלעכע קלאַנגען פון צוגן, וועלכע זענען געלאָפן איבער היפּשלעך־ווייטע רעלסן,—אַזוי קלאָר און שטיל איז געווען די לופט.

ד״ר באַרקאַנען האָט אָנגעהויבן ווי טאָן אַ פוס—ער האָט אים דערמאָנט אָן זיין רעוומאַטיזם.

ווי פון אַ חלום, אין דער ווייט אַוועקגעצויגן. האָט עס זיך אַ טרייסל־געטאָן. ער האָט זיך אַליין געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— ביסטו שוין אַלט, ד״ר באַרקאַן. עך, מער טויגסטו נישט, ווי אויף צו זיין אַ פּראָפעסאָר.

אין דרויסן איז געווען קאַלט און שנייאיק און תכריכמדיק־ווייס. און ער איז אַוועקגעגאַנגען אַהיים שלאָפן.

ז

אויף מאָרגן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אַ פאַרוווּנ־דערטער. אין שלאָף איז מיט אים עפּעס געשען: פאַרטאָג איז ער ערגעץ געווען.

די טיר פון זיין צימער איז אָבער געווען שטאַרק פאַרמאַכט. דער שטול איז נאָך געשטאַנען פונקט קעגנאיבער דעם טיר־הענטל: ניין. ער איז אין ערגעץ נישט געווען. ער האָט דאָך אָבער, דוכט זיך, אינם פאַרטאָג אַליין געזען, ווי אַ הויכע פרוי, אין אַ ווייסן שלאָפהעמד מיט זיידענע שפּיצן, מיט ראָז־באָרוועסע פיס, איז צו אים געקומען אין צימער און האָט זיך נעבן אים אַנידערגעזעצט אויפן בעט. זייער קלאָר, זייער קלאָר: זי האָט זיך אפילו געדרייצט מיט אים, ווי מיט אַ קינד:

— באו־או־או... באו־או־או...

— וואָסזשע... איז עס געווען בלויז אַ האַלוצינאַציע?

אַ גאַנצן פרימאָרגן איז שוין ד״ר באַרקאַן אַרומגעגאַנגען אַ מי־

דער, אַן אומרויקער, אַן אָפּגעלאָזענער. נישט די קאַלטע וואַנעס, נישט די גימנאַסטישע איבונגען האָבן געהאָלפן אים אַ סך.

— צו אַזאַ אַלטן פאַרזעסענעם בחור, אַ נעוראַסטעניקער, ווי ער, קומען פרויען אין צימער אַריין טאַקע בלויז אין חלום.

דער דאָקטאָר איז געווען אַזוי צעבראָכן און אַזוי מיד, אַז ער האָט זיך אינגיכן געמוזט צוריק אַריינוואַרפן אין בעט אַריין.

ער איז אַזוי אָפּגעשלאָפן ווייטער דעם גאַנצן טאָג

ח

אַז ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, איז שוין געווען טונקל.

ער האָט זיך אומגעדרייט צום פענסטער. פון דרויסן האָט קיל אַריינגעשיינט אַן אָוונטיקע ליכטיקייט. פון דעם איז געוואָרן ד״ר באַרקאַנען גרינג און ליכטיק אַזוי אין קאָפּ.

אים איז געווען וואַרעם. ער האָט געשוויצט, ווי ער וואָלט אָקאָרשט אַריבערגעגאַנגען די גרענעצן פון אַ שווערער קראַנקהייט. נאָר ער האָט זיך געפילט שטיל, באַרויקט און אויסגעשלאָפן.

אין אַ ווינקל פון דער צימער-טונקלקייט האָט זיך געוויסט אַ מאַרמאָרענע סטאַטועטקע.

אַ דורכזיכטיקע, רויז-ווייסע פרויען-פיגור אין אַ לאַנג-געפאַלדע־וועטער גריכישער טוניק פאַלט צו צו אַ קאַלטן שטיין אין אַן אָוונטי-קער תפילה.

ער האָט אין דעם דערקענט אַ מאַרמאָר־פיגור פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן סקולפּטאָר, וועלכער האָט פאַראייביקט זיין נאָמען אויפן פיעדעסטאַל פון דער סקולפּטור. דניאל שאָקער איז געווען דער נאָמען פונם אומבאַקאַנטן סקולפּטאָר, און דער נאָמען פון זיין אַרבעט איז געווען: „אָוונט”.

ט

ד״ר באַרקאַן האָט דאַן דערפילט, אַז ער וועט האָבן איצט אַ לאַנגן שטילן אָוונט מיט זיך אַליין.

ער איז אויפגעשטאַנען, אַ שטיקל צייט אַרומגעגאַנגען איבערן גרוימען צימער מיט שנעלע, לאַנגע טריט.

אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן טיש און נערוועז־אויפגע־רעגט אַרומגעוואָרפן זיינע הענט אין דער לופטן.

און אין אַ פּאָר מינוט אַרום באַמערקט ער מיט חלום־פאַר־טרונקענע־אויגן:

— דאָס האָט ער אָקאָרשט געענדיקט אַרונטערוואַרפן אַלע בי־כער און זשורנאַלן פון זיין אַרבעטס־טיש. ער פאַרשפּרייט איבער אים אַ ווייסן טישטוך,— אַ ירושה פון זיין אַמאָליקער וויטער היים. דוכט זיך, אַז אין דערהיים פלעגט עס פאַרשפּרייט ווערן אויפן טיש יעדן פרייטאָג-צו-נאַכטס.

דאָס איז, אייגענטלעך געווען זיין איינציקע דערמאַנונג אָן זיין יידישער אָפּשטאַמונג.

אין די גלעזערנע לייכטער אויף זיין טיש צינדט ער אָן פיר־קאַנטיקע וועקסענע ליכט, וועלכע זעען אויס, ווי קליינע זיילן פון אַ גריכישן טעמפּל.

די פענסטער זענען געווען פאַרפרוירן. און די אויסטערלישע מוסטערן און פאַרשידנפאָרמיקע פּאַלמען, וועלכע זענען דאָרט געווען אָנגעצייכנט אינם פאַרפרוירענעם טוי, האָבן אים דערמאָנט אָן ווייטע, טראָפּישע לענדער, וועלכע ער האָט געזען אין זיין קינדהייט אין די געאָגראַפישע טעקסט-ביכער.

און אין איינעם אַ זומער!

דעם פּריוואַט־דאָצענט האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן באַנג־טון, פאַרוואָס ער האָט פאַרפעלט צו לערנען אין זיינע סטודענטן-יאָרן איינע אַ געוויסע שיינע וויסנשאַפט: קריסטאַלאָגראַפיע. אַרבעטנדיק אין אַ כעמישער לאַבאַראַטאָריע, האָט ער אַמאָל געזען, ווי צעשמאָלצענער שוועבל, נאָכדעם ווי ער קילט זיך אָפּ, הויבט זיך אָן צו קריסטאַלי־זירן און צו פאַרוואַנדלען אין שפּיציקע נאָדלען, וועלכע וואַרפן זיך שנעל איינע אויף די אַנדערע, ווי לעבעדיקע באַשעפענישן און שיסן אין אַלע ריכטונגען. עס איז געווען אַזוי שיין.

—ווי גרויס עס איז גאָטס וואונדער... און וויפל טרייסט, און שיינ־קייטן און זעונגען עס זענען נאָך דאָ פאַרן עלטערן מענטשן, וועל־כער קאָן שוין אַליין נישט לעבן און מוז שוין בלייבן שטיין אָן אַ זייט פון אַלץ און אַלעמען — — —

ט

ד"ר באַרקאָן שטעלט אַרויף אויפן טיש אַ פלאַש טאָקיי. און דערביי לייגט ער אַוועק אַפּאָר ציטרינען. זיי זענען ביי אים איבער־געבליבן פון דער לעצטער פאַרקילונג, וואָס ער האָט געהאַט נישט לאַנג צוריק, ווען ער האָט זיי געברויכט אויף אַ רפואה. ער האָט דאַן געטרונקען הייסן לימאָנאַד.

איצט אָבער האָבן אים די ציטרינען דערמאָנט אָן זומער און אָן ווייט טרוימלאַנד... דערמאָנט האָבן זיי אים אין איינעם אַ זומער, מיט אַ יאָר זיבעצן צוריק, ווען ער האָט איבערגעלעבט עפּעס שיינס, — עפּעס שיינס, וואָס ער האָט זיך אָבער אַליין פאַרסמט.

אים, דעם אַלטן, דעם געפּרוירענעם, דעם וואַסער־בלוטיקן, האָט זיך עס שוין איצט אַליין נישט געגלויבט, אַז דאָס זאָל האָבן פּאַסירט מיט אים. —

— דאָס איז שוין געווען אַזוי לאַנג צוריק...

לאַנג, לאַנג צוריק.

יא

ס'וועלן נאָך זיין אַ סך ווינטערדיקע אָוונטן און ד"ר באַרקאַן וועט זיין אַ גאַנצן ווינטער אין דער פרעמד; דערנאָך — אַ קורצער זומער. און ווייטער — ווער ווייס וויפל יאָרן און יאָרן און יאָרן — אַלץ אין דער פרעמד.

אַן אַלטער פאַרזעסענער בחור — וואָס נאָך האָט ער דאָס אין לעבן? — וועט ער שוין אַזוי זיצן אין די אָוונטן און טראַכטן פון זיין אַמאָליקער, נאַרישער און היציק־ערלעכער יינגלשקייט.

— ווען אַפילו דאָס טראַכטן איצט איז שוין צו־שפּעט...

זאָלן כאָטש די טראַכטונגען נישט פאַרשווונדן! און וואָס בלייבט פון טראַכטונגען, — האָט ד"ר באַרקאַן ווייטער געטראַכט — ווען זיי ווערן נישט לעבעדיק און אייביק־געמאַכט דורך אַ קליינער שוואַרצער בליונג אויף אַ ווייסן פּאַפּיר?

האָט ער ביים פלאַש וויין אַנידערגעשטעלט אַ טינטער.

און עס איז נישט געווען דער וויין, נאָר די טינט, וועלכע

האָט אים שוין אין משך פון אַ סך, אַ סך פון די קומענדיקע נעכט פֿאַרשיכּורט.

אין דרויסן האָבן פֿורן געסקריפּעס אויפֿן פראָסט.

ערשטער טייל: ארונטער

.1

דער עקספּרעס־צוג, דער סאַן־פראַנציסקאָ־„פליער", האָט זיך געטראָגן קיין ניו־יאָרק.

דורך די פענסטער האָבן זיך שוין זינט אַ מעת־לעת געזען צוריק־לויפנדיקע לאַנדשאַפטן, פעלדער, וועלדער. איינצלנע הייזלעך, קלענערע און גרעסערע שטעט. און אַלץ איז שוין געווען איינגע־טונקט אין גרינס און אין שוין צייט־ווערנדיקע בליונגען.

עס איז געשטאַנען אַ גאָלדענער אָנהויב־זומער אין לאַנד

באַרקאַן האָט זיך פויל געצויגן אויפן פלושענעם בענקל האַרט ביים פענסטער. האָט זיך פרום און נאָכאַנאַנד געטרייסלט אין פינקט־לעכן איינקלאַנג מיט די באַוועגונגען פונם צוג, וואָס האָט זיך גע־חנדלט, געדרעגט און געוואָרפן און צוריק־געוואָרפן, ווי אַן איידעלע, באַוווסטזיניקע שטאָלענע חיה.

פאַר די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק שטונדן איז ער שוין צו דעם צוגעוווינט געוואָרן, און צוגעוווינט איז ער אויך געוואָרן צו די לאַנדשאַפטן און די צוריק־לויפנדיקע פעלדער און טאָלן. זיי זענען געווען היינט, דינסטאָג נאָכמיטאָג, דיזעלבע וואָס נעכטן, מאָנטאָג פרי.

ער איז שוין געפאָרן זינט עטלעכע וואָכן, דוכט זיך, און אים האָט עס נישט געאַרט. אָ, ער וואָלט אַזוי געווען געפאָרן, זיך טרייס־לענדיק און האָפקענדיק אין האַרמאָניע מיט די צוג־קאָנוווּלסיעס, אַפילו נאָך עטלעכע וואָכן, ביז וואַנען—דער זומער וואָלט געווען פאָ־

ריבער און דאָס גאָלד וואָלט געגומען רויט ווערן אַזוי לאַנג וואָלט ער געפּאָרן... נאָר דערווייל איז נאָך געשטאַנען דער אָנהויב-זומער.

פאַרן לעצטן מעת־לעת האָט ער כמעט ווען גאָרנישט געטראַכט. די רויקייט פון דער ווייטער וועסטלעכער שטאָט, וועלכע האָט אים געהאַלטן געפאַנגען אין אירע שטילע גאַסן פאַר העכער דריי יאָר, איז נאָך געווען אין אים פּונקט ווי אויסן אים,—אויף די זומערדיקע פעלדער און טאָלן, וואָס האָבן זיך זוניק געצויגן פאַזע די אייזנבאַן־שינעס. עס איז געווען שטיל אַזוי און עס האָט זיך עפּעס אַלץ געחלומט דאָס רויקע פייפן פון אַ פאַסטוכל אויף די פעטגראָזיקע סטעפּעס פון א י נ ד י אַ נ אַ.

באַרקאַן האָט פאַרן לעצטן מעת־לעת כמעט ווען גאָרנישט געטראַכט. ער איז געווען צו רויק און לויטער ער זאָל אַפילו קאָנען מאַכן אַן אָנשטרענגונג אויף וואָס כ׳איז נישט איז. ער האָט גלאַט אַזוי די גאַנצע צייט געטינקט זיין בליק אין די אַרומיקע בערג און טאָלן׳

אָבער איצט, ווען דער צוג איז געלאָפן פאַזע דעם באַוואַלדעטן האָדסאָן-ברעג, האָט זיך שוין גראדע יאָ אָנגעהויבן טראַכטן, און עס איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז זיין נשמה, — זיין נשמה, וועלכע האָט שטענדיק געלעכצט נאָך רו, — האָט זיך אומבאַוווסטזיניק פאַר אים, באַרקאַנען, אַליין דעריבער אַלץ געדרייט און געקרייזט זיך אין דער זוניקייט פון די אַרומיקע פעלדער און טאָלן, דעריבער זיך אַלץ געפּלאָנטערט אין דער אויף־הינטן-איבערגעלאָזענער שטילקייט פון דער ווייטער וועסטלעכער שטאָט, ווייל זי האָט אַלץ געוואָלט אויסמיידן דאָס באַגעגעניש מיט איינעם אַ פּונקט, — מיט אַ געוויסן, ערגעץ באַגעגנטן און איבערגעלאָזענעם פּונקט.

נאָר ווי אַ זומער־פייגעלע, צוגעצויגן דורך די ברענענדיק־לויכטנדיקע בליקן פון שלאַנגישע שאַרף־גלאַנצנדיקע אויגן, איז זי, די נשמה זיינע, קעגן איר ווילן, אַלץ געצויגן געוואָרן איצט און ווידער צוגעצויגן געוואָרן צו אָט יענעם פּונקט. מיט אַ פאַרדרייטן קאָפּ און אין זיגזאַגן איז דער פויגל אַלץ געפלויגן אויסן וועג צו ד ע ם.

דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט ניו-יאָרק. באַרקאַן האָט געטראַכט:

— געווען איז עס דאָך טאַקע אַמאָל אין ניו־יאָרק... ער האָט דאָרט איינע אַ פרוי ליב געהאַט. זי האָט אים אויך ליב געהאַט,— זי האָט אים נאָך מער ליב געהאַט, — גוט. האָט זי אָבער געהאַט אַ מאַן און ער, באַרקאַן, האָט זיך נישט געוואָלט באַגנוגענען מיט דער ראָלע פון אַ געליבטן. זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען. וועמענס שולד איז עס געווען?

עס איז שוין איצט געווען שווער צו געדענקען, ווייל עס זענען שוין פאַרלאָפן זינט דאַן דריי יאָר

דריי יאָר... נאָך איידער די דריי יאָר פון צעשיידונג האָבן זיך אָנגעהויבן, זענען געווען אַ סך און אַ סך חדשים. באַשטייען חדשים פון וואָכן, און וואָכן — פון טעג און טעג האָבן אָוונטן. יענע אָוונטן און יענע נעכט מיט איר... דאָס פייער פון יענע אָוונטן און נעכט האָבן אים געלויכטן און געוואַרעמט דורך די גאַנצע דריי יאָר.

דער צוג האָט זיך אויף עטלעכע סעקונדן אָפּגעשטעלט אין יאָנקערס, און אינאיינעם מיט אים, — די געדאַנקען. נאָר באַלד האָט דער צוג ווידער אָנגעהויבן רודערן; באַרקאַן האָט ווייטער געטראַכט:

— מיט דריי יאָר צוריק האָבן זיי זיך צעשיידט. איצטער, אַז ער וועט קומען אין ניו-יאָרק, איז עס פעסט באַשלאָסן: ער וועט זי נישט זען. האָט ער זי נאָך אַלץ ליב? נו, זיכער. אַז נישט — פאַר־וואָס־זשע באַשטימט ער עס אַזוי פעסט זי נישט צו זען? אָבער צו־ריק גערעדט: האָט ער זי נאָך אַלץ ליב — פאַרוואָס־זשע זאָל ער זי טאַקע נישט זען?

וועגן דעם האָט ער טאַקע איצט געטראַכט און רעזאָנירט. ער האָט זי אַמאָל ליב געהאַט — שטאַרק ליב געהאַט. און זיינע באַ־ציונגען צו איר זענען נישט געווען די וואָיל־באַקאַנטע באַציונגען פון אַ „לינקער" ליבע — אַלנפאַלס, נישט אויף זיין זייט, אָבער עס איז נישט ווילנדיק פאָרט אויסגעקומען אַזוי: נישט זיין שולד געווען. ער פלעגט זי ליב האָבן ביינאַכט, נישט בייטאָג. און אין זיינע ערי־

נערונגען וועגן איר, איז זי פאַר אים דעריבער אַלעמאָל געלעגן אַן אויסגעטועטע, אַ נאַקעטע, אַ ווייבלעכע, אַ נאַכטיקע.

אַ רייצנדיקע מחשבה האָט באַרקאַנען איצט אין מוח געפּיקט:

— און אפשר... אַלץ איז דערפאַר, ווייל ער איז נאָך יונג? אַן „ערפאַרונג" און אַן „לעבנס־קלוגהייט" און די אַלע שיין־קלינגנדיקע אייגנשאַפטן, מיט וועלכע, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, דעקט־מען צו איינעמס שאַנד און נידריקסטע זינדיקייט? ער האָט דאָך פון איר, סוף־כל־סוף, אַלץ, אַלץ געהאַט. און דערצו נאָך, אָן שום פאַרפליכ־טונגען און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן אויף זיין זייט!... אַך, עמעצער אַנדערש אויף זיין פּלאַץ...

נאָר ער איז נישט געווען עמעצער אַנדערש; ער איז געווען — ער, באַרקאַן. און ער, באַרקאַן, האָט יאָ געוואָלט די פאַרפליכטונגען און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן. ער האָט געהאַלטן: דעם לעבן צאָלט דאָך יעדער איינער פאַר דעם, וואָס ער קריגט פון אים, — אויב מען צאָלט אויך נישט אפילו פאַר דעם, וואָס מען קריגט נישט פון אים... און ער, באַרקאַן, האָט אויך געוואָלט באַצאָלן זיין חלק. קיין נדבות דאַרף ער נישט. און אַ נאַכטיקער גנב זיין — דאָס אוודאי נישט.

— נאָר פאַרוואָס־זשע — נדבות? ער האָט דאָך איר ליבע מיט דערזעלבער ליבע אומגעקערט.

— יאָ, טאַקע, מיט דערזעלבער ליבע — דורך די נעכט...

— אָבער געוואָלט האָט ער זי האָבן דורך די טעג — אין דער זון, ווי זיין, באַרקאַנס, נאַטור אינגאַנצן איז געווען — אַ זוניקע. ער האָט איר געוואָלט עפענען זיינע אוצרות — די וווּנדערלעכע אוצרות פון אַ פּשוטן מענטשן.

— צו הויך האָט ער אפשר פון איר און פון זיך אַליין גע־טראַכט?

אָבער דורך די טעג, אין דער זוניקער לופט פלעגט זי פאַר אים אַזוי אויסוואַקסן, — אויסוואַקסן אין דער הויך, ביז צו דער זון. און ער האָט פון איר, דער זוניקער, נישט געוואָלט מאַכן קיין בלויזן נאַכט־טאָפּ פאַר זיינע מאַנסבילשע באַדערפעניש.

— איז ע ר עס אפשר געווען דער, וועלכער האָט זי צו דער

זון אַרויסגעשלעפּט? און איז דאָרטן געווען איר פּלאַץ?

באַרקאַן האָט געוואָלט דענקען, אַז עס איז אַזוי, — דאָרט איז, דאָרטן דאַרף זיין דער אָרט פון יעדן מענטש. און אויב נישט — וועט ער זי אַהינצו אַרויפשלעפּן — צו זיך און צו דער זון.

ער פלעגט דאָך צו איר תמיד זאָגן מיט זיינע שטילע, מיט זיינע שווייגנדיקע ליפּן:

— לאָראַ... לאָמיר זיךביידע ציען צו דער זון, דער געבערין פון ליכטיקן און קלאָר־אויפריכטיקן לעבן.

נאָר זי איז פון דעם מאַן נישט אַוועקגעגאַנגען. זי איז געווען צו גיריק. האָט געוואָלט אָנהאַלטן ביידע זאַכן: די באַקוועמלעכקייטן פון דעם הויז מיט די לוקסוסן, וואָס איר מאַן, דער רייכער שיך־פאַבריקאַנט, האָט איר געקענט פאַרשאַפן. און די ביינאַכטיקע פאַר־געניגנס פון איר לינקער ליבע מיט אים, באַרקאַנען.

ער איז דאַן אַוועקגעפאָרן פון ניו־יאָרק.

דריי יאָר זענען שוין איצט זינט דעמאָלט געווען פאָריבער.

און אין די דריי יאָר דאָרטן, אין דער וויטלעכער שטילער שטאָט, פלעגט ער פון איר אָפט טראַכטן. ער וואָלט עס איר צוגע־געבן גאַנץ אָפן — און זאָל עס שמייכלען איר ווייבערישער נישטי־קייט און גאווה. ער וואָלט איר דערביי אָבער אויך צוגעלייגט: אין זיינע ערינערונגען וועגן איר האָט ער זי געזען אַזוי, ווי ער האָט זי געזען אין לעבן: אַן אויסגעטועטע, אַ נאַקעטע, אַ ווייבלעכע, אַ נאַכטיקע.

אינם טומל פון די צוג־רעדער און אינם זיך וואָס מער און מער דערנענטערנדיקן טויבלעכן גערויש פונם ריזן־כרך, האָט באַרקאַן ביי זיך אָפּגעמאַכט:

— ער וועט זי אין ניו־יאָרק נישט זען. נישט אויף אַזאַ אופן. די כומע פון זיין לעבן וויל ער נישט באַרייכערן מיט אַזוינע דער־פאַרונגען — זיי זענען אינגאַנצן אומפרוכטבאַר: ער וועט זי נישט אויפזוכן.

און עמעצער, אַ קליין פּאַיאַצל, האָט אים אין אויער אַריין געשעפּטשעט מיט אַ כיטרען שמייכעלע:

— באַרקאַן... באַרקאַן... ביסט נאָך אַלץ נישט עלטער געוואָרן, האַ? ס'איז שוין לאַנג צייט!..

און באַרקאַן האָט אויף דעם געענטפערט מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט זיך נישט־באַוועגנדיקע ליפּן:

— איך... איך וועל, אַפּנים, שוין כסדר בלייבן יונג... איך שטאַם פון אַזאַ ראַסע.

און דאָס פּאַיאַצל מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ האָט אים אויף דעם כיכיקענדיק אָפּגעענטפערט:

— שוטה.

עס איז געוואָרן פאַרנאַכטלעך. א־ן צוג איז געווען טונקל. מען האָט נאָך קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. און באַרקאַנען האָט זיך אומגעקערט יענע רויקייט און נישט־טראַכטנדיקייט פון פאַרגאַנגענעם מעת־לעת. די שטילקייט פון דער ווייטער וועסטלעכער שטאָט האָט אים ווידער אַרומגערינגלט — אפשר צום לעצטן מאָל.

דער צוג איז אַריינגעפאַלן אונטער ז'עם ריזיקן גלעזערנעם קופאָל פונם גרענד־סענטראַל־וואָקזאַל

2

עס זענען פאָריבער אַ פּאָר וואָכן.

דאָרטן, אינם שטילן פּאָטערשן הויז, האָט באַרקאַן די מערסטע צייט פאַרבראַכט. דאָס הויז האָט געהאַט פענסטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויף ברייטע, ליידיקע פעלדער.

באַרקאַן האָט זיך אָפּגערוט. עס האָט זיך אים נישט איבעריקס געוואָלט אינם רוישיקן קאָך פונם נידעריקערן איסט־סייד זיך אַריינוואַרפן. ער האָט געוווסט: דאָרטן וועט ער, באַרקאַן, אויפגעלייזט ווערן און — גאָרנישט דערפאַר קריגן. עס האָט זיך נישט געלוינט

ער איז בטבע געווען אַ שטילער יונגערמאַן.

זייער הויז האָט זיך געפונען אין אַ ווייטן, אָן־אַ־זייטיקן ווינקל פון

די בראָנקס. און ווייט און אָן־אַ־זייט און אַוועק פון זיינע טומלדיקע פריינט, האָט זיך באַרקאַגען געוואָלט אויסבליען צוזאַמען מיטן זומער.

אָט אַזוי זענען פאַריבער די ערשטע פּאָר וואָכן.

פון לאָראַן האָט ער כמעט, ווי נישט געטראַכט, ווייל באַרקאַן פלעגט טראַכטן מיט זיין בלוט, און זיין בלוט איז שוין צו לאָראַן לאַנג אָפּגעקילט געוואָרן.

דריי יאָר... בלויז אין זיין געדעכעניש איז אים עפּעס פון איר איבערגעבליבן — אַ בלייכע ערינערונג: אַ דינע, נעפּלהאַפטע דערשיינונג פון אַ זומערדיקן טאָג, וואָס איז אַ מ אָ ל געווען. נאָר די דאָזיקע דערשיינונג איז, ווי אַ דינער, כמעט־דורכזיכטיקער וואָלקן, צערונען געוואָרן באַלד אינם אַרומיקן זומער

עס פלעגט זיך אָבער אַן אַנדערש מאָל מאַכן, אַז דער זוניקער דרויסן פלעגט גראָד יענע ערינערונגען פון דעם ווינקל־מוח אין זיין געדעכעניש אַרויסברענגען; ער פלעגט זיך ווידער דערמאָנען אָן לאָראַן.

דאָס פלעגט פּאַסירן אין די ניו־יאָרקער שבתים — אום זונטיקס, ער פלעגט נעמען דאַן לאַנגע שפּאַצירן. אין די שטילע, שבתדיקע, זונטיק־פרימאָרגנס פלעגט באַרקאַן זיך לאָזן גיין אויף די ליידיקע און אומבאַזעצענע גאַסן פון יענעם וויטן טייל בראנקס, וווּ זיין פאָטערס הויז האָט זיך געפונען. זונטיק פרימאָרגן — אַליין.

און גייענדיק אַליין אויף יענע ווייטע ליידיקע גאַסן, ווו בלויז פון צייט צו צייט פלעגט זיך דערזען אַ קליין הילצערן קירכעלע, פון וועלכן עס פלעגט אַרויספאַליען אַ שטיל נידעריק אָרגל־ברומען און אַ געזאַנג פון יונג־פרויען, פונם כאָר — פלעגט זיך דעמאָלט באַרקאַן דערמאָנען אָן לאָראַן. פאָרויס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע ברייטע גאַס — רענדאָלל עווענו, בוימער און ערשט־אויסגעלייגטע אַספאַלטן־טראָטואַרן אויף ביידע זייטן. צווישן די טראָטואַרן — זאַמד און ליידיקייט. העכער, איבערן זאַמד, אַ בלויע זוניקע לופט. און די עוועניו ציט זיך ווייט — ביזן זוים פון דעם מזרח־טייך.

באַרקאַן פלעגט דעמאָלט דערפילן נעבן זיך, אויף זיין רעכטער זייט, אַ ליידיקייט — אַ נישט פאַרנומענעם פּלאַץ. דאָרטן האָט עמעצער איצט געדאַרפט גיין ביי דער זייט — לאָראַ... און צוזאַמען

וואָלטן זיי געשפּאַצירט איבער דער ווייסער זונטיקדיקער גאַס — צו דער זון, צו דער זון.

ער פלעגט אָבער באַלד דאָס גלייכגעוויכט צוריק איינשטעלן און פלעגט שוין קומען אַהיים אַ שטילער, אַ באַרויקטער, מיט אַ לאַכנדיקן פּנים. ער פלעגט זאָגן זיינע היימישע:

— גוט-שבת.

זיינע היימישע.

האָבן זיי ווען־עס־איז עפּעס געוווּסט פון דעם, וואָס איז פאָר־געקומען צווישן אים און לאָראַן? פון צייט צו צייט פלעגט באַרקאַן אונטערהערן ביים טיש איין געשפּרעך און אַן אַנדער; מען פלעגט אַמאָל פאַרבייגייענדיק דערמאָנען איר נאָמען.

און אים האָט זיך שוין אַלץ געדאַכט, אַז דאָס ווערט עס צוליב זיינעטוועגן גערעדט וועגן איר... ער האָט זיך אָבער אַלץ קיינמאָל וועגן איר נישט נאָכגעפרעגט. גאָרנישט געוואָלט פון איר הערן און פלעגט דאָך אין מוח גיריק אַריינעמען יעדע קלייניקייט, וואָס זיין אויער פלעגט אין הויז אויפכאַפּן וועגן לאָראַן.

ער האָט שוין ביי אָט דער צייט געוווּסט:

—זי איז נישטאָ איצט אין שטאָט, לאָראַ. זי געפינט זיך ערגעץ אויפן לאַנד, איבערן זומער, אין קאָנעקטיקוט, צי אין מאַסאַטשו־זעטס — ער האָט זיך נישט גוט איינגעהערט.

און אין איינציקע טעג שפּעטער האָט זיך אים שוין אַ פּאָר מאָל געחלומט דורך די נעכט:

—אַ שטיל, ווייס דערפל צווישן בערג; אַ יונגע פרוי אין ווייסן.

אַמאָל פלעגט זי צושיקן אַ בריוו — זי איז געווען באַפריינדעט מיטן גאַנצן הויז זייערן: דערהויפּט מיט די ייִנגערע מיטגלידער פונם הויזגעזינד.

ראָזע, באַרקאַנס עלטערע שוועסטער, האָט אים, באַרקאַנען איינמאָל אַ זאָג געטון:

— בוזי, עס איז דאָ אַ בריוו פון אַ פריינט.

— פון אַ פריינט ?... פון וועמען ?...

— פון לאַראַן...

— לאַראַ ? לאַראַ... אָ, יאָ, איך דערמאָן מיך טאַקע: דאָס איז דאָך מאַדאַם ווייספעלד, דעם שוך־פאַבריקאַנטס פרוי ?

אַרום ראָזעס ווינקלען האָט זיך דעמאָלט באַוויזן אַ קוים־באַמערקבאַ-רער, „דערצייל־מיר־נישט־קיין־מעשה"־שמייכל. זי האָט געזאָגט:

— נו, פאַרוואָס־זשע פרעגסטו נישט, וואָס שטייט אינם בריוול?

— איך מיש מיך נישט אין יענעמס קאָרעספּאָנדענץ.

— זי לאָזט אַלעמען גריסן.

— יאָ ?

— גאָר הערצלעך.

— אַזוי ? זייער ווויל.

— זי לאָזט דיך אויך גריסן. זי פרעגט זיך נאָך אויף דיר.

— אַזוי... זייער אָנגעלייגט.

די שוועסטער איז אַוועק אַ ברוגזע, וואָס זי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פון אים דערוויסן.

ווייס זי שוין, הייסט עס, אַז ער, באַרקאַן, איז דאָ אין ניו-יאָרק... פון וואַנען ווייס זי עס ? מען קאָן זיך גאָר פון זיי נישט אויסבאַהאַלטן: דער שוואַכער, פאַסיווער געשלעכט ! ער האָט געוואָלט זיצן אין פרידן, ערשט.

ער האָט איבערגעבעטן די שוועסטער:

— ראָזע...

זי האָט אים אַרויסגעשטעקט אַ צינגל:

— וועל ?

— דו שרייבסט איר בריוו ?

— וועל ?

— איז...

— ...איז זאָל איך זי לאָזן גריסן פון דיין נאָמען ?

— יאָ, פארוואָס דען נישט ?

— המ... ווער זאָגט דען עפּעס

און ער האָט באַלד חרטה געהאט. גיב דעם טייוול אַ פינגער...

און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, זיצנדיק ביי זיך אין צימער, ווו די טיר איז געווען אָפן, האָט באַרקאַן מיטאַמאָל געהערט, ווי ראָזע האַלט אין לייענען אַ בריוו פון עמעצן:

— „...וועט קיינמאָל זיין, נאַרעלע... ווי פאַרברענגט זי די צייט? עס, משטיינס געזאָגט, פאַרברענגען... מיט וועמען עס איז דאָ אין אָט דעם העק צו פאַרברענגען,, אומעטיק... פאַרוואָס קומט קיינער נישט צו איר אַרונטער? אָט לאָז עמעצער פון די באַרקאַנס קומען צו איר. אַרויספאָרן איבער זונטיק... זי, ראָזע, צום ביישפּיל...“

באַרקאַן האָט פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, ווייל אים האָט זיך געוואָלט רויכערן. ער האָט דורכן רויך שוין דערהערט דעם ענד פונם בריוו:

— „...זאָל קומען נאָך עמעצער... די קלענערע שוועסטער, פרידאַ, צי עמעצער אַנדערש. גאָט, ווי אומעטיק עס איז דאָ אויפן לאַנד...“

דורכן רויך האָט באַרקאַן עפּעס געטראַכט, האָט קלאָר נישט געוווסט — וואָס; דער רויך האָט אים דעם קאָפּ פאַרטשאַדעט.

עס איז ערשט געווען אָנהויב יולי.

3

ער האָט אָנגעהויבן אָפטער אַרונטערצופאָרן דאַון-טאַון *), די איינזאַמקייט און אָפּזונדערונג האָט אָנגעהויבן ווערן שטאַרק איינטאָניק. מען האָט געדאַרפט ווידער צונויפשטעלן די פאַרבינדענישן מיט דער אַרומיקער וועלט.

ער פלעגט אַרונטערפאָרן אין די אָוונטן אַמייסטן. די אָוונטן פלעגן פאַרשענערן דעם אויסזען אפילו פון דעם אומריינעם, פילדערנדיקן דאַון-טאַון. די שטילע טונקלקייט פלעגט פאַרדעקן און אָפּווישן די שאַנד פון דער שטאָט. און דאָס ביסל זינד און אומווירדיקייט,

*) נידעריקער טייל אין ניו-יאָרק; אַ ייִדישער קוואַרטאַל.

וואָס איינער מוז שוין באַגיין, איז אויך אָם אַנגעגעמסטן און אָם גרינגסטן צו אויספירן אונטער דעם צודעק פון דער נאַכט.

פון די אַלע אָוונטן פלעגן זיך אויסטיילן, ווי קליינע ליכטיקע אינזעלעך, די אָוונטן, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט מיט בערטאַן.

אַ ווויל מיידל געווען, די בערטאַ. געווען באַרקאַנען אַ געטרייער און איבערגעגעבענער פריינט. די איינציקע פערזאָן אין ניו־יאָרק, מיט וועלכער ער פלעגט די גאַנצע צייט קאָרעספּאָנדירן. באָר ער איז נאָך דעם גאַנצן מאָנאַט צייט פונדעסטוועגן צו איר נישט אַרויסגעפאָרן. פאַרוואָס? אַ שאָד, אַ ווויל מיידל, די בערטאַ.

אַמבעסטן פלעגט ער ליב האָבן צו קומען צו איר, נישט לאָזנדיק זי וויסן פאָרויס וועגן זיין באַזוך. וואָרום, האָט זי פון דעם יאָ געוווסט — פלעגט שוין באַרקאַן טרעפן דאָס הויז איבערפולט מיט באַקאַנטע בחורים. ס'האָט געהייסן: דאָס, וואָס זי, בערטאַ, האָט אים אַזוי גערן, איז נישט אַ רעזולטאַט פון אַ דוחק אין בחורים, חס ושלום, נאָר פשוט: זי האָט אים, — אים, באַרקאַנען, ליב און — פאַרטיק. און פאַרוואָס איז ער אַזוי... אַזוי שלעכט?

ווען דאָס הויז איז געווען איבערפולט מיט בחורים, פלעגט זי שטיפן מיט זיי, שפילן און פלירטעווען מיט זיי, און דערלויבן די בחורים אַזוינס, און געבן די בחורים אָנצוהערעניש און אויף אַזעלכע קערפּער-מתנות, פון וועלכע זיי, די בחורים, האָבן בלויז די העזה געהאַט צו חלומען, און צו קריגן בלויז אין די געדאַנקען. זיי פלעגט פון דעם דאָס בלוט אָנהויבן הייסער זידן, דאָס האַרץ האַסטיקער קלאַפּן, און יעדערער פון זיי איז געוואָרן בשעת-מעשה גוואַלדיק קלוג, פלעגט אויסטאַרטשען די ברוסט און זיך אין דער שטיל אָפּעסן דאָס האַרץ, פאַרוואָס ער האָט היינט אין אָוונט קיין שענערן קראַוואַט נישט אָנגעטון. זיי פלעגן פאַרכאַפּט ווערן אין היץ, און די אויגן פלעגן ביי זיי אָנהויבן בליצן און גלאַנצן. בערטאַ פלעגט דאַן אומבאַמערקט, אין אַ זייט, אַ קרומען, נצחונדיקן שמייכל טון.

זי פלעגט אַלע ווײַלע באַרקאַנען עמעצן אַנדערש פאָרשטעלן, אַז זי פלעגט אָבער סוף כל סוף באַמערקן, אַז דאָס אַלץ האָט אויף אים, באַרקאַנען, אַ גאָר קנאַפּע ווירקונג, און ווי ער זיצט אַזוי אָן אַ זייט און בלעטערט אַליין פאַר זיך די פּיאַנאָ־נאָטן — זי פלעגט זיך

אפילו וועלן טרייסטן: ס'איז בלויז אַן איבערפלעכלעכע גלייכגילטי־קייט, וועלכע דעקט צו אַן אינערלעכע אומרו — פלעגט זי דעמאָלט גאַנץ פשוט און אָן צערעמאָניעס דערמאָנען די בחורים, אַז זיי האָבן עפעס וויכטיקס איצט צו טון ביי זיך אין דער היים:

— נו, חברה, געזונטערהייט... איר זעט דאָך, אָט — איך האָב דאָ אַן אומעטיקן גאַסט — איך מוז אים אַביסל צעשטרייען.

אָט דאַן ערשט פלעגט זיך אויף באַרקאַנס ליפּן באַווייזן אַ שטילער שמייכל, — שטיל און אומגעזען, ווי די מחשבה, וועלכע האָט אים, דעם שמייכל, באַגלייט:

— אַזוי, אַזוי... דער קנעפּל האָט זיין אַרבעט אָפּגעטון — דער קנעכט קאָן שוין גיין.

און בערטאַ, צו וועמען אַ טייל פון דער אַרומיקער בחורימשער אויפרעגונג איז שוין אויך אַריבערגעפלאָסן, פלעגט באַמערקן דאַן באַרקאַנס שמייכל. זי פלעגט עס אָבער פאַרטייטשן אויף איר אופן. פאַרבייסנדיק די ליפּן, מיט פאַרמאַכטע אויגן, פלעגט זי זיך אַ וואָרף טון צו אים, און אַ ווילדע, זיך אַ זעץ טוענדיק אים אויף די קני, אָנהויבן זויגן אים די ליפּן—זויגן, זויגן זיינע שטילע ליפּן.

אַ ווויל מיידל, די בערטאַ. נאָר באַרקאַן האָט זי דאָך נישט ליב געהאַט, מסתמא צוליב איר איין גרויסן חסרון: זי האָט אים, באַרקאַנען, אַזוי שטאַרק ליב געהאַט — שוין צופיל ליב געהאַט.

און זי, בערטאַ, פלעגט דעמאָלט בלייבן זיצן נעבן אים אַ מידע און אַ אומעטיקע. סיי ווען ער איז געווען גלייכגילטיק צו איר, און סיי ווען ער פלעגט זי צערטלען און ליב האָבן. זי האָט אין דעם סיי ווי געזען בלויז אַ געצוווּנגענקייט פון זיין זייט און אַ צו־ליב־טון איר. ס'פלעגט ווערן שטיל. דער לאָמפּ האָט אַליין געברענט, אַליין און איינזאַם.

באַרקאַן פלעגט רעזאָנירן:

— פאַרוואָס איז עס טאַקע אַזוי... איז עס בלויז דערפאַר, ווייל בערטאַס ליבע איז אַזאַ לייכט־דערגרייכבאַרע?

און קוקנדיק אינם משך פון לענגערע מינוטן אינם שטילן

פייער פון לאָמפּ, האָט ער דערויף אַליין געענטפערט:

— ניין, ס'איז נישט דאָס.

ער פלעגט פאַרמאַכן די אויגן. בערטאַ האָט אים געגלעט די האָר און די וואַרעמע באַקן.

אונטער דער וואַרעמקייט האָבן זיך די אויגן נאָך שטאַרקער צוגעמאַכט. אַ ליכט האָט דורך די הייטלעך זיך אַריינגעזיפּט. אין דער האַלב-טונקלקייט, האַלב-ליכטיקייט, אונטער די אויגן-דעקלעך האָט אַ געשטאַלט אויפגעבליט. אַ שפּעט-אָוונטיקע און אָנהויב-נאַכטיקע פלאַנק: זי, לאָראַ.

— פון וואַנען האָט זי זיך גענומען! פון לאָמפּ, ווי אַ קליין פעעלע, אַ ספּריטנע מכשפהלע... זי, לאָראַ, איז עס, אפנים, די אור-זאַך פון זיין נישט-ליבן בערטאַן. ער, באַרקאַן, איז, קענטיק, איר נאָך אַלץ טריי... און פאַרוואָס? קיין פראַגן,—ער וויל איר זיין טריי.

אַ געלע ליכטיקייט האָט דורך די אויגן-דעקלעך געפלאָסן:

— און זי — אים? ער האָט זי דאָך שוין העכער דריי יאָר נישט געזען. איז וואָס בינדט זיי דען צונויף אָט די גאַנצע דריי יאָר? גייסטיקע געמיינשאַפט און נאָענטקייט? אַ פּוסט וואָרט. קערפּערלעכע פאַרבינדונגען? סיידן — אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ געקרומ-טער, שאָטנדיקער שמייכל. בערטאַ, וועלכע האָט די גאַנצע צייט גע-האַלטן אין איין קוקן אויף אים, האָט זיך פאַר אים, פאַר אָט דעם דאָזיקן שמייכל, איבערגעשראָקן. זי האָט זיך נאָך נעענטער, ווי באַ-שיצנדיק אים, צו אים געטוליעט. און אונטער דער וואַרעמקייט פון בערטאַס קערפּער האָט ער שוין דערטראַכט דעם שפּאָטנדיקן, ציניש געדאַנק וועגן יענער, דער אַנדערער:

— סיידן... סיידן זי איז מיט אים, באַרקאַנען, צוזאַמען דאַן, ווען זי שלאָפט דורך אירע ליבעס-נעכט מיט איר רייכן שוך-פאַבריקאַנט...

נאָר קיין חילוק נישט. ער וויל איר זיין טריי. איר דען? — דעם ריינעם פלאַמענדיקן געדעכעניש פון איר — פון איר, דער ערש-טער. די ערשטע פרוי, וועלכע ער האָט „געוווּסט". ער וועט איר בלייבן טריי — זיין ערשטער און איינציקער כלה. ער האָט זי מקדש געווען פאַר זיין פרוי, און זייער קדושין וועט בלייבן הייליק.

ער וועט זיי היטן — פּאַרביידן. און וואָס ווייטער איז געווען — גלייכער איז, אַז ער זאָל עס נישט וויסן.

— אַך, צי דען ווייס ער נישט... דאָס קליין ווייִן־בעכערל פּאַראיידלטן גליק איז דאָך ווערט גאַנצע טונען אמתדיקן וויסן...

און חוץ דעם: ער וועט עס אויך קיינמאָל נישט וויסן — ווייל ער וועט זי קיינמאָל מער נישט זען.

און באַרקאַן איז אויפגעשטאַנען און גלייך זיך געזעגנט מיט בערטען, דעם מיידל מיט די בעטנדיקע אויגן.

דאָס פאַרהוילענע פּאַיאַצל האָט געלאַכט.

עס האָבן זיך באַוועגט אָוונטן נאָך אָוונטן. אייניקע טומלדיקע, שטאָטישע, און אַנדערע — שטילע, אָן־אַ־זייטיקע. און די שרייענדיקע אָוונטן, וואָס באַרקאַן פלעגט פון צייט צו צייט פאַרברענגען דאַון־טאַון, פלעגן בלויז פאַרשטאַרקן אַן איניגסטן פאַרלאַנג צו איבער־געבן זיך דער סאַמעטענער ווייכקייט פון די שטילע אָוונטן אין דער היים.

אין איין אָוונט האָט זיך געעפנט די טיר פון זייער אפּאַרטאַ־מענט, און אַ שטילער אָוונטיקער שאָטן האָט זיך אַריינגעשלייכט ביי די זייטן ווענט.

פון זיין צימער אין צווייטן עק אַפּאַרטאַמענט האָט באַרקאַן בלויז געהערט דאָס אויפרייצנדיקע שורשן פון אַ שווער, זיידן קלייד און דאָס דופטן פון אַ באַקאַנטן פערפום, וואָס האָט, אפנים, געגעב־טיקט צווישן די טונקעלע פאַלדן פונם קלייד.

דאָס הויז איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַן אָנגענעמען ריח פון שטילער היימישער אָוונטיקייט.

באַרקאַן האָט עטוואָס שטייפער צוגעמאַכט די טיר פון זיין צימער. ער האָט זיך באַמיט זיך נישט קיין ריר צו טון. אין דעם שטילן צימער זענען פאַרגאַנגען היפשע עטלעכע מינוטן פון האַרץ־קלאַפּעניש.

פונם זאַל האָט זיך דערווייל דערטראָגן אַ גערויש פון אַן אומדער־וואַרט פרייען-זיך. מען האָט זיך געקושט. מען האָט זיך באַגריסט,

מען האָט זיך געוווּנדערט. און איבער אַלעמען האָט זיך געהערט אַ באַקאַנטע קלינגענדיקע שטים. ס׳האָט זיך פון דאַנען געפילט, ווי אָט די אומרויִקע שטים האָט עמעצן געזוכט און זיך געקילט צווישן דעם לײדיקן מעבל.

און דאָרטן האָט שוין לאָרא דער שוועסטער אַזוי דערקלערט איר פריצײיטיקן צוריקקערן זיך פון דער קאַנטרי:

— עס איז געווען אומעטיק דאָרטן אין דעם קליין ים־דער־פעלע אין קאָנעקטיקוט... נישט געווען מיט וועמען צו שפּילן זיך... כאַ—כאַ...

און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן דער שוועסטער אויפן האַלז, און זי אָנגעהויבן קושן און האַלדזן.

—פאַרוואָס איז עס קיינער פון די באַרקאַנס צו איר די גאַנצע צייט נישט געקומען? זי איז דאָך געווען אַליין. אַ, דעם רעשט זומער וועט זי שוין פאַרברענגען דאָ אין שטאָט, ביים ברעג אָקעאַן, ווו זי האָט זיך געדונגען אַ צימער פאַרן סעזאָן.

די פרויען האָבן דאָרטן אין זאַל גערעדט, געפּלוידערט, גע־רכילותט, געסודעט זיך און איינע די אַנדערע געצערטלט.

מען האָט אינגיכן באַרקאַנען אָנגעקלאַפּט אין טיר. עס איז גע־ווען זיין שוועסטער, ראָזע.

— קום אַרויס... אַ גאַסט פרעגט זיך נאָך אויף דיר. וואָס פאַרוקסטו זיך תּמיד אין דיין צימער, ווי אַן אָפּגעשיידטער גוטער ייד?

לאָרא האָט אים באַגעגנט שמייכלענדיק־פאַרוווּנדערט.

— אַזוי, זענט איר גאָר אין שטאָט? וואָלט איך עס געווען וויסן! שוין לאַנג — האַ? ווען זענט איר עס געקומען צופאָרן קיין ניו־יאָרק? שוין אַ חודש צייט! או-וואַ... אַ שאָד.

און גלייך צוגעגעבן צו דער שוועסטער מיט באַדויערן:

— פאַרוואָס גיבן עס עלטערע שוועסטער נישט אַכטונג אויף אַ יינגערן ברודער? מען ערלויבט אים נישט אַזוי זיך אָפּצולאָזן, ווערן אַזאַ מדבר־מענטש... קוקט, ס׳אַרא פאַרוואַקסענער ער איז, ס׳אַרא באָרד...

באַרקאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר זיין ריין־אָפּגעגאָלטן קין און

אַ לויפּיקן בליק געטון אויף זיך אין דעם אַנטקעגנדיקן הויכן טואַ־לעט-שפּיגל. ער איז אינגאַנצן געוואָרן צונטערדיק און האָט אָנגעהויבן נאַריש צו שמייכלען.

און לאָראַ האָט מיט אירע בלייך־דינע ליפּעלעך אים אין די אויגן זיך אַלץ פייערדיק געמאָסטן.

— אָ, גאָט מיינער, ס׳אַראַ פרוש... ער וועט דאָך שוין באַלד ביי איך זיך אָנהויבן שפּייזן מיט באָקסער. אָ, זי קען אים דאָך שוין פון לאַנג — אַזאַ באַשיידענער, אַזאַ צוריקגעהאַלטענער — אַן אמתער מאָנאַך!

זי האָט אָפּגעמאָסטן באַרקאַנען פון קאָפּ ביז די פיס און אים די גאַנצע צייט, ווי געשלונגען מיט אירע קליינע ברענענדיקע אויג־לעך. ער האָט זיך געפילט, ווי דורכגעשפּיזט מיט אַ פייערדיקער רוט.

—זי ווייס אים שוין פון לאַנג...

— אָ, ער איז דאָך אַזאַ געפּערלעכער פרוש... נו, טאָ וואָס שטייט איר די גאַנצע צייט, ווי אַ חתן-בחור און שעמט זיך? דער־ציילט עפּעס, דערציילט... אַ שטייגער, וואָס האָט מען עפּעס אויפגע־טון דאָרטן, אין די ווייטע מקומות, אין דער וועסט?

באַרקאַן האָט ביי איר געפרעגט, וואָס זי מאַכט.

און אין עטלעכע טעג אַרום איז באַרקאַנען אָנגעקומען אַ בריוול. אין אים איז געשטאַנען:

— „איך האָב זיך באַזעצט אויף אָ ש ע ן ו ו י ו ע ו ו ע, נומער 232, קום צו מיר מיטוואָך פיר אַזייגער נאָכמיטאָג.

לאָראַ".

און באַרקאַן איז דאָרט געווען מיטוואָך, פּונקט פיר אַזייגער נאָכמיטאָג.

4

עס זענען געשטאַנען די גרויסע היצן פון ענדע יולי און אָנ־הויב אויגוסט.

טעג זענען געווען הייסע, און נאָך הייסער און שטיקנדיקער זענען געווען די נעכט. עס האָבן זיך געשמאָלצן — די ערד, ווי דער מוח פון די מענטשן. עס האָט זיך אין זיי פּאַמעלעך געוואַרעמט, געשמאָלצן, אָנגעהויבן זידן און מיטאַמאָל אויסגעשאָסן—אויסגעשפּיגן מיט אַ שטיק פייער און זיך ווידער גענומען שמעלצן און שפּינען אין דער שטיל דאָס פייער־געוועב.

עס זענען געשטאַנען הייסע אָוונטן און נאָך הייסערע נעכט.

אַלץ, אַלץ האָט זיך דעמאָלט געשמאָלצן, זיך צעפלאָסן, און אויפגעלעזט זיך אין דער ערד. און ווי די ערד — פון גאָרנישט, פון גאָרנישט געטראַכט.

נאָר בלויז צווישן איין פייער־שפּיי און דעם צווייטן, ווען עס פלעגן אַריינגטרעטן די קורצע צווישן־צייטן פון זיך אָפּרוען און כּוחות זאַמלען, פלעגן פון אונטערן אַש נעמען אַרויספּויזן אָפּגעשוואַכטע חולה־נופלדיקע געדאַנקען, — דער מאַרך־ביין איז פון די דאָזיקע געדאַנקען דורך די לאַנגע, הייסע נעכט שוין צו שטאַרק אויסגעזויגט געוואָרן. און אויף אַ קורצע צייט פלעגט זיך דעמאָלט צו איינעם אומקערן דאָס באַוווסטזיין.

און אויך באַרקאַן פלעגט דעמאָלט אַביסל טראַכטן. האָט ער איינמאָל אַ טראַכט געטון פון דעם ערשטן אָוונט — דעם ערשטן אָוונט איצטיקן זומער.

יענעם אָוונט, ווען זיי האָבן זיך איבערגעבעטן... האָבן זיי זיך טאַקע אויף אַן אמתן דעמאָלט איבערגעבעטן? באַרקאַן האָט פון דעם נאָך נישט געוווסט, ווייל זייער ווייניק האָט ער דאַן בכלל געטראַכט. איין זאַך האָט ער אָבער יאָ געוווסט: דאָס איז די היץ פון ענדע יולי און אָנהויב אויגוסט, וועלכע האָט זיי צונויפגעשמאָלצן — און עס איז דערווייל שווער געווען איינער פונם אַנדערן זיך פונאַנדערצונעמען.

עס פלעגן אויך זיין שטילע אָוונטן.

איר מאַן, דער רייכער שוך־הענדלער, פלעגט זיך צוליב זיינע געשעפטן געפינען די מייסטע צייט, כּמעט די גאַנצע וואָך, אין זיין

אָפּיס אין ניו־יאָרק, ערגעץ אויף פוירל־סטריט. ווייניק האָט ער בכלל געטראַכט וועגן זיין פרוי, און ווייניק האָט ער געוווסט וועגן איר סאַמע ביז דער שטונדע, ווען ער פלעגט אַמאָל אויף אַ זונטיק קומען צו איר, און סאַמע ביז דער מינוט, ווען ער פלעגט זיך גע־פינען גאַנץ נאָענט נעבן איר.

באַרקאַן און לאָראַ פלעגן אויף אַזאַ אופן האָבן פאַר זיך די שטילע אָוונטן און גאַנצע שטיקער פון די נעכט.

אין די פאַרנאַכטן פלעגן זיי אַרומשפּאַצירן איבער די שטילע גאַסן פון בעטה־ביטש, נישט ווייט פונם יס־אויסגוס. זיי האָבן ווייניק וואָס גערעדט צווישן זיך. זיי זענען בלויז שווייגנדיק געגאַנ־גען און האָבן געריסן אויף די ליידיקע נאָך נישט פאַרבויטע פעל־דער ווילדע גראָזן און הפקר־בלומען און זיי געוואָרפן אַנטקעגן דער פאַר־גייענדיקער זון.

לאָראַ איז געווען אין אַזעלכע פאַלן די ערשטע, וועלכע פלעגט אָנהויבן רעדן. די שטילקייט פונם נאָענטן באַרויקטן אָקעאַן און די שטילקייט פון באַרקאַנען — עס פלעגט סוף כל סוף ווערן צו אומ־היימיש. זי פלעגט זיך אין אים אָנהויבן איינטוליען.

— פאַרוואָס דערציילסטו מיר גאָרנישט...

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן?

— ווי אַזוי דו ביסט געווען — די גאַנצע לאַנגע דריי יאָר?

— נו, פרעג.

פלעגט איר ערשטע פראַגע זיין:

— האָסט געטראַכט פון מיר!

ער פלעגט ענטפערן:

— געטראַכט.

און אַן אַנדערש מאָל:

— ניין. קיינמאָל.

— נו, און מיידלעך — האָסטו עפּעס אַ סך ליב געהאַט? שיי־נע לאָטש?

— יאָ, אַ סך און שיינע.

פלעגט זי אים נאָך ליבער אַריינקוקן אין די אויגן.

און באַרקאַן האָט שוין חרטה געהאַט אויף די עטלעכע פאַר

ווערטער, וואָס ער האָט שוין יאָ אַרויסגערעדט. זיינע נאָזלעכער פלעגן זיך אָנהויבן ברייט פונאַנדערנעמען פאַר דעם באַזונדערן וויר־ציקן און צעטומלענדיקן ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן אינם פאַרנאַכט. דער קאָפּ פלעגט אים אָנהויבן טשאַדען. זיי פלעגן דורך די ווייטע גאַסן בעטה-ביטש, ווּהין דער שטילער פאַרנאַכט האָט זיי פאַרפירט, זיך דעמאָלט לאָזן אַהיימגיין.

און די שטילע אָוונטן פלעגן אין הייסע נעכט איבערגיין.

נאָר די שפּעט-נעכט פלעגן נעמען קילער ווערן — ווען באַר־קאַן פלעגט זיך אומקערן פון בעטה-ביטש צו זיך אַהיים. און עס פלעגן אויך זיין לכתחילה אָוונטן קילע און נעכט קילע — אין די זעלטענע אָוונטן, ווען ער פלעגט אַליין ביי זיך אין הויז בלייבן.

און די דאָזיקע קילע נעכט פלעגן זיין טראַכטנדיקע. באַרקאַן פלעגט דעמאָלט נעמען טראַכטן — אין אַ נאָווינע... און טראַכטן פלעגט ער תמיד, ווי פון אַן איינגעגעסענער זאַך, פון די ערשטע אָוונטן, — פון די ערשטע אָוונטן היינטיקן זומער.

— ווי איז עס פאָרגעקומען?

אין דער צווישן-צייט, נאָך איר יאַגד-באַזוך ביי זיי אין הויז, און נאָך איידער באַרקאַן האָט דעם בריוו פון איר דערהאַלטן, האָט ער איינמאָל געלאָזט דורכגיין פאַרביי זיך די לאַנגע שטילע רייע טעג פון זעלבסט-פייניקונג און ביטערע מחשבות איבער איר, דער שיין-גופיקער זינדיקערין; די לאַנגע דריי יאָר, ווען ער האָט אין די שטילע נעכט נאָכאַנאַנד געזונגען און תהילים געזאָגט פאַר איר און צוליב איר, דער שיינער בעל-עברהניצע.

— און זי, דורך די זעלביקע נעכט, ווען זיינע תפילהדיקע אויגן זענען בענקנדיק געהאָנגען אויף דער איקאָנע פון דער טונקע־לער זינדיקערין מיט די אומשולדיקע אויגן פון אַן איטאַליענישער גאָטס-מוטער, — אויפן ליכטיקן ברעג פון אַ לאַנגן מהלך פון עלף הונדערט מייל ווייט פון אים ערגעץ אינם טומלדיקן כרך ניו־יאָרק,— ווען אין זיין צימער, אין זיין איינזאַם קעמערל, ווי ביי אַ נזיר, פלעגן אין די לאַנגע לאָמפּ-באַלויכטענע נעכט די, שטריכן פון זיין

פנים ממש אָפּגעווישט ווערן פון רעליגיעזער דבקות, און זיין גאַנצער גוף פלעגט זיך ציען אין אַ הארץ-אויסגוס און אין אַ תהילים־זאָגן צו איר, צו איר אין די לאַנגע טונקעלע נעכט, — איז אין יענע נעכט —

— פון וואָס פלעגט איר פנים דעמאָלט פאַרדרייט און צעקרומט ווערן, אין וועלכער היץ פלעגט זי זיך מאַטערן, פון וועלכע געפילן פלעגט זי זיך ווייטיקלעך צאַפּלען און וועמעס ליפּן האָט זי, זיך־פאַרגייענדיק, דעמאָלט געביסן — אין דער הייסער ווירציקער לופט פון איר, פון זייער שלאָפצימער?

דאָס קליינע פּאַיאַצל, פון באַהעלטעניש ערגעץ אינם ווינקל־מאַרך, האָט זיך געהאַלטן פאַר זיין גראָבן בייכעלע, ווערנדיק אַזש צעפּלאַצט לאַכנדיק:

— אַמאָל איז געווען אַ נאַר...

און באַרקאַנען האָט עפּעס פאַר די אויגן ענדלעך אַ בליץ געטון, — אַ קאַלט פייער: דער קאַלטער שאַרפער שטאָל פון אַ מעסער.

— אָ, ער ווייס, — שוטה וואָס ער איז...

ער ווייס שוין איצט, וואָס ער האָט צו טון מיט איר — ער ווייס. ער וועט קומען צו איר — און ווי אַ חיה — וועט ער זיך אין איר גוף איינזויגן, און וועט איר בייסן, שניידן און פערטלען, און איר בלוט פון איר זינדיקן לייב אויסטרונקען, פאַמעלעך אויסזופּן — ער וועט ביי איר נעמען דאָס ריין־לייביקע, דאָס גופיקע, — דאָס איינציקע, וואָס איז דאָ ביי איר און איז ווערט גענומען צו ווערן. ער וועט זי באַהאַנדלען — ווי זי איז ווערט.

אָט אַזוי האָט ער דעמאָלט געטראַכט, קריגנדיק דאָס בריוול פון איר, ווען ער האָט זיך געאיילט מיטן צוג צו איר, אין בעטה־ביטש.

נאָר שוין נאָכדעם, ווי ער איז דעמאָלט עטלעכע מאָל געקומען צו איר, און נאָכדעם ווי דאָס שאַרפע מעסער פון זיין פייער האָט איר דאָס לייב פיל מאָל געשניטן און האָט נישט דערלאָזן דעם ווייטיקדיקן שמייכל פון אירע ליפּן אויף אַ לענגערע צייט אַרונטערצו־גיין — איז באַרקאַן איבערגעאַנדערשט געוואָרן און האָט אָנמעכטיק און שוואַך אַרונטערגעלאָזן פאַר איר בעט דעם קאָפּ.

זי, וועלכע איז גליענדיק געלעגן אויסגעשטרעקט אויפן געלע-גער, ווי אויף אַ מזבח, און ווי אַ פרייוויליקער קרבן, מיט דער גרעסטער הארציקייט און איבערגעגעבנקייט, פלעגט זי שטיל ברענען אין זיין פאַרצערנדיק בלוט — זי, וועגן איר האָט ער עס אַזוי אומ-ווירדיק און נישט־ריין געטראַכט? זי האָט ער עס געוואָלט פאַראומ־ווירדיקן — דאָס דאָזיקע טריי־ברענענדיקע אומשולדיקע שעפעלע?

ער פלעגט דערנאָך אין חרטה רייסן זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען, און שטאָלענע ריטער פון תשובה אין זיין נשמה געלאָזט זיך איינעסן.

עס האָט זיך אים אפילו דעמאָלט איין נאַכט געחלומט עפעס אַ מאָדנער חלום:

— מחנות פון רויט-פנימדיקע רוימער אונטער קופערנע קאַסקעס, אין פייער־גליענדיקע... אַ בלוטיקער פלאַקער... אייזערנע קאַמען... רב עקיבא...

און שפעטער פלעגט ער שוין געפינען געווג אורזאַכן און סיבות צו פאַרטענהן זי און צו רעכטפערטיקן זי אין זיינע אויגן:

— זי איז נישט שולדיק — זי איז אַ קרבן פון די אומשטענדן.

דאָס דאָזיקע באַקוועמע וואָרט, פון וועלכן ער, באַרקאַן, פלעגט זיך תמיד אַזוי ביטער אויסלאַכן.

— אַ וואָרט, מיט וועלכן עס איז אַזוי לייכט צו פאַרדעקן איי־גענעם שוואַכקייט און שאַנד...

ער האָט נישט באַמערקט, ווי אירע אייגענע פאַרטיידיקונגס־ווערטער, פון וועלכע ער פלעגט תמיד אָפּשפּאָטן, האָבן זיך ענדלעך צו אים אַליין אריינגעקליבן און ביי אים תושבים געוואָרן.

ער האָט שוין איצט געזען אַלץ מיט א י ר ע אויגן:

נאָך איינמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט כוח. ער האָט צו איר געזאָגט:

— לאָרא... אַזעלכע צושטאַנדן קאָנען לענגער נישט אָנהאַלטן— נישט פאַר מיר...

— זיכער.

— דו קענסט מיך...

— נו, גוט.

— ווען זשע וועט עס צו דעם אַן ענדע נעמען?

זי פלעגט אים גלעטן:

— נו. קעצעלע, וואַרט נאָך אַ ווײַלע... לאָמיר זיך אַרומזען — לאָז דער זומער פאַרבײַגיין.

און באַרקאַן האָט באַשלאָסן צו וואַרטן ביז דער זומער וועט זיין צו ענד.

5

באַרקאַן האָט שוין נישט געקאָנט גיין אויף זיין אייגענעם שטילן וועג.

אין די לאַנגע טעג, און אין דער צייט צווישן איין באַגעגע־ניש מיט לאָראַן און דעם אַנדערן, זענען געווען גענוג באַומרו־יקנדיקע מחשבות צו פאַרטרײַבן.

די געשטאַלט פון אַ דריטן, אַ זייטיקן און אַ פרעמדן, און לאָראַן אַ קערפערלעך נאָענטן, פלעגט אָפּשפּעטנדיק און עקלדיק אָפּט פאַר די אויגן זיך אויפהויבן, פלעגט הויך לאַכן און טרייסלען מיטן פעטן גוידער און לעקן בשעת מעשה אַ פעטן פינגער אין מויל. אַזויווי באַרקאַן פלעגט שווייגן, בלויז קוקן אויף דער דאָזיקער געשטאַלט, צי־טערן פון עקל און שווייגן, פלעגט די דאָזיקע אָפּגעפּאָרענע גע־שטאַלט באַלד אַ ברייטן גענעץ טון — און זיך לייגן שלאָפן.

באַרקאַנען האָט געברענט און געשטאָכן. ער האָט געציילט די טעג. ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל שוין אַמשנעלסטן אַן ענדע נעמען.

דערווייל האָט ער געזוכט צעשטרייונג, פאַרווײַלונג, ער האָט באַנייט אַלע זיינע אַלטע באַקאַנטשאַפטן און פאַרגרעסערט זיי מיט אַ גרויסער צאָל נייע. ער האָט געשטרעבט דערגרייכן און האָט דער־גרייכט זיין ציל: ער האָט גאָרנישט געטון — ער האָט זיך בלויז געטומלט.

עס זענען געווען טעאַטער־פאָרשטעלונגען, עקסקורסיעס, פּיקניקס, קאָנצערטן. עס זענען געווען העלע זומערדיקע טעג מיט אַ סך פרייד־

און זון. ער האָט געהאַט אַרום זיך אַ סך באַקאַנטע, נאָר די איינע האָט אים תמיד געפעלט — לאָראַ.

איר איז שווער געווען דאָס הויז אויף אַ גאַנצן טאָג אָדער אויף אַ גאַנצן אָוונט צו פאַרלאָזן — זי האָט אַלע מאָל געקאָנט ערוואַרטן אַ באַזוך פון איר מאַן. ער האָט געוווינט אין שטאָט, צוליב די געשעפטן זיינע: נאָר ווען עס פלעגט אים איינפאַלן, ווען עס פלעגט אים ווערן אַביסל צו הייס, פלעגט ער פלוצלינג קומען צו־פאָרן. דער איינציקער פלאַץ, ווו באַרקאַן האָט זי געקאָנט זען איז דעריבער געווען ביי איר אין הויז, אין בעטה־ביטש. און איין צימער האָט זי דאָרט געהאַט — אַ שלאָפצימער.

דורך די הייסע זומערדיקע טעג, איינגעטונקט אין אַ גאָלדענעם הויך, פלעגט לאָראַ אים פאַר די אויגן אין אַ פאַרגרעסערטער און פאַרשענערטער געשטאַלט אויסוואַקסן, ווי אַ מיראַזש אויף אַ בלענדענד־גאָלדענער זאַמדיקייט,—אין דער איינטאָניקער שטילקייט פון זיין לעבן. אים האָט עס טיף פאַרדראָסן די דאָזיקע באַגרענעצטע באַציונגען זייערע—איביגסט וויי־געטון. עס איז געווען אַ שאַנד און אַ הייליקייט־פאַרשוועכונג, אַ פאַרשוועכונג פון איר און זיין הייליקייט. ווייל דורך דער צייט איז זיין באַציונג צו איר אויסגעוואַקסן און אויסגעברייטערט געוואָרן, און האָט געמוזט אויספילן אַלע זיינע טעג, באַרקאַנס, אַלע זיינע גוף־קעמערלעך און ווייטסטע און איינזאַמסטע נשמה־ווינקעלעך. ער האָט געבענקט נאָך איר בלויזער שווייגנדיקער אָנוועזנהייט נעבן אים — נישט אין די ווייך־פלושענע תאווהדיקע פאַלדן פון די נעכט, נאָר, דער עיקר, דורך די לאַנגע גאָלד־זוניקע טעג פונם זומער, בשעת זיינע אַרבעט־און ערהאָלונג־מינוטן. ער, באַרקאַן, האָט דאָך שוין לאַנג געהאַט איינגעזען, אַז ער האָט געקאָנט ליב האָבן בלויז איינע, בלויז איין פרוי — און די שטאַרקייט און די טיפקייט האָט געזאָלט מכפר זיין אויף דער ווינציקייט.

און ווידער איז אים די גרויסע בענקשאַפט אויפגעגאַנגען, — די בענקשאַפט נאָך איר, נאָך לאָראַן, אין דער אָפנקייט, אין דער זון,— אים האָט אַזוי באַליידיקט און ערנידעריקט צו זען זי סיי אין לעבן און סיי אין ערינערונג, שטענדיק אַ נאַקעטע, אַן אויסגעטוענע, אַ נאַכטיקע, אַ ווייבלעכע

— אַזוי ווי די גאַנצע גרויסע גאַטס וועלט וואָלט בלויז פון איין גרויסן שלאָפצימער באַשטאַנען!

עס פלעגט קומען אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט נישט וועלן פאַר־בלייבן צו לאַנג מיט איר אַליין אין איר צימער. און ווי נאָר ער פלעגט קומען צו איר, פלעגט ער זען, אַז זיי זאָלן באַלד פאַרלאָזן דאָס צימער און אַרויסגיין אין דרויסן שפּאַצירן — אויף די שטילע ווייטע גאַסן פון בעטה־ביטש.

אין יענע שטילע אָוונטן.

באַרקאַן און לאַרא פלעגן לאַנג שפּאַצירן איבער די באַרויקטע אָוונטלעכע גאַסן פון בעטה־ביטש. זיי פלעגן אין די זומערדיקע אָוונטן זיין אַזוי שווייגנדיק. באַרקאַנס פאַרטעמפּטער מוח האָט גע־הערט בלויז איין קלאַנג אין די פאַרשטילטע גאַסן, — דעם שטילן קלאַנג פון אירע סינדערעלאַס־שיכעלעך אויפן אַספאַלט; האָט בלויז געפילט איין ריח — דעם ריח פון די אין אָוונט זיך פונאַנדערנע־מענדיקע סוף־זומער־בלומען, — דעם ריח פון איר נאָענטן לייב.

זיי האָבן ביידע די גאַנצע צייט געשוויגן. עס האָט זיך אַ זיי־טיקן געקאָנט דוכטן, אַז דאָס דאָזיקע פּאָרל גייט שוין אַזוי שווייגנ־דיק אַרום פון יאָרן און יאָרן—אין דעמערונגס־וועלט, אינם לאַנד פון אייביקן אָוונט.

באַרקאַנען איז געווען אַזוי זונדערבאַר אין מוח — פּוסט, גלאַט, אָפּגעמעקט. ער האָט איצט גאָרנישט געטראַכט. אים איז מיט אַמאָל אויפגעפאַלן, ווי זעלטן עס קומט צו אים אַריין די לעצטע צייט אַ נייער פרישער געדאַנק אין איר אָנוועזנהייט. איצטער, ווען זי האָט זיך האַרט געפּרעסט צו אים, זיך געקלאַמערט אין אים, ווי איינפלאַנצנדיק איר וואַרעם פלייש אין זיינעם, און זיך אַזוי היימיש איינפונדעווענדיק אין אים, — האָט אים מיט אַמאָל פאַר די אויגן אויפגעטויכט די געשטאַלט פון אַ קליינער, בלוטאָרעמער און גירי־קער חיהלע, וועלכע זויגט און זויגט בלוט פון אים, דערהויפּט דורך די נעכט, אין שלאָף, ווען ער איז מאַכטלאָז צו ווערן זיך. זי האָט ביי אים ביסלעכווייז כמעט דאָס גאַנצע בלוט שוין אויסגעזויגן.

זי, וועלכע האָט ביי אים צוגעגנבעט די דענקונג־פעיקייטן — צו איר פלעגט ער אין די נעכט צופאַלן, צו אירע קליינע שטייפע ברוסטן מיט אַ געוויין אַ פריידיקן, און צו אירע פיס מיט אַ שמייכלענדיקער רציחה, באַמיענדיק זיך צוריקצוקריגן זיין בלוט, זיין אַרויסגעזויגט חיות.

— אין די קאַלטע, גזלנישע נעכט...

נאָר איצטער איז געווען אָוונט. און בין־השמשותדיק שטיל איז געווען ביי באַרקאַנען אויפן האַרצן, ווי אין דער אַרומרינגלענדיקער לופט, וווּ שטילע אָוונטיקע קלאַנגען האָבן זיך, נישט באקאנט פון וואַנען, געשפונען. ער האָט געשוויגן. ער האָט נישט געטראַכט. ער האָט זיך בלויז דאַנקבאַר געבויגן צו איר זייט, — צו דער קעניגין, וועלכע האָט באַוויליקט מיט אירע דינע מלכותדיקע ליפן זיין פראָסט קנעכטיש בלוט ביי אים זויגן.

— זיי געבענטשט, קעניגין!

זי, די קעניגין מיט די דינע מלכותדיקע ליפן, אויף וועלכע עס האָט זיך נאָך געזען די רויטקייט פון זיין בלוט, האָט אים אין די אויגן איינגעקוקט מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל פון אַ קעגנזייטיקער ערינערונג. עס האָט געהייסן:

— דו האָכט דאָך נישט קיין חרטה? ניין?.. איך — אוודאי נישט...

און האָט ביי אים ווייטער געפרעגט:

— וועסט מיך נישט פאַרלאָזן, טייערער?

ער האָט נישט פאַרשטאַנען איר פראַגע.

— ווער — איך?

— ניין, דער ספרדישער רב...

ער האָט נישט געענטפערט. ער האָט אויף איר בלויז געקוקט מיט זיינע גרויסע טונקעלע אויגן, וועלכע האָבן זי אין זיך איינגעזויגן.

און דערנאָך האָט אין דער דעמערונג געריזלט אַ שטילער געשפרעך. זי האָט גערעדט — ער האָט בלויז געקוקט אויף איר. זי האָט ביי אים געפרעגט, אויסגעפרעגט, זי האָט אים גרויסמוטיק גענומען

אונטער אירע פליגל. האָט פּאַר אים פּלענער אויף דער צוקונפט גע־מאַכט.

—אַך, געבּענטשט זאָל זיין דער קעניגינס קאָפּ, וועלכן זי האָט פון איר הויכקייט אַרונטערגעבויגן, זיך מיט די קליינע און וואָכעדי־קע געשעפטן זיינע פאַרנומען...

עס האָבן זיך געשפּונען שטילע קלאַנגען. דער אָפּגעשוואַכטער געהירן האָט זיך נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן אין זייער מיין. דורך אַן אָונטלעכער מחיצה האָט עפּעס געפּליס־טערט:

—יאָ, וועסט בּלייבן דאָ... אין ניו־יאָרק... סט׳בּלייבן דאָ? בּלייב דאָ, ליבינקער. — אַ שטיל שווייגן.—פּאַר מער נישט אַוועק... ס׳איז אפילו שווער... ניין, ס׳איז לייכט. ס׳וועט זיין גוט. וואַרף מיך נישט אַוועק קעצעלע. — אָ, אין די ווינטערדיקע אָוונטן, די וואַרעמע, וועל איך תמיד זיין ביי דיר — וועסט בּלייבן דאָ, ליבינקער?

בּאַרקאַן האָט פאַרוואונדערט געשמייכלט:

— האַ?... ווער רעדט עס? ווו רעדט מען עס?...

די קלאַנגען האָבן אַזוי אַנגענעם געראַשט אין זיינע אויערן, עס איז געווען אָוונט

שפּעטער איז דער אָוונט אין נאַכט אַריינגעשוואומען. יענע פּיי־ערדיקע נאַכט־שטונדן...

די שוואַרצקייט פון דער נאַכט האָט זיך אין גאָלד און אין פייער־פּעסער, שווימענדיקע אויפן וואַסער, פאַרוואַנדלט.

עס איז געווען נאַכט, פייכט און שוואַרץ. בּאַרקאַן און לאָראַ האָבן געשפּאַצירט אויפן „בּאָארד־וואָק" *), דעם נאָענטסטן, וווהין זיי־ערע פיס האָבן זיי פאַרטראָגן. דאָרטן איז געווען איצט פול מיט שפּאַ־צירנדע, נאָר זיי האָבן קיינעם נישט בּאַמערקט. זיי זענען געגאַנגען הין און צוריק איבערן „וואָק", נישט קיין היגע, נאַכט־וואַנדלער.

---

*) אַ לאַנגער שפּאַציר־בּריק ביים בּרעג־אָקעאַן.

די אַרומיקייט איז געווען אַן אומהאַרמאָניש־האַרמאָניש געמיש פון נאַכט, פייער, ים־שטורעם, טומל, כוואַליעס און ים־פרישקייט. די ברעטער האָבן געקרעכצט אונטער דער שווערקייט און דער וואַרימלייביקייט פון די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך. דער ברעג איז געווען איינגעטונקט אין פייערן, גרויסע און אומגעזעענע, ווי רויטע אָפּגלאַנצן פון פלאַקערס, וועלכע ברענען ערגעץ אויפן דעק פונם ים. גרויסע אָקעאַנען־וואַלן האָבן זיך געשליידערט אויפן ברעג און געבלאָזן מיט קילקייט און ריח פון ימיקייט.

פון דער טיפעניש פון נאַכט און אָקעאַן, דאָרט ווו די גרויסע וואַלן זענען געבוירן געוואָרן און צוריק אויף נאַכטלעגער זיך אַוועקגעקייקלט, האָבן זיך אַהערצו, צום ברעג, דערטראָגן שווער־פאַרטעמפּטע קולות פון ווייטע געשלעגן צווישן מיילן־גרויסע ים־באַשעפענישן און האַרטנעקיקע שוואַרץ־גלאַנציקע אָקרענטן. אָט די שטורמדיקע וואַלן זענען, אַפּנים, בלויז שוואַכע אָפּהילכן פון דעם געווען. קיינער האָט זיך צו זיי נישט צוגעהערט.

פון דער ווייטן האָבן זיך געזען די פייערדיקע קאַנטורן פון די פאַנטאַסטישע נאַכט־פּאַלאַצן און אָריענטאַלישע טורעמס פון ק אָ ר ב ־א יי ל ע נ ד. איינזאַמע פייערן, דורכן ווינט אָפּגעריסענע האָלאָוועשקעס פון אַ גרויסער שרפה, האָבן זיך געהוידעט איבער די נאָענטע ים־וואַסערן.

עס איז געווען נאַכט און יום־טוב.

באַרקאַן און לאָראַ האָבן אין דער יום־טובדיקייט געשפּאַצירט לאַנג, לאַנג, — דורות־לאַנג... ביז די גרויסע פייערדיקע פרייד האָט זיי די קעפּ ענדלעך אָנגעהויבן צו פאַרטומלען און די פיס אָפּשוואַכן. זיי האָבן זיך דאַן געלאָזט גיין צום האָטעל, ווו לאָראַ האָט געוווינט.

און דאָרטן איז דער פריערדיקער יום־טוב פאָרטגעזעצט געוואָרן; ער איז פאָרטגעזעצט געוואָרן אין ביינאַכטיקע מיסטעריען פון לייב.

6

אָט אַזוי האָט זיך אומבאַמערקט פאַרבייגעצויגן דער גאַנצער זומער.

פון פעלדער האָט זיך שוין אָנגעהויבן דערנענטערן דער הערבסט — פון אָפּגעבליטע פעלדער. די אָוונטן האָבן אָנגעהויבן ווערן קילער און לענגער. די טעג — זוניקער און ליכטנדיקער—ווי שבתדיקע בענטש־ליכט פאַר זייער אויסגיין, באַגאָסן מיט שטילן שיין פון דער וועלט, וווהין זיי האָבן זיך איצטער אַריבערגעקליבן. און קורצער זענען געוואָרן די טעג — די הערבסטיקע אָוונט־שלוחים האָבן טרויעריק און מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן אַלץ געשוירן די שטילע טעג, געשוירן זיי ביי זייער אָנהויב און ביי זייער סוף.

דער חודש אלול האָט שוין געהאַלטן אין דערלעבן זיינע לעצטע טעג.

אין איינעם אַזאַ אָוונט איז באַרקאַן געפּאָרן קיין בעטה־ביטש. נאָך זייענדיק אויפן סאָבוויי *), ווען דער צוג האָט זיך רודערנדיק געריסן דורך די פינסטערע גדערים פון מאַנהעטן־אינזל און אַלץ געהאַלטן אין איין נצחונדיקן מעטאַלענעם אויסגרילצן: „צוג פּאָרויס... צוג פּאָרויס... קיין לאָנג־איילענד צו — צוג...” האָט אים, באַרקאַנען אין דער טונעלן־פינסטערקייט, נאָך שטאַרק געלויכטן אין קאָפּ און אין האַרצן: געלויכטן פונם זומער, וועמענס ענד ער האָט נאָך נישט געפילט; געלויכטן פון דער וואַרעמקייט פון דער אָנקומענדיקער נאַכט, און פונם שיין פונם טונקל־ליבן געזיכט — אַ פייער־אייוועלע אין אַ טונקעלן צימער און אַ פּראָסטיקער ווינטער־נאַכט, — דאָרטן, אינם האָטעל, ביים ברעג ים.

און ווען דער צוג האָט זיך שפּעטער אַביסל געטראָגן אין דער הויך, איבער די דעכער און איבער די קעפּ פון די פּילצאָליקע און געדרייטע פייערדיקע פּאַסן פון ברוקלין, האָט ער, באַרקאַן, וועגן פּאַרשידנס געטראַכט. און צווישן אַנדערס האָט זיך אים אויך געפּלאָנטערט עפּעס אַ זייטיקע מחשבה, וועלכע האָט זיך מיט אים אין זיין דעמאָלסטיקן געמיט־צושטאַנד גאָרנישט אָנגעקערט.

אַז ער איז געקומען צו איר, האָט ער אינגאַנצן געשיינט און געלויכטן מיט שמחה פון דער דאָזיקער באַגעגעניש. זיין צונג איז אים פונאַנ־

*) אונטערגרונט־באַן.

דערגעבונדן געוואָרן. ער האָט געפּלאָפּלט און גערעדט אָן אַ שיעור, אַליין נישט וויסנדיק וואָס. ער איז געווען אַזוי פריידיק צעטראָגן, אַז ער האָט נישט באַמערקט, ווי לאָראַ האָט קרום געשמייכלט די גאַנצע צייט, ווי עפּעס באַהאַלטנדיק.

צווישן צנדערע נאַרישע און פּאַר אים גלייכגילטיקע נייס, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין איין דערציילן איר, האָט ער אויך אויסגעפּלאַצט מיט יענער, וועלכע האָט זיך מיט איר, מיט אים און זיין דעמאָלטיקן געמיט-צושטאַנד גאָרנישט אָנגעקערט:

— יאָ... וואָס האָט ער געוואָלט זאָגן?... יענע שטעלע אין דער שוך-אַרבעטער יוניאָן — זי ווייסט דאָך, יענע שטעלע, וועגן וועלכער ער האָט זיך שוין אַ גאַנצן זומער געסטאַרעט? איז יענע שטעלע — האָט ער, שטעל זיך פּאָר, נישט געקריגן איבער עפּעס אַ נישט-וויכטיקן צופאַל!...

איר שמייכל איז פּלוצלינג — כּאָטש בלויז אויף אַ ווײַלע — פאַרשוווּנדן. זי האָט מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן פּנים געטראַכט עפּעס, אָפּשאַצנדיק, איבערראַשנדיק. און נאָך אַ קורצן שווייגן, נאָך אַלץ נישט אויפּה יבנדיק דו אויגן, האָט זי בלויז אַרויסגערעדט:

— אַזוי?.. אַזוי?.. הם...

עס איז געווען הערבסט:

עס האָבן זיך דערנענטערט די ימים-נוראים. מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן צופאָרן פון די באָד-פּלעצער און קור-ערטער. אויף די ים־ברעגן האָבן זיך געוואַלגערט שאָלעכצן און איבערגעלאָזענע שיריים. דער ברעג-ים איז געוואָרן פּוסט און קילער. ביים ברעג־ים איז געוואָרן אומעטיקלעך, ווי אין אַ הויז, פון וועלכן מען האָט זיך אָקאָרשט אַרויסגעקליבן. און אין שטורעמדיקע טעג פלעגן אומהיימלעך און ווייס בלאָזן די אומגעזעענע סירענעס—מען פלעגט זיך דעמאָלט דערמאָנען אָנם שופר־בלאָזן.

אינם האָטעל, ווו לאָראַ איז איינגעשטאַנען, זענען שוין ווייניק געסט געבליבן. אויפן שטאָק, ווו איר צימער האָט זיך געפונען — קיינע. אויף ביידע זייטן זענען געשטאַנען ליידיקע חדרים. עס איז געווען פּוסט, ליידיק.

לאָראַס צימער איז אָבער נאָך אַלץ געווען פאַרנומען. זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַשליסן. דורך די קילע אָוונטן פלעגט זיך פון דאָרטן אַרויסטראָגן אַ באַהאַלטענע שטילקייט און אַ שעפּטשען זיך.

איינמאָל, שפּעט אין אַן אָוונט, האָט באַרקאַן אומגעדולדיק בײַ איר געפרעגט, — געפרעגט בײַ איר אין אַ טאָן, וואָס האָט קיין פּלאַץ פאַר אַ צווייַדײַטיקן ענטפער נישט דערלאָזן:

— נו?... בלײַבט עס, אַז?...

זי האָט אַרונטערגעלאָזן די אויגן.

ער האָט פאַרשטאַנען.

אין זײַנע ברענענדיקע און ערשטוינט־אויפגערעגטע בליקן, וועלכע האָבן עטלעכע מינוט אויף איר געשטאַרט, האָט לאָראַ איבערגעלעזן:

— וואַרפט זי, הייסט עס, אים אַוועק? זי — אים?

אויף אירע ליפּן־ווינקלען האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, וועלכן עס איז איר אָבער באַלד געלונגען צו אונטערדריקן. ערגעץ אין אַ קנייטשעלע פון איר מאַרך האָט זיך אַ נצחונדיקע מחשבה געטוליעט צופרידן:

— און פאַרוואָס דען נישט? זאָל זי וואַרטן ביז וואַנען ער וועט זי אַוועקוואַרפן?... אָ, זי קען שוין זיי, די היציקע, די שיינגייסטער...

זי האָט אים אָבער גאָרנישט געזאָגט. זי האָט אים די הענט געגלעט, ווי אַ מוטער שטילט איין אַ קינד, ווען זי האָט צוגעזאָגט עפּעס אַ גוטע זאַך, און — אָפּגענאַרט. זי האָט געזאָגט:

— נאַרעלע... וואָס דאַרפסטו מיך... דער זומער איז דאָך שוין אַוועק—האָט זיך שוין אויסגעברענט... עס הייבן זיך שוין באַלד אָן די רעגנדיקע צײַטן. עס וועט זיין אומעטיק... וואָס דאַרפסטו מיך? כ'וועל דיר בלויז זיין אַ שווערער יאָך אויפן האַלז.

איר פּנים האָט געלויכטן פון אינערלעכער צופרידנקייט... אָט דאָס איז עס געווען זיין, באַרקאַנס, פייער־אייוועלע אין אַ טונקעלן צימער אין אַ ווינטער־נאַכט?

און מיט אַמאָל — פּלוצלינג האָט עס פּאַסירט, ווי אין איין אויגנבליק איז אים אַ בעלמע פון די אויגן אַרונטערגעפאַלן. ער האָט אויך אַ שמייכל געטון. און באַלד אויך, פּונקט

ווי זי, דעם ביטערן שמייכל פון איר באַהאַלטן. אים האָט דאָס האַרץ גוואַלטיק געקלאַפּט און געשראָקן פון דער דאָזיקער פלוצלינג־דיקער ענדערונג, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען. פלוצלינג. אין איין מינוט.

אין איין מינוט... אַזוי טרעפט עס אַמאָל, ווי איינעם גייט פלוצלינג אויף אַ ליכט — אַ גרויס ליכט, מיט לאַנג-צעשפּרייטע בליי־כע פינגער, — און ער ווייס נישט פון וואַנען עס איז געקומען. ערשט שפּעטער, מיט יאָרן שפּעטער, האָט באַרקאַן לענגער געטראַכט וועגן דער וויכטיקייט פון אָט יענער האַלב־נאַכט-מינוט, — דער מינוט, ווען עפּעס איז אין אים אָפּגעשטאָרבן, און עפּעס איז אין אים גע־בוירן געוואָרן.

באַרקאַן האָט זי שוין געלאָזט רעדן. איר געזיכט איז געווען פייערלעך-בעטנדיק. זי איז געווען שולדיק — זי האָט עס געוווסט.

— דאַרפסט דאָך זיין צופרידן, נאַרעלע, — פאַר דיר ליגט איצט אַ פרייער וועג אָפן — דער וועג צו פאַרפאָלקאָמונג.

באַרקאַן האָט זיך שוין איצט, נאָך אָט יענער פלוצלינגדיקער מינוט, געפילט גוט. ער האָט געשפּאַסט:

— נו, און דו — ווילסט דען נישט גיין מיט מיר צוזאַמען אויפן וועג — זיך אויך פאַרפאָלקאָמענען?

לאָראַ איז צופרידן געווען מיטן שפּאַסהאַפטיקן טאָן באַרקאַנס. הייסט עס, ער נעמט עס נישט צו ערנסט און צו טראַגיש, ווי עס טוען געוויינלעך יונגעלייט — ווי גוט דאָס איז. איר געזיכט האָט אָנגעוווירן איר פריערדיקן, צוליב דער דאָזיקער געלעגנהייט אָנגע־צויגענעם און פייערלעכן אויסזען, און איז צוריק געוואָרן מענטשלעך.

זי האָט אים אַ קוש געגעבן אין די ליפּן. אַ „גוד באַי" — מאַכט נישט קיין ערנסטן טראַגישן פּנים, ווי עס פירט זיך אין אַזוינע פאַלן. זי האָט געשמייכלט:

— איך — מיך פאַרפאָלקאָמענען?... צוליב וואָס! משטיינס גע־זאָגט — אַ בידנע, זינדיקע ווייבספּאַרשוין... איבעריקנס — האָט זי באַלד צוגעגעבן מיט אַ מין קוים-באַמערקבאַרן שעלמישן אונטערוויני־קען, — איבעריקנס... איך בין שוין פאָלקאָמען!

7

עס זענען בלויז איבערגעבליבן נאָך עטלעכע אָוונטן.

איינעם אַ זונטיק אָוונט איז באַרקאַן געבליבן אַליין ביי זיך אין צימער. זונטיק אָוונט האָט לאַראַ ביי זיך געסט, און באַרקאַן איז געבליבן זיצן אַליין אין הויז. זיך אָפּגערוט. האָט ער געבאָדן זיין מידן קערפּער אין דער ווייכער האַלב־טונקעלער שטילקייט, וואָס איז געווען פון דער זייט גרענעץ פון די שווערע פענסטער־גאַרדינען.

ער האָט געטראַכט. נאָר נישט פון לאַראַן אין דעם נייעם אומ־ברחמנותדיקן ליכט, אין וועלכן זי איז פאַר אים געשטאַנען איצט, אַן אָפּגעריסן־נאַקעטע, — נישט פון דעם.

— אָ, דאָס איז בלויז געווען אַן אילוזיע, אַ טעות פון אַן „אומערפאַרענעם"...

נישט פון דעם האָט ער געטראַכט. ער האָט גאָר געדענקט פון עפּעס אַנדערש. אים האָט פאַרדראָסן און טיף וויי־געטון עפּעס אַנ־דערש גאָר: זיין אייגענע פאַרשוועכטע הייליקייט. אים האָט אַזוי פאַרדראָסן זיין פריערדיק דערהויבן און גרויסן זי. זי... דאָס אייב־פאַכע פּראָסטע שטיק ווייב...

— אַ גאָלדענעם האַלזבאַנד אויף אַ חזירס נאָז...

מיט אירע אייגענע הענט האָט זי זיך אַרונטערגעוואָרפן פון פּיעדעסטאַל — איצטער האָט באַרקאַן זיך געשעמט אפילו פאַרן בלויזן וואָרט — ווהין זיין בענקשאַפט נאָך איר האָט זי אַרויפגע־שטעלט. און איצטער, אַז זי איז געלעגן פאַר אים אויף דער ערד אין קויט, האָט ער געהאַט אַן אומווידערשטיילעך פאַרלאַנג זי נאָך מער טאָפּטשען, קנעטן, שטויסן, שמוצן און באַשפּייען. ער האָט גע־וואָלט איצט אַזוי שטאַרק אָן איר, פאַר אים און פאַר איר—זיין „איר"— נקמה נעמען.

עס האָט ווי מיט מעסערס געשניטן ביים געדאַנק:

ער, באַרקאַן — וואָס פאַר אַ מיאוסע ראָלעס האָט ער דאָ גע־שפּילט! אַ „צושטעלער..." אַ „הענדלער..." אַ סוחר פון שיינקייט פאַר אַ צעלאָזענער פרוי.

נאָר פון דעם האָט זי בלויז געדאַרפט האָבן ברעקלעך, טיי־לעפעלעך, קליינע דאָזעס שיינקייט, כדי צו פאַרזיסן

און אינטערעסאַנטער צו מאַכן איר באַקוועם־זאַטן, אָבער איינטאָניק־אומעטיקן לעבן מיט איר רייכן און צו פעטן מאַן. אָבער זיין מיט אים, באַרקאַנען, צוזאַמען, כסדר — ניין: אָ, זי האָט זיך דערשראָקן פאַרן גאַנצן גרויסן שימערירענדיקן ים פון שיינקייט, בלויזער שיינקייט. עס האָט זי געקילט פון אַ גאַנצן ים.

— וואָס וואָלט זי, לאַראַ, דאָס בלויז שטיק ווייב, מיט אַזוי פיל טונען שיינקייט געטון!

עס האָט זיך איר נישט געוואָלט.

און איצטער האָט באַרקאַן געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג — זי פאַראומווירדיקן. באַזיצן און אויפפרעסן ביי איר איר לייב — איר איינציק אייגנטום, איר איינציק פאַרמעגן.

ער האָט זיך געהיצט. ער האָט זיך געקאָכט. ער האָט צו זיך אַליין לאַנג גערעדט, פאַרביטערט און מיט גיפט, ווי ער האָט זיך געוואָלט מיט עמעצן אָפּרעכענען, ווי ער וואָלט זיך מיט עמעצן אַ קליינינקן שונאלע, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האַרט לעבן אים, זיך אויסגעטענהט.

— איך וועל אייך ציגן... איך וועל אייך צייגן... מיין מאַנסבילשע ריינקייט און אויפריכטיקייט איז נישט קיין רעזולטאַט פון מיין שוואַכקייט, פון מיין נ י ש ט ק אָ נ ע ן זיין ערגער! אָ, איך קאָן — ווען איך וויל נאָר. און איצטער וויל איך. און אין שמוץ און פאַלש זיין און אָפּנאַרן וועל איך דיך איבערשטייגן — ווייל איך בין פון נאַטור אויס העכער פאַר דיר...

דאָס פּאַיאַצל האָט געטאַנצט און גערדריגעט מיט זיינע קליינע פיסלעך, האָט זיך געביסן דאָס לאַנגע ווײדעלע פון שמחה.

אין עטלעכע טעג אַרום איז באַרקאַן געפאָרן קיין בעטה־ביטש מיט אַ געפּאַסטן באַשלוס.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין דעם באַקאַנטן האָטעל. דאָרט איז געווען אַזוי פוסט, אַז די ליידיקייט האָט אַזש געזשומעט. קיין לעבעדיקער מענטש איז שוין דאָרטן נישט געווען, ווי אין אַ חרוב־געוואָרענער שטאָט. אַ לעצטע פליג האָט זיך געקלאַפּט אָן אַ שויב,

זיך מיט אַלע כּוחות אָנגעהאַלטן אָן לעבן.

אונטן, אַרויסגייענדיק, האָט באַרקאַנען די הויז־וועכטערין אָפּ־געשטעלט. זי האָט אים איבערגעגעבן, אַז די ווייספּעלדס האָבן זיך ערשט נעכטן איבערגעקליבן אין זייער וווינונג אין ניו־יאָרק.

און אין דרויסן האָט זיך געצויגן דער אָקעאַן־ברעג, אַ בּנוּ־דעקטער מיט אָפּפאַל און איינזאַמע שפּענדלעך. און באַרקאַן האָט זיך דאָרטן אַ שטיק צייט נאָכדעם געשיפּט.

צווייטער טייל: אַרויף

1

עס איז שוין געווען דער חודש אָקטאָבער, די בלעטער זענען שוין מיד געוואָרן פאַלנדיק און האָבן זיך דערשלאָגענע געטוליעט צו דער ערד.

אין אָוונט, אַ זייגער זיבן, איז מר הערדיס ווייספעלד געקומען אַהיים. ער איז געווען עטוואָס מיד, אויפגערעגט פון זיינע טאָג־גע־שעפטן. אריינקומענדיק, האָט ער זיך דעריבער פאַרגעסן זאָגן: „גוט אָוונט".

ער איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט און זיך אַנידער־געזעצט ביי זיין שרייב-טישל.

ערשט מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, שוין זיצנדיק שטאַרק באַשעפטיקט איבער עפּעס אַ גרויסן „לעדזשער"*) — ער איז אויך געווען אַן אָנגעזעענער באַאַמטער אין דער פאַרוואַלטונג פונם אָרדן „בני-ברית" — האָט זיך אים פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער האָט, דאַכט זיך, פאַרפעלט עטוואָס צו טון ביים אַריינקומען.

ער האָט פויל זיך אויפגעהויבן פון זיין דריי־שטול און איז אַריינגעקומען אין עס־צימער. צוגעגאַנגען צו לאָראַן, האָט ער לייכט זי אַרומגענומען, געפרעגט ביי איר, וואָס זי מאַכט, און, אָפּווישנדיק די ליפּן, איר אַ קוש געטון אין שטערן. דערנאָך איז ער צוריק אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט אַריין.

---

*) געשעפטספירונג-בוך

עס איז געווען קיל. אין שטוב פאַר די אויגן האָט זיך נאָך געלויכטן דער פורפור-און אָקער־הימל פון דעם אָקאָרשט פאַרגאַנגע־נעם פאַרנאַכט, דעם ערב־ראש־השנהדיקן פאַרנאַכט, ווען לאָראַ איז געשטאַנען אונטן, ביים גאַניק, און האָט געזען, ווי יידן מיט ברונע־טע געזיכטער אין שוואַרצע רעק און ווייסע קראַגנס — גייען אין שול אַריין.

עס איז איר דעמאָלט, אינם פאַרנאַכט, געווען קאַלט אין לייכטן קאָפּטל, אין וועלכן זי איז אַרונטערגעגאַנגען; זי האָט אויך גע־וואָלט גיין מיט די יידן אין שול אַריין, ווייל עס איז איר געווען קאַלט... נאָר עס איז נישט געווען אויף וועמען איבערצולאָזן דאָס הויז.

הערריס איז נאָך אַלץ געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט.

דורך דער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט איר וווינונג פון דער שכנותדיקער, האָט זיך לאָראַן געדאַכט, אַז זי פאַרנעמט דעם קלאַנג פון מעסער־גאָפּל און פאַמיליען־געלעכטער. עס האָט עפּעס אַ צופּ געטון ביים האַרץ. זי האָט זיך געטוליעט איינע אַליין אין איר ווינקל־קאַנאַפּע, און שטייפער אַרומגעוויקלט אַרום זיך איר שאַל. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי זעט דאָרטן, דורך דער וואַנט, עמעצן אַן אַלט־גרויען אין אַ ווייסןברייט-געפאַלדעוועטן קיטל, וועלכער האָט געזאָגט איצט עפּעס אַזעלכע פייערדיק־ערנסטע ברכות און וועמען דאָס גאַנצע הויזגעזינט האָט אין דער שטיל נאָכגעזאָגט. און דערנאָך האָבן זיך אַלע דאָרט משמח געווען.

דאָ, אין עס־צימער, איז אויך געווען שטיל, נאָר קיינער האָט קיין פרומע ברכות נישט געזאָגט.

מיטאַמאָל האָט זי דערהערט, ווי מען האָט קוים הערבאַר אַ קלאַפּ געטון אין פענסטער. לאָראַ האָט אַ ציטער געטון און איז אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען. זי האָט זיכער דערוואַרט דאָרט עמעצן צו זען. נאָר ס'איז קיינער נישט. געווען מער נישט: אַ טרוקן צווייגל, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן פון דעם בלעטערלאָזן קליאָן, וואָס איז געוואַקסן אויפן טראָטואַר, האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן דער ראַם פון פענסטער און נישט געקאָנט אַרונטערפאַלן. עס איז געבליבן אַזוי הענגען אין דער מיטן לופט.

נאָר דאָס האַרץ האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט, געקלאַפּט... און ס׳איז דאָך געווען אַזוי נאַריש. פון וואַנען וואָלט ער זיך פלוצלינג געקאָנט בעמען אַהערצו, אין דעם ווייטן, פאַרלעגנעם טייל פון פלעטבוש?

לאָראַ האָט זיך גענומען גרייטן צום טיש. זי האָט אַרויפגעלייגט אויבן אָן צוויי גרויסע „בייגל״, וועלכע מען האָט איר אַרויפגעשיקט אין שטוב פון דער יידישער בעקעריי, און זיי צוגעדעקט מיט אַ סערוועטקעלע. אין מיטן טיש האָט זי אַרויפגעשטעלט אַ פלאַש רויטן „בורגונדי״ און ביי דער זייט — צוויי זילבערנע לייכטער. זי האָט אָנגעצונדן ליכט. איר איז אפילו אויף איין מינוט איינגעפאַלן ליכט צו בענטשן. זי האָט שוין אפילו געהאַט אויפגעהויבן אירע הענט, דורכזיכטיקע כרופקע, הענט צום בלייכן ראָזיקן פנים.

נאָר זי האָט זיך באַלד פאַרכאַפּט און אָנגעהויבן צו שמייכלען. און אַ שמייכלענדיקע, ווי געטרייסט, דאָס פנים נאָך אַלץ פאַרדעקט מיט אירע צוויי בלייכע כהנישע הענט, איז זי צוגעגאַנגען און אַנידערגעזונקען אין דער קאַנאַפּע.

זי האָט שוין דערנאָך אַ שטיק צייט געוואַרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש, עמעצער זאָל פּאַמעלעך די טיר אויפעפענען און זאָל אין דער ליכט־שעמערירנדיקער לופט שטיל אַריינזאָגן:

— גוט יום־טוב...

נאָר קיינער איז נישט אַריינגעקומען. ס׳איז געווען מאָדנע שטיל אין שטוב. ס׳האָט זיך בלויז געהערט, ווי אויף דער ברוסט האָט געקלאַפּט דאָס גאָלדענע זייגערל, ווי מיט אַ גאָלדענעם האַמערל.

עס האָט גענאָגט דאָרט, — דאָרטן, וווּ דאָס גאָלדענע זייגערל האָט אַלץ געקלאַפּט. לאָראַ האָט מיט אירע בלייכע הענט שטייף אָנגענומען יענעם פּלאַץ, אים געדריקט, געדריקט, ווי וועלנדיק יענע בּאַגעניש ווייט אין דער טיפענישׁ פאַרקוועטשן.

און דערנאָך צוריק פאַרדעקט איר געזיכט מיט אירע ווייכע הענט.

דורך די שמאָלע עפענונגען צווישן די פינגער האָט זיך דורכגעזיפּט אַ ליכט, עפּעס אַ רויטער און גלאַנצנדיקער שיין. און געפילט האָט זי אין אָט דער מינוט, ווי פונאַנדערצושפּילן דאָס קאַפּטל, און לאָזן עמעצן שניידן די ברוסט אירע, און לאָזן דאָס בלוט איבער

דער ברוסטן־בלייכקייט רינגען.

עס איז בלויז געווען דער רויטער בורגונדי, וואָס האָט זיך געלויכטן אין דער פלאַש. שטיל איז לאָרע געבליבן און צוריק, אויך אין גע־דאַנק, דאָס קאַפּיטל פאַרשפּיליעט. עס האָט זיך אַלץ געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס האָט געזאָלט זיין און איז נישט געווען.

די ליכט־פלעמעלעך האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן פון אַ פלוצ־לינגדיקן ווינטל, וואָס האָט אַ בלאָז געטון אויף זיי. די טיר האָט זיך געעפנט. עס איז אַריינגעקומען הערריס.

די וועטשערע האָט שוין געהאַלטן ביים סוף: זיי האָבן געגעסן דעם דעסערט.

מעכאַניש, ווי זי וואָלט געווען דערצו געניויט פון אַ גרויסן איין־אויגיקן ריז, וועלכער וויל זי אַלץ פּעט מאַכן, כדי זי נאָכדעם אויפן פייערפאַן אָפּצובראָטן פאַר זיין הנאה וועגן, האָט זי געלבלעך־רויטע אַבריקאָסן אָן שום חשק געלייגט אין מויל אַריין.

און נאָכדעם איז זי שוין ווידער געזעסן אין ווינקל־קאַנאַפּע און האָט געטראַכט, זי האָט זיך שוין אַליין איצט אויסגעוויזן, ווי אָט יענע געפאַנגענע, וועלכע זיצט אַליין פאַרשלאָסן אינם פּאַלאַץ און ציטערט אַלץ פאַרן אָנקומען פונם פעטן איין־אויגיקן ריז... און טראַכט אַלץ צו פלענער, ווי אַזוי זיך פון אים אויסצודרייען.

הערריס איז געזעסן ביים טיש, האָט זיך געקאָלופּעט מיט אַ ציין־העלצל די ציין און מיט די שמאַלציקע פינגער זאַט געפירט אי־בערן נישט־ראַזירטן געזיכט. ער האָט געהאַלטן אין לעזן אַ פריי־מאָרגנדיקע „טיימס". דאָרטן האָט ער זיך נעגריבלט מיט די אויגן אין די לאַנגע עמודים קליינע ציפערלעך. וואָס האָבן אָנגעפילט זיין „פיידזש", די סטאָקעקססשיינדזש *), די בלאַט־זייט, וועלכע ער פלעגט צום ערשטן לייענען. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויסלאָזן אַ פאַר־ווונדערונגס־געלעכטערל.

---

*) די זייט מיט די בערזן־באַריכטן.

2

שאַ, שטילער.

די פּאַרפומירטע ליכט האָבן זיך געשמאָלצן און געהאַלטן אין דערברענען. די פלעמלעך האָבן געקנאַקט. איין ליכט האָט זיך שוין אויסגעלאָשן און זיך אָנגעהויבן צו רויכערן און אַן אָנגענעמער בלוי־לעכער רויך, ווי אין דער עזרה בשעתן קרבן־ברענגען, האָט אָנגע־הויבן זיך וואָלקענען און וועלבן אין דער לופט.

הערריסן זענען פונם רויך די אויגן עטוואָס פאַרלאָפן, און עס האָט אים געקיצלט אין די נאָז־לעכער. ער האָט זיי אויפגעהויבן צו־זאַמען מיט דער פּאַריסענער נאָז און געפרעגט ביי לאָראַן, נאָך וואָס זי האָט עפּעס היינט אָנגעצונדן ליכט.

— זיי זעען זיך דאָך סיי־ווי־סיי נישט אָן אינם שיין פון דער עלעקטרי...

זי האָט אים, נישט קוקנדיק אפילו אין זיין זייט, עפּעס גע־ענטפערט. כאָטש ער האָט דעם ענטפער אירן נישט פאַרשטאַנען, איז ער געבליבן פונדעסטוועגן צופרידן און האָט איר בלויז אַן אָקסישן שמייכל צוגעוואָרפן.

— אירע קאַפּריזן... לע־לע!

— ער קען זי דען ערשט פון נעכטן, וואָס... ער קען זי שוין פון לאַנג!

און לאָראַן איז מיטאַמאָל אויסגעקומען מאָדנע ווילד דאָס, וואָס זי געפינט זיך מיט דעם מענטשן צוזאַמען. ער, וועמען עס איז אַזוי לייכט אין אַלץ צופרידנצושטעלן, ער, וועלכער גיט איר אַלע מאָל מער געלט ווי זי באַדאַרף, ער, וועלכער פאַרדעלטיקט וועגן איר גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט, און וועלכער איז קיינמאָל, קיינמאָל אויף איר נישט אייפערזיכטיק...

ער איז איר איצט, אין אָט דער מינוט, אויסגעקומען פרעמד, מאָדנע פרעמד. זי האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן, אים געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַוועק אין שלאָפצימער אַריין. דאָרט האָט זי זיך אויסגעטון און זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין.

אין שלאָפצימער איז געווען טונקל. זי האָט אויך געהאַלטן די

אויגן שטאַרק פאַרמאַכט; פייערדיקע רעדער האָבן זיך דאָך געדרייט פאַר איר די גאַנצע צייט אין דער לופט.

— וועט זי, הייסט עס, באַרקאַנען שוין מער קיינמאָל, קיינמאָל נישט זען?

ער האָט איר געזאָגט דאָס לעצטע מאָל, אַז אין פאַל זי בלייבט צוזאַמען מיטן מאַן, פאָרט ער צוריק אַוועק אין יענער ווייטער און שטילער שטאָט, ווו ער האָט דריי בענקשאַפט־יאָרן פאַרבראַכט: נאָר די קומענדיקע יאָרן וועלן שוין מער נישט זיין קיין בענקשאַפט־יאָרן.

זי האָט אים אָבער נישט געגלויבט. זי האָט צו גוט געוווסט איר מאַכט איבער אים. אין דער פינסטער האָט זי געפירט די הענט איבער אירע ברוסטן און וואו־עם געשמייכלט.

עס האָט אין דער פינסטער פלוצלינג פאַרשמעקט מיטן שאַרפן פיינעם שטויב פון צעמאָלענע פאַרטרוקנטע בלומען. ער האָט שטאַרק געריצט די נאָזלעכער, דער דאָזיקער ריח. זיי האָבן זיך ברייט פונאַנדערגעשפרייט, ווי וועלנדיק עס אינגאַנצן מיט גיריקייט אַריינגעמען.

פון צווייטן צימער האָט זיך אַהער דערטראָגן אַ שאָרכן און אַן אומגעדולדיק אַרומגיין. לאָראַ האָט שטייפער פאַרמאַכט די אויגן. דער ריח פון דעם צעמאָלענעם בלומען־שטויב האָט זיך געשטאַרקט.

פון וואַנען קומט ער אַהער, דער דאָזיקער ריח? אַ, זי האָט זיך דערמאָנט. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי האָט אים געטראָפן היינטיקן זומער. זי האָט באַרקאַנען באַוויזן אין אירן אַ בוך פאַרטרוקנטע בלעטער פון בלומען, וועלכע ער האָט איר מיט אַ סך יאָרן צוריק געגעבן: „זי האָט זיי די גאַנצע צייט געהיט". ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט: — „די, די בלומען פון דרויסן? און וואָס איז מכוח די אַנדערע, די בלומען פון אינעווייניק?" ער האָט ביי איר אַרויסגעריסן די בלעטלעך און זיי צעריבן צווישן זיינע דאַרע פינגער — „וואָס טויגן בלומען־בלעטלעך אין אַ בוך?"

און פון דעמאָלט, פון יענעם אָוונט אָן, האָט עס אָנגעהויבן בליען אין יענעם צימער, וואָס נישט ווייט פון ים.

דורך אַ סך נעכט האָט עס דעמאָלט אַזוי געבליט. די איינגע־

האַלטענע פּלאַם האָט זיך קיינמאָל נישט פּאַרמינערט. עמעצער האָט אין זייערע אָדערן צעפּלאָסן פייער אַריינגעגאָסן. די לופט אין יענעם צימער איז תּמיד געווען פול מיט צעשוווּמענעם גאָלד...

עס איז איר געווען איצט שווער און זיס אַזוי צו דענקען וועגן אים, ווי איינער וואָלט איר מיט אַ וואַרעמען מעסער געשניטן דאָס האַרץ. לאָראַ האָט געהאַלטן די אויגן פעסט צוגעשלאָסן, ווי מורא האָבנדיק, אַז עטוואָס פון דער אינעווייניקסטער וואַרעמקייט, וואָס האָט איצט געלויכטן אין איר, זאָל דורך די אויגן נישט אַרויס־שטראַלן. אירע אברים זענען פולער און שטייפער געוואָרן, — ווי טרויבן, צייטיק ווערנדיקע אינמיטן נאַכט.

עס איז מיט יעדער מינוט געוואָרן שווערער. דאָס אינעווייניקסטע פייער האָט פאַרברענט.

די שלאָפצימער טיר האָט זיך געעפנט. זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. מיט אייניקע מינוטן שפּעטער איז עמעצער געלעגן נעבן איר און נאָך מיט עטלעכע מינוטן שפּעטער האָט זי זיך אין דער פינסטער שטיל געבעטן:

— הערריס, הערריסל, טשעפּע מיך איצטער נישט...

דאָס בלומען־בעכערל האָט זיך פונאַנדערגענומען. עמעצער האט די צייטיקע טרויבן געדריקט און דעם זאַפט פון זיי אַרויסגעקריגן. עס איז איר געוואָרן לייכטער. נאָר זי האָט זיך אַלץ געבעטן:

— הערריס... הערריסל, טשעפּע מיך נישט...

און שוואַכער, שוין נישט האָבנדיק מער קיין כּוח צו פאַר־ענדיקן:

— הערריס, הערריסל, טשעפּע מיך...

און שוין גאָר שוואַך:

— הערריס, הערריסל...

און שטיל. זי האָט זיך געקלאַמערט און איינגעגעסן אין עמעצן.

— — — — — — — — — —

„ווער טומלט עס? וו־וו־ווער האָט עס די...?" בּאַרקאַן האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטון פונם בעט מיט אַ געשריי, ווי געביסן פון אַ

שלאַנג. ער האָט זיך געהאַלטן פאַרן קאָפּ. אַ האַמער האָט אים גע־קלאַפּט אין די שלייפן.

„אין וועלכן צימער, אין וועלכן צימער?" ער האָט אַרומגע־וואַקלט און געזוכט אין דער פינסטער. ער האָט אַלץ געהערט אַ שטיל־תאוהדיק געלעכטערל:

— דאָ־אָ... דאָ־אָ.

אין חדר איז געווען קיל. עס האָבן זיך דערנענטערט די מאָרגן־שטונדן. אַ שטילע שטים האָט זיך דערטראָגן פון דער נאַכט אַרויס. עס האָט אים מיט אַמאָל אַ ברי געטון — ער איז געבליבן שטיין שטאַרנדיק מיט ברייט־פונאַנדערגעריסענע אויגן. דאָרטן, ביים פענס־טער, נעבן ביכער־שראַנק, איז געשטאַנען אַ הויכע פרויען־געשטאַלט. אַ לאַנג, ווייס שלאָף־העמד האָט זיך געוויסט אינם ווינקל. צוויי בליי־כע הענט, ווי צלמים, האָבן זיך אין דער לופטן געשטרעקט.

באַרקאַן האָט זיך מיט אימפעט אַ לאָז געטון אַהינצו. „אָ־אָ... אָט דאָ איז זי!.." ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן עפּעס דינעס און כרופּקעס, — אוודאי אָן איר לייב. אַ שויב איז מיטאַמאָל אַרויסגע־פאַלן, אין דער שטילקייט פון די פוסטע גאַסן האָט זיך דערהערט, ווי דאָס גלאָז האָט זיך צעברעקלט אויף שטיקלעך אונטן אויפן טראָ־טואַר. און דער קלאַנג איז דינער און שטילער געוואָרן. באַרקאַן, אַ פאַרוווּנדעטער, איז פאַמעלעך צוריקגעקראָכן און איז אַנידערגע־פאַלן אויפן בעט.

דער האַמער אין די שלייפן האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט. פונם שטערן איז גערונען אינם אָפענעם צעקרומטן מויל אַריין ריטשקעלעך פון אַ נאַסער וואַרעמקייט.

עס האָבן זיך דערנענטערט די פאַרטאָג־שטונדן. דאָס רויזע ליכט פון דער נאָך נישט־אויפגעגאַנגענער זון האָט זיך שוין אין דער פאַרטאָג־דעמערונג אָנגעהויבן באָדן אינם רויט פונם בלוט, וואָס האָט באַרקאַנען גערונען איבערן פּנים.

פון וויטן האָט זיך דערטראָגן אַ בשורהדיק העגער־קרייען. —

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט באַרקאַן שוואַך באַמערקט, אַז אין שטוב איז געשטאַנען עפּעס אַ מאָדנער גערודער, וועלכער האָט

אים אויסגעזען פרעמד.
פון אַלע פּנימער האָט ער בלויז דערקענט דאָס פּנים פון זיין מוטער, וועלכע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, פונקט ווי זי וואָלט עס גאָר געווען דער געפערלעכער חולה, און אַלץ געקרעכצט:
— בוזי... מיין איינציק קינד... בוזעלע...
עס האָט געשמעקט מיט רפואות און זאַלבן. מיט שוואַכן, קוים אַרבעטנדיקן געהירן האָט באַרקאַן באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס איז איצט נישט אין־דער־פרי, נאָר עס איז שוין פאַרנאַכט־צייט. ער איז, הייסט עס, אָפּגעשלאָפן אַזוי נאָכאַנאַנד אַ גאַנצן מעת־לעת... דאָס ליכט אין צימער איז אָבער געווען אַזוי ענלעך אויף פריען פרימאָרגן... איז ער צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן.

3

ערשט אין עטלעכע טעג אַרום איז באַרקאַן אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער און איז אַרויס אין גאַס.
די גאַסן פון יענער געגנט, וווּ ער האָט געוווינט, זענען דורכן טאָג געווען ליידיק. עס איז געווען אָנגענעם צו שפּאַצירן אַליין אין דער יום־טובדיקער פוסטקייט.
אַ באַרויִקונג און אַ קילקייט האָט זיך געשפּירט אין דער לופט. די גרויסע לאַנקע־שטרעקעס זענען איצט, אינם פוסטן בייטאָג, גע־לעגן רויִקע און אָפּגעשוירענע, ווי עניוותדיקע שפּעלעך. אין שכנות־דיקן פּאַרק האָבן זיך געפונען איצט, אינם פוסטן בייטאָג, בלויז איי־ניקע מענטשן, ווי איינצלנע באַזוכער אויף אַ בית עולם.
עס איז געווען שטיל און רויִק. נאָכדעם ווי דער קורצער בלוי־גרויִלעכער פרימאָרגן־נעפּל האָט זיך אָפּגעטראָגן, האָט אַ גאַנצן טאָג די קילע הערבסטיקע זון געשיינט. און אַ גאַנצן טאָג האָט באַרקאַן געשפּאַצירט און געבראָדיעט איבער די ווייסע גאַסן און איבער די פּאַרקן. דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק און האָט עטלעכע שעה געלייענט אַ צייטונג.
עס איז אים געווען איצט מאָדנע אַזוי אָנגענעם און אַלץ־איינ־סיק אויפן געמיט. די זון האָט מיט בלייכע קילע פינגער אים שטיל איבערן שטערן געפירט די זעלביקע קיל־בלייכע זונען־פינגער, וואָס האָבן זיך געגליטשט אינעווייניק און איבער די בעכערלעך פון די

באַסטורסיום־בלומען, בלוי, ברוין, אָראַנזש און שאַרלעך־געפאַרבטע. אין דער בלוילעך־רייַנער לופט האָט זיך שטאַרק אויסגעטיילט דאָס בלוטיקע רויט פון די סאַלוויאַ־בלעטלעך.

באַרקאַנען איז געווען איצט אַזוי לייַכט אין קאָפּ, ווי אייַנעם וועמען מען האָט צום אָדער געשלאָגן. אַן אומשולדיקע פּיאַווקע האָט אים דורך דער נאַכט אויסגעזויגן דאָס בייזע בלוט, און אים לייַכטער און רויִקער געמאַכט.

— אָ, געבענטשט זאָל ער זייַן, אָט יענער אומשולדיקער און דערלייַכטנדיקער אינסעקט! ער האָט דאָך בלויז דערפילט די שליחות פונם אַלמעכטיקן, זייַן באַשאַפער...

ער איז אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג איבער די גאַסן און איבער די פּאַרקן. ער האָט געפּראַוועט מיט דער אַרומיקער קילקייט און רויִקייט אַ יום־טוב. און ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס— נאָר איבער עפּעס האָט ער אַלץ געטראַכט איצט פון יפתחס טאָכטער, וועלכע פלעגט אין אָט אַזעלכע קיל־לויטערע טעג אַרומבלאָנדזשען אין די בערג פון יהודה.

אין דער שטיל, כמעט אומבאַוווּסט פאַר זיך אַליין, האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין חזרן:

— און עס איז געווען פון יאָר צו יאָר, פלעגן די טעכטער פון ישראל גיין באַווייַנען די טאָכטער פון יפתח פון גלעד, פיר טעג אין יאָר.

אייַנעם אַן אָוונט איז ער פונדעסטוועגן אַרונטערגעפאָרן דאַון־טאַון, צו בערטאַן.

ער איז שוין ביי איר אַ לאַנגע צייַט נישט געווען, — כמעט דעם גאַנצן זומער זי נישט געזען.

ער האָט זיך אפילו געשעמט צו טרעפן זיך איצט מיט איר נאָך אַזאַ לאַנגער, אָנסיבהדיקער אַפּוועזנהייט. נאָר אַז ער איז געקו־מען צו איר שפּעט אינם דאָזיקן אָוונט, האָט גאָר עפּעס אַנדערש פּאַסירט.

איר כעס איבער זייַן באַליידיקן איר יונגפרוילעכקייט — דער כעס פון אַ פרוי אַ באַליידיקטער, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן זומער לאַנג געגנערט אויף זייַן, באַרקאַנס, אָפּוועזנהייט, און איז איצט, מיטן

אָנקומען פון די קאַלטע חדשים, נאָך מער אויסגעוואַקסן: זיך פונאַנדערגעבליט אין אַ גרויסער, ברענענדיקער און שרפהדיקער בליונג — דער דאָזיקער כעס איז גלייך צערינען געוואָרן, — צערינען, דאַכט זיך, ביים ערשטן בליק, וואָס זי האָט געכאַפּט אויף באַרקאַנען.

זי האָט אים אויפגענומען מיט אַזאַ וואַרעמקייט, מיט אַזאַ שמייכל און כמעט מוטערלעכער זאָרג, אַט ווי מען נעמט אויף אַ גוטן גאַסט, וועלכער, נאָכדעם, ווי ער איז געקומען אַהיים נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנהייט אין ווייטע מדינות, איז פּלוצלינג — צוליב אַ נאַרישקייט, צוליב אַ ראַפינירטן, נישט ממשותדיקן קאַפּריז — פּלוצלינג פאַרשווונדן געוואָרן פון די, וועלכע האָבן אים מיט אַזאַ וואַרעמער אומגעדולד דערוואַרט.

זי האָט אים מיט אירע ווייכע אָרעמס פון אַ פון־שוין־לאַנגצייטיקער עלטערער מיידל אַרומגענומען, אים אַ קוש געטון אין שטערן: כלומרשט אַלטרויסטיש־אומפאַראינטערעסירט... און קיין איינציק וואָרט פון פאָרוווּרף.

— איז דאָס געווען איר איידעלער, באַהאַלטענער אופן פון נקמה־נעמען?

דעם תמיד־פאַרדעכטיקנדיקן, תמיד־צווייפלענדיקן באַרקאַנען איז איצט אויך דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, — אַ וואַזשנער און אַ ביכערישער געדאַנק:

— ס'אַראַ פאַרשידענע געשטאַלטן די אייביקע לילית נעמט עס אָן...

נאָר פונדעסטוועגן, אַז זי האָט אים עטלעכע מינוט געקוקט אַזוי אין די אויגן אַריין מיט אירע יונג־פייכטע און גנביש־גלענצנדיקע פענסטערלעך, — האָט באַרקאַן שוין אָנגעהויבן טראַכטן פון גרויסע וואַרעם־רויטע כריזאַנטעמעס, וועלכע בליען זיך ערשט פונאַנדער אין שפּעט־אָקטאָבער.

שפּעטער איז צווישן זיי פאָרגעקומען אַזאַ מין שטיל אויגן־געשפּרעך, מיט אירע פייער־גלאַנצנדיקע אויגן האָט זי ביי אים אַזוי געפרעגט:

— פאַרוואָס איז ער די גאַנצע צייט נישט געקומען?

נאָר ער האָט געשוויגן. גערעדט האָט עס פאַר אים דער ליכ־טיקער לאָמפּ אויפן טיש:

— פאַרוואָס?... טאַקע פאַרוואָס? נאַרישער טראָפּ דו אייגער, וואָס האָסט זיך איינגעשמועסט אַן אויסגעטראַכטע געשלעכטלעכע ציכ־טיקייט און ריינקייט, וועלכע האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט... דאָרפס־מאַן דו איינער, וואָס דו האָסט טוי־פרישקייט, פעלדער־ריח און כּסדרדיקן באַגער נאָך זון — ווי נאָך טאָג־טעגלעכן, פּשוטן ברויט — מיט זיך מיטגעבראַכט, און ווילסט אַלעמען אין דעם באָדן און כּשרן, קעגן זייער אייגענעם ווילן...

האָט זי ביי אים ווייטער מיט אירע פּייכט־גלאַנציקע אויגן גע־פרעגט:

— דו... דו ווייסט דאָך! מיט דיר בין איך תּמיד אָפנהאַר־ציק... איך האָב דיך געוואָלט, די גאַנצע צייט דיך געוואָלט... ביי מיר וואָלסטו געקאָנט קריגן דאָס, וואָס קיינער ביז דיר האָט נאָך ביי מיר קיינמאָל נישט געקראָגן — אויב דו ווילסט עס שוין יאָ וויסן— און וואָס מער פון דעם וועט קיינמאָל קיינעם ביי מיר נישט מעג־לעך זיין צו קריגן, — און דו: ווו ביסטו געווען?

ער האָט ווידער געשוויגן. דער ליכטיקער לאָמפּ אויפן טיש האָט פאַר אים ווייטער גערעדט:

— געווען אַמאָל איינער אַ מענטש, וועלכער האָט געוואָלט אַ כּראַכטפול־הויטיקע מכשפה־לילית — וועמעס איינציקע עובדה אויף דער וועלט איז צו אויסזויגן דורך די טונקעלע הייטע נעכט דאָס בייזע, מאַנסבילשע בלוט, כּדי עס זאָל אים, דעם מאַנסביל, גרינגער ווערן צו דענקען און צו טון וועלט־זאַכן — זי האָט ער דאָס גע־וואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ ראָמאַנטישער, קיינמאָל־נישט־עקזיסטירנדי־קער געשטאַלט, אַ געשטאַלט פון עפּעס אַ לעגענדאַרישער „ריינער יידי־שער טאָכטער”...

— כאַ־כאַ... נישטאָ וועט עס זאָל לאַכן — האָט ער זיך סוף־כּל־סוף אָנגערופן. — מילא, טעותן — אַ גאָר געוויינלעכע זאַך אין לעבן, בפרט נאָך ווען מען איז יונג און רויז־גלויביק. טעותן אויף ביידע זייטן — מער נישט: ער איז געווען אַ סך ריינער, און דע־ריבער אַ סך נאַרישער פון אַלעמען...

ער האָט געוואַרט אַ לענגערע צייט אויף אַן ענטפער. נאָר ווייל בערטאַ האָט אויף אים אַלץ געקוקט מיט אירע שמייכלענדיקע, פריי־דיק גלאַנציקע אויגן און האָט נאָך אַלץ קיין וואָרט נישט געזאָגט, האָט באַרקאַן אַ טראַכט געטון: „ווער ווייס... אפשר דערשיינען איר מיינע אַרגומענטן צו זיין צו־אומבאַשטימט, און ווייניק־איבערצייגנ־דיק". ער האָט דעריבער, נאָך אַ קורצער פויזע פון פאָרזיכטיקן ישוב־הדעת, ווידער פאָרטגעזעצט:

— שאַ... און אפשר — אפשר איז עס דיין שולד, בערטאַ? דיין אומשולדיקע שולד? ווייל פאַרוואָס האָסטו זיך מיר אַזוי גרינג און אַזוי מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן? אונזער נאַריש־אומגליק־לעכע, אונזער שטרויכלונג־זוכנדיקע נאַטור, וועלכע האָט פאַרגעסן שוין, אַפנים, דעם גלייכן וועג...

דער דאָזיקער נישט גאָר אָריגינעלער געדאַנק איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט: ער האָט זיך נאָך, אייגנטלעך, געגוויטיקט אין אַ בררייטערער באַגרינדונג... און באַרקאַן האָט זיך טאַקע געקליבן דאָס צו טון. נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערפילט עמעצנס אַ וואַרעם און צאַפלענדיק האַרץ — עס האָט קיין שום ספק נישט געקאָנט זיין, וועמעס דאָס איז — גליען און צינדן זיך אויף זיין ברוסט. אירע אויגן זענען געווען האַלב־פאַרמאַכט, בלינדע דורשטיקע ליפן האָבן געזוכט זיינע. און ער האָט גלייך נאָכדעם דערהערט אַ שוואַכע שטים, וועלכע האָט אים אויפגעוואָרפן:

— פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרחושט, נאַרעלע?

אַך, משמעות, אַז דאָס האָט ער עס גאָר אַליין — די גאַנצע צייט אַליין — אַנטייל גענומען אינם דאָזיקן שטילן געשפּרעך...

—אַלץ זיין שוין־פאַרפאַלענע, תמיד־רעפלעקטיווע נאַטור...

ווייל בערטאַ —

נו, ווייל בערטאַ האָט פון אָט דעם אַלעם גאָרנישט נישט גע־הערט און גאָרנישט נישט געוואָלט הערן, זי האָט געלויכטן און גע־לאַכט:

— איצט איז ער דאָ... און איצט איז איר גוט, — וואָס־זשע גייט איר אָן דער „פריער" און דער „שפּעטער"?

אין איר רויטן, וואַרעם־איבערגעגעבענעם קנוילן און וויקלען

זיך אַרום אים און אין אים, איז שוין גאָר דייטלעך געווען צו זען די גיך-זיך-פֿאַרווירקלעכנדיקע מחשבה:

— איז ער, באַרקאַן, האָלץ, — איז זי, בערטאַ, דעמאָלט פֿייער... און ער וועט שוין ביי איר ברענען, — אָ, יאָ, ער וועט שוין... און ווייל ער וויל עס נישט — אַלץ שאַרפֿער און אַלץ פֿולער מיט פֿאַרגעניגן וועט זיין די ריינע שׂרפֿה...

אירע ליפּן האָבן זיך אַ קרום געטון מיט בייזן, עקשנותדיקן שמייכל, — זיכער און אַנטשלאָסן. זי האָט אים געהאַלטן אַרומגענומען מיט אירע פֿולע, ברוסטיקע הענט. און ער, דער נישט-לאַנגאָניקער קבצן, איז מיטאַמאָל אויפֿגעריכט געוואָרן.

— טאַקע נאָר: דער פֿינגער פֿון גאָט...

אין דעם גלעזערנעם לעמפּל, פֿון וועלכן דער אייל איז אָקאָרשט אויסגעזויגן געוואָרן, האָט זיך ווידער אָנגעצונדן אַ קנויט. אָ, ניי אייל וועט זיך שוין דאָרט ווידער זיכער באַווייזן...

4

זיי זענען שפּעטער אַוועקגעגאַנגען אין אַ טעאַטער, אין אַ באַוווסטן רעוויו-טעאַטער, וואָס האָט זיך געפֿונען אויפֿן העכערן טייל בראָדוויי.

שפּאַצירנדיק אינם נאַכטיק-באַטאָגיקן ליכט, אינם אייביקן יום-טוב-געטומל פֿונם „גרויסן, ווייסן וועג", האָט זיך די נשמה טיף געפֿרייט מיט דער אַרומיקער פֿרייד און חדווה, האָט בלוט אַנטקעגנגערעדט מיט אַ גרוזאַנג דעם אַרומיקן ים פֿון ליכט און פֿייער-פּאַסן, און פֿייער-אינזלען...

בערטאַ איז געגאַנגען ביי דער זייט. באַרקאַן האָט זיך געבאָדן אין פֿריידיקע געפֿילן, אין לופֿטיקע ליכטיקייטן.

— אַז אַזויפֿיל פֿרייד און אַזעלכע ווייטע, ליכטיקע וועגן זענען נאָך דאָ אין לעבן... אפֿילו ביינאַכט, היינט ווער רעדט נאָך בייטאָג!

אינם ליכטיקן, בלענדנדיקן טעאַטער פֿון די „פֿאַלליס", ווו היין זיי זענען אַריין, האָבן זיי פֿאַרנומען אַן אָרט אין אַ לאָזשע, אויפֿן צווייטן עטאַזש. מען האָט היינט געשפּילט אַ האַוואַישע פּיעסע: „אינם לאַנד פֿון די גן-עדן-פֿויגל".

איידער נאָך זיי האָבן געהאַט צייט זיך אַרומצוקוקן איבערן

שוי-זאַל, האָט זיך שוין דאָס טעאַטער געבאָדן אין טונקלקייט. אומ'היימלעך האָט אַ גלי געטון דאָס טונקל-ברוינע ליכט, אין וועלכן די גאַנצע בינע האָט זיך געטוקט. און דער עולם אין זאַל האָט זיך גלייך אַריבערגעטראָגן אויף יענע ווייטע ראָמאַנטישע אינזלען פֿונם פּאַסיפֿישן אָקעאַן, ווו מענטשלעכע פּנימער זענען אַזעלכע ברייטע און עראָטיש-אויסגעצערטע, און ליבעס זענען אַזעלכע רויטע און פֿייער-דיק-פֿאַרברענענדיקע, — ווי דאָס צונטערנדיקע פֿייער פֿונם הייליקן ווולקאַן, צו וועלכן די איינוווינער פֿון אָט יענע אינזלען בוקן זיך.

— אָ, האַוואַי... האַוואַי... לעב וווּיל, און מיין ליבע צו דיר!...
אַלאָהא-האָ ...

„דו, מיין ווייטע געליבטע, וואָס דו געפֿינסט זיך איצט אַזוי ווייט פֿון מיר — אין פֿרעמדע הענט, אין קאַניבאַלישע מאַנסבילשע הענט, — ווו ביסטו איצט?“

אין דער לאָזשע איז געווען דריי-פֿערטל טונקל. בערטאַ האָט זיך וואַרעם געטוליעט צו באַרקאַנען און האָט געקוקט ווייניקער אויף דער בינע, ווי אויף אים. און אים, באַרקאַנען, האָט דאָס רויטע פֿייער ווידער אַראָפּגעברענט דאָס דינע הייטל פֿון דער שוין זיך-היילנדיקער וווּנד.

„ווו געפֿינסטו זיך איצט, לאָראַ, אין געפֿאַנגענשאַפֿט און אין דער פֿרעמד ביי דיינע אייגענע? לאָראַ, לאָראַ, דו טונקל-הויטיקע,
— אַלאָהאַ — האָ! לעב וווּיל, און מיין ליבע צו דיר — — —“

אין טעאַטער איז געווען טונקל. דאָס פּובליקום איז געזעסן מיט אַן איינגעהאַלטענעם שטילן אָטעם. עס איז געווען רויט און וואַרעם. גרויסע, רויט-זאַפֿטיקע קלובניקן האָבן אין דער טונקלקייט אַרויסגעשפּראָצט.

— יאַקאַהולאַ...

דער עולם האָט מיט ברייט-פֿונאַנדערגעשפּרייטע אויגן און אויסגעשטרעקטע העלזער געקוקט אויף דער בינע. די ברייטע פֿאַרגלייזטע ווייסלען פֿון דעם טעאַטער-עולם האָבן געוואָרפֿן אַ מענטשן-פּרעסערישן פּחד אין דעם רויטן ליכט. עטלעכע באַלעט-פּאָרלעך האָבן איצט געטאַנצט די הייליקע רעליגיעזע האַוואַי-טענץ. די ברוינע טענצערינס

האָבן אַזש געפּלאָקערט מיט די אויגן, געשמייכלט שעלמיש-צוזאָגנדיק מיט זייערע געפאַרבט-רויטע ליפּן. תאוהדיקע חלומות זענען איצט גע-וואָרן אויסגעפלאָכטן אין דער רויטער לופט דורך די טענצערינס הענט, וועלכע האָבן זיך ריטמיש געבויגן אין אַ גלייכער האָריזאָנטאַלער לי-ניע ביי די זייטן גוף. שלאַנגען-הענט, וואָס האָבן געפירט אַן אייגן זעלבסטשטענדיק לעבן. מיט די בלייכע פינגער האָבן זיי ליידנשאַפטס-אוזאָרן געשפּונען אַרום זיך. אין הייליקן עקסטאַז, דבקותדיק דרייענ-דיק מיט די קלובעס, האָבן זיי געטאַנצט אַ פרומען הולאַ-טאַנץ.

— יאַקאַהולאַ... יאַקאַהולאַ...

דער טונקעלער טעאַטער-גרוב אונטן איז געווען אָנגעפּילט מיט אַ וואַרעמער רויטקייט און זיך-פונאַנדערגליענדיקער בענקשאַפט.

— דאָרטן, אויף די רויט-ברוינע אינזלען פונם פּאַסיפישן אָקעאַן...

אַ פּאָרל, וואָס איז אפנים געווען שטאַרק פאַרליבט, האָט זיך גלייך אונטער באַרקאַנס לאָזשע געשעפּטשעט מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם.

דער פאָרהאַנג איז אַרונטערגעפאַלן. די טונקלקייט האָט זיך שנעל אַוועקגעטראָגן איבערן אוקינוס, צוריק צו יענע פּשוט-אינזלען. דער עולם האָט מיט חרטה זיך אַרומגעקוקט: וואָכעדיקער טאָג, און ליכט, און ניכטערקייט.

באַרקאַן האָט זיך איבערגעבויגן איבערן פאָרענטש פון זיין לאָ-זשע און זיין בליק האָט פאַרבייגייענדיקערהייט פאַרבלאָנדזעט אין דער לאָזשע פונם שטאָק אונטער זיינער.

מיטאַמאָל האָט ער אַ קליינעם, ספּאַזמישן לאַך געטון און זיך אָפּגעריסן, אַ וואָרף געטון זיך אויף צוריק, אין דער טונקעלער פינס-טערניש פון זיין לאָזשע אַריין. ער האָט זיך אַזאַ האַסטיקן וואָרף גע-טון, אַז ער האָט אומגערן שאַרף אַ זעץ געטון זיין קאָפּ קעגן דער טיר-לייסט. ער האָט אָבער, קענטיק, נישט געפילט דעם ווייטיק.

בערטאַ איז צו אים צוגעפאַלן:

— גאָט דער לעבעדיקער! וואָס איז געשען?

גאָרנישט איז געשען. מען האָט באַלד אָנגעהויבן שפּילן דעם צווייטן אַקט פון „פּרינצעסין קוואַיאַאוהאַ“.

אונטן איז געזעסן עפּעס איינע אַ טונקל-הויטיקע דאַמע. זי האָט מיט מידע אויגן און גלאַנצנדיקן געזיכט געקרייזלט די האָר פון איר-

שכן. דעם אמת געזאָגט — ער האָט טאַקע געהאַט שיינע האָר, דער שכן אירער. און אַזויערנאָך, לויט די האָר, האָט אים באַרקאַן דערקענט — א יונגער שוישפּילער געווען, זיינער אַ גוטער באַקאַנטער. ער האָט אויך דערקענט די יונגע דאַמע.

5

בערטאַ און באַרקאַן האָבן דערנאָך ביידע דעם רעשט נאַכט געשפּאַצירט איבער דעם נידעריקערן, איצט אָפּגעשטאָרבענעם געשעפט-טייל פון דער שטאָט.

בערטאַ האָט געפילט, ווי ער איז געגאַנגען מיט אַן עטוואָס אומזיכערן טריט; ווי ער וואַקלט זיך, ווי ער וויגט זיך אַהין און אַהער, ווי אַן איידעלער טייכן-רער, וואָס מען האָט עטוואָס אונטערגעשניטן. און זי האָט גלייך אויפן אָרט פעסט באַשלאָסן צו זען, אַז ער זאָל פאַלן אין איר ריכטונג.

זיי זענען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט אַזוי, אָן ציל און אָן וועג איבער די גאַסן. עס איז געווען קיל און גוט אַזוי געפלאָכטענערהייט צוזאַמען גיין אין די גאַסן פון דער ריזן-שטאָט, וואָס איז איצט געווען ווי אַ טויטע שטאָט. זיי האָבן געשפּאַצירט אַרונטער בראָדוויי, צו וואָלל-סטריט צו. דורכגייער זענען דאָ איצט געווען זעלטענע. אויף ביידע זייטן האָבן זיך געצויגן די ריזיקע וואָלקן-קראַצערס, מיט קעפּ און עלעקטרישע קוטשמעס, וועלכע האָבן זיך פאַרלוירן אין נעפּל אין דער הויך. און זיי האָבן געהאַט דאָס געפיל, ווי זיי וואָלטן איצט געשפּאַצירט איבער שמאָלע טאָלן, וואָס צווישן ריזיקע בערג-ווענט — אויפן דנאָ פון שמאָלע בערג-שפּאַלטן.

באַרקאַן האָט די מייסטע צייט געשוויגן. נאָר דערנאָך, מיר נישט, דיר נישט, מיטאַמאָל אָנגעהויבן פלוידערן נאַרישקייטן. בערטאַ האָט זיך נישט באַליידיקט — זי האָט געוווּסט, אַז עפּעס איז דאָ ביי אים פאָרגעקומען — און זי האָט אים געלאָזט רעדן און אויסרעדן זיך דאָס האַרץ. שפּעטער אַביסל — האָט זי געוווּסט אויף זיכער — אַז ער וועט זיך דאָס אָנגעקליבענע פונם האַרצן אַרונטעררעדן און זיך דערשעפּן — אָ, דאַן וועט דאָס פויגעלע אַ מידס פליען צו איר אין בוזעם אַריין...

זיי זענען ביידע סוף-כל-סוף מיד געוואָרן און האָבן אָפּגעזוכט

ערגעץ אויף דער בעטטערי אַ באַנק. די באַנק איז געווען נאַס פון טוי און פון דעם פייכטן רעגן־ווינטל, וואָס האָט געשפריצט פונם ים. בערטאַ האָט אויפגעהויבן אַ פליגל פון איר קלייד, עס אויסגע־שפרייט אויפן באַנק און זיי האָבן זיך בײדע אויף דעם אַוועקגע־זעצט. אין זיין עגאָיסטישער פאַרחושטקייט האָט ער אפילו נישט גע־פילט, ווי נישט שיין עס איז געווען פון זיין זייט אָנצונעמען איר ממש־מוטערלעכע זאָרג וועגן אים אָט אַזוי גרינג.

עס האָט זיי שפעטער מער נישט געאַרט דער שאַרפער קאַל־טער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון דער זייט פונם ים. ער האָט ווײ־טע פייגל געבראַכט צופליען אויפן ברעג און זיי אַנידערגעלייגט ביי בײדנס פיס. — — —

פון נאַכטיקן ים האָט זיך געלאָזט הערן אַ ברומען. די טונקל־קייט איבערן ים איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ שיטערער און בלייכער.

טונקעלע אָפגעווישטע פיגורן, אָן שום קענטיקע אברים, אומגעלומפערטע שניי־גולמס, אין וועמען גאָטס גייסט איז ערשט אַריינגעבלאָזן געוואָרן, האָבן זיך, ווייזט אויס, פאָרזיכטיק געלערנט דאָרט גיין איבער די שיף־פאַלובן. גרויע וואַסער־פלעקן זענען פון זייערע נאַכט־ליילעכער אַרויסגעקראָכן. זיי האָבן פון ווייטן, מיט זייער גע־שפענסטערדיקער געשטאַלט, געדרייצט דעם שיכורן מאַטראָז, וואָס האָט זיך איצט אומגעקערט אַהיים, זיך געיאָגט נאָך זיין היטל, וואָס האָט אַלץ געהאַלטן אין איין אַוועקפליען פון אים, און ער האָט דערווייל עמעצן מיט טויטע קללות די גאַנצע צייט געשאָלטן. זיינע אומ־באַרמהאַרציקע געשרייען האָבן אויפגעוועקט פון שלאָף אייגעם אַ טרעמפּ, וועלכער איז געלעגן אויף דער נאָענטער באַנק און געצי־טערט אין דער פרימאָרגנדיקער קעלט. ער האָט זיך שטייפער און וואַרעמער אין זיך איינגעטוליעט, און האָט געשמייכלט לייטזעליק אין זיין חלום.

אים, דעם טרעמפּ, האָט זיך איצט אפשר געחלומט, אַז איינ־צעלנע רענדלעך, אָן אַ שיעור רענדלעך פון פאַרזשאַווערטן אַלטן גאָלד

זענען פון עמעצנס אַ האַנט אויף יענער זייט ים־און־הימל־גרענעץ, אין וואַסער, ווייט ביים האָריזאָנט, געוואָרפן געוואָרן. שאָלעכצן פון גאָלדענע אייער האָבן שוין טאַקע אָנגעהויבן אַרומשווימען ביים ברעג.

ס׳האָט זיך דערנענטערט די צייט פון זון־אויפגאַנג.

באַרקאַן און בערטאַ זענען ביידע געווען דורכגעווייקט, נאַס, פרירנדיק, באַטויט. נאָר ביידע האָבן זיך געפילט גוט און איבערגע־בעטן. זי, איבערהויפּט, האָט זיך קוים געקאָנט פון אים אָפּרייסן. עס איז שוין טאַקע געווען באַלד אַרום פינף אַזייגער פרימאָרגנס.

זי האָט פאָרגעשלאָגן:

— לאָמיר אַריינגיין ערגעץ אין אַ נאָענטער קאַטוילישער קירך, ווי מען פראַוועט איצט דעם פריען גאָטעס־דינסט. מיר וועלן זיך דאָרט דערוואַרעמען.

6

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צו אַ דערבייאיקער קאַטוילישער קירך, וועלכע איז שוין געווען אָפן פאַר דער פרימאָרגנדיקער מעסע. עס איז געווען זונטיק־פרי.

די לאַנגע קירכן־דורכגענג זענען געווען טונקל באַלויכטן. די בענק — גאָר שיטער באַזעצט. אין די הינטערשטע בענק האָבן אַ פּאָר היימלאָזע טרעמפּס געדרעמלט. צוליב דעם מילדן, פאַרשלאָפענעם און ערנסט־רויקן אויסדרוק פון זייערע געזיכטער האָבן זיי אויסגע־זען, די דאָזיקע טרעמפּס, זייער ריין און זייער אומשולדיק — זיי האָבן אויסגעזען, ווי פאַרשטעלטע איבערגעטוענע אַפּאָסטאָלן, וועלכע האָבן איצט געחלומט פון אַ ווייטן, זיי שוין־לאַנג באַקאַנטן, היימישן גערויש פון שטיל־ווייסע פליגלען.

אַן אָפּגעריסענע פרוי, אויך מסתמא אַ „באָמערקע" *), האָט געקניט אויף איר פּלאַץ און שטיל עפּעס געמורמלט מיט נישט־זיכע־רע ווערטער.

---

*) אַן אויסגעלאַסענע פרוי.

אַ רייך-געקליידעטער הער, אין שוואַרצן פראַק און אין צי־לינדער־הוט, — ווייזט אויס, אָקאָרשט פון אַ קאַבאַרעט אַרויס, איז אַריינגעקומען אין קירכע, דורכגעגאַנגען די גאַנצע לענג פונם „אייל״, האָט זיך אָפּגעשטעלט סאַמע ביי די פאָדערשטע פּלעצער, געמאַכט אַ טיפן זשענו פלעקס און איז מכלומרשט אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן אין תפלה.

אין דער קירך איז געווען פאַרטאָגיק־טונקל. פון פאַרהוילענע פלעצער ביי די זייטן וועגט האָט אַן אומגעזעענער שיין פון אייל־לעמפּלעך שוואַך־באַלויכטן די פרימאָרגן־דעמערונג. פונם אַלטאַר אַרונטער האָט זיך געשפּירט דאָס שטילע פאַמעלעכע שמעלצן פון גרויסע וואַקסענע ליכט, ווי פון שטיל־אויסברענענדיקע פרומע פרושים.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקל אויף אַ באַנק. בּאַרקאַן האָט זיך געפילט מיד און דורכגעווייקט. האָט ער גלייך אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן שטענדער. אַ זייטיקן האָט עס גע־קאָנט אויסזען ווי ער איז מתפלל צו גאָט. עמעצער האָט טאַקע תפלה געטון, נאָר נישט ער.

דורך אַ נעפּל האָט באַרקאַן געהערט, ווי אַ שטים נעבן אים שעפּטשעט אין דער שטיל:

„פאָטער אונזער, וואָס ביסט אין הימל,
„דיין נאָמען זיי געהייליקט...״

אים האָט זיך איבער עפּעס אויסגעדוכט, אַז דאָס זענען געווען בערטאַס ווערטער.

אָדער — לאָראַס? נאָר שאַ... לאָראַ — ווי קומט זי אַהער, אַזוי פרי? אין קירכע? —

דער קאָפּ האָט אים עטוואָס וויי־געטון. דער ריח פונם ווייררוך, וואָס האָט זיך געטראָגן פונם אַלטאַר, איז געווען געדיכט און טשאַדנ־דיק און האָט זיך געלייגט אויפן מאַרך, ווי בליי. אין קאָפּ זענען אַרומגעלאָפן די גאַנצע צייט עפּעס מאָדנע אַזעלכע פאָרשטעלונגען און ליכטיקע געשטאַלטן: ווינטער-שניי, אומבאַטרעטן דורך אַ מענטשן־פוס, צפונדיקע בערג, ווייסע מלאכים, ווייסע פרויען-קליידער...

בערטהאַ, לאָראַ?...

פונם אַלטאַר האָט זיך אַלץ געטראָגן אַ ברומען פון עפּעס לאַטייניש פסוקים.

Qui vitiae odit, homines odit...

יאָ, דאָס האָט אוודאי לאָראַ געזונגען.

„לאָראַ, וואָס זינגט זי, דער נאַר?.. שאַ, און צוריק גערעדט— וואָס בייזערט ער זיך? וואָס האָט ער דען צו לאָראַן? אַזאַ געווייני לעכע זאַך. — מענטשלעך. — וואָס האָט זי דען געטון? גאָרנישט. וואָס גאָט האָט איר געבאָטן און אַלע גוטע און פרומע לייט טוען... כאַ—כאַ... ווער לאַכט עס? ביטע! עס איז אַ קירך. דרך־ארץ!"

...נאָר וואָס פאַראַ מאָדנע לאַטייניש פסוקים זאָגן זיי עס דאָרט... גאָרנישט קיין ליטורגישע... אָ, אָט דאָס איז שוין בעסער:

„לאָז יענער פון אייך, וואָס איז אָן זינד, קומען און וואַרפן דעם ערשטן שטיין." אָ, אָן זינד... ער, באַרקאַן, האָט אויף איר געוואָרפן אַ שטיין און זי באַשפּיגן — ווייל ער איז אָן זינד... זינד. זינג... ווער זינגט עס?.. אַ ביסעלע שטילער, בערטאַ: דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר — שלאָג מיר נישט איבער... נאָך אַמאָל: ער, באַרקאַן, איז אָן זינד. פאַרוואָס — אָן זינד? וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער, באַרקאַן, צו לעבן אָן זינד? וואָס פאַראַ רעכט האָט ער צו זינדיקן אַנטקעגן דער נאַטור, וועלכע איז אין עצם — זינדיק? אַז גאָט אַליין האָט אַזוי געבאָטן! ניין, נישט גאָט — דער זון פון גאָט: „לאָז יענער פון אייך..." און אַזוי ווייטער. און יעזוס אַליין האָט דאָך אויך דעם ערשטן שטיין נישט געוואָרפן, הייסט עס: ער אַליין, דאָס הייליקע שעפעלע, וואָס איז געקומען צו אויסלייזן מיט זיין אומשולדיק בלוט די זינד פון דער וועלט, איז אויך נישט געווען קיין... קיין... הייליק שעפעלע? כאַ־כאַ־כאַ..., „ניטע, בערטאַ... פליעז, קיצל מיך נישט אונטער דער פאַכווע."

„...דאָס איז עס, יאָ. ער, באַרקאַן, דער זינדיקער מיזאַנטראָפּ... און ער — ער באַשולדיקט נאָר זי? און ער איז אַליין באַגאַנגען די גרעסטע זינד אין דער וועלט — ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזינדיקט... לאָראַ... לאָריטשקאַ... פאַרגיב... זינג נישט אַזוי שטאַרק, בערטאַ... פליעז... כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן — דער קאָפּ

שפּאַלט זיך מיר. שפּאַלט זיך... עס זעט זיך שוין דער רויטער ים. באַלד וועלן מיר אַריבערגיין איבער אים צום לאַנד פון דער גאולה און צום טאָג פון גרויסער אויסלייזונג..."

עמעצער האָט אים אַ צי געטון ביים אַרבל. ער האָט דערקענט דעם גלאַנץ פון די ווייך־גרויע אויגן, וועלכע האָבן אויף אים אַזוי ליבלעך געקוקט:

— די מעסע האָט זיך שוין געענדיקט. פּע, שלאָפן גאָר אין אַ קירכע?

זיינע מידע פיס האָבן זיך נאָך איר נאָכגעשלעפּט.

אין דרויסן איז שוין געווען קלאָר און ליכטיק, כאָטש נאָך גאַנץ שטיל. עטלעכע מילך־וועגענער האָבן דורכגערודערט שוין מיט ליידיקע מילך־קאַנען. אַ קאָמפּאַניע יונגעלייט האָבן זיך אומגעקערט פון אַ פריילעך־פאַרבראַכטער נאַכט. זיי האָבן זיך געפילט פריש און מונטער, און עס האָט זיך זיי, אפנים, בשום אופן נישט געוואָלט גיין שלאָפן. און בערטאַן און באַרקאַנען האָט זיך אויך נישט געוואָלט שלאָפן — עס האָט זיך זיי גאָר געוואָלט אַרויספאָרן צום ים באָדן זיך.

נאָר צום ים זענען זיי פונדעסטוועגן נישט געפאָרן. זיי זענען אַוועקגעגאַנגען מיט איילנדיקע טריט צו בערטאָס וווינונג.

ווען זיי זענען געקומען אַהינצו, איז שוין געווען זיבן אַ זייגער. דאָרטן האָבן זיי זיך ביידע פאַרשפּאַרט און אַרונטערגעלאָזן די פאָר־האַנגען.

אַז די פאָרהאַנגען האָבן זיך שפּעטער, פון אַן אומגעזעענער האַנט, צוריק אַרויפגעראָלט, איז שוין געווען פינף אַ זייגער אין אָוונט.

7

אין איינעם אַן אָוונט, מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אַז באַרקאַן איז געקומען אַהיים, האָט אויף אים דאָרטן געוואַרט אַ בריוועלע. דאָס בריוועלע איז געווען פון לאָראַן — ער האָט דערקענט ווי תמיד אירע באַזונדערע, מיט די גאָלדענע קאַנטן, רויזע קאָנווערטן. און דאָס איצטיקע בריוועלע האָט אים דערמאָנט אָן אַן אַנדערן, מיט

עטלעכע מאָנאַטן צוריק, ווען עס איז געווען אָנהויב זומער.

אינם איצטיקן בריוועלע איז געשטאַנען:

„איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דו פאָרסט מאָרגן אַוועק. איך וויל דיך זען — זיך געזעגענען מיט דיר. אָל־רייט? קום צו גיין דאָרטן און דאָרטן אין דער און דער צייט.“

ער איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל און זיך פאַרקעמט די האָר. דאָס בריוועלע האָט אים אויסגעזען אַזוי פרעמד, ווי עס וואָלט געווען געשריבן נישט פאַר אים, נאָר פאַר זיינעם אַ פריינט און אַן אַמאָליקן באַקאַנטן, און לאָראַ אַליין איז אויך געווען איצטער ווייט פון אים — הונדערטער מיילן ווייט. און ער האָט זי שוין נישט געזען יאָרן־לאַנג.

ער האָט באַמערקט אינם שפּיגל, ווי זיינע האָר זענען נאָך געווען אַזוי געדיכט און שוואַרץ... און געטראַכט מיט פרייד, אַז זייער שוואַרצקייט וועט נאָך אָנהאַלטן אין משך פון פיל און פיל יאָרן.

אויף מאָרגן איז באַרקאַן געפאָרן אַהינצו צום באַשטימטן ראַנדעוווּ־פּלאַץ, אין דער און דער צייט.

ער האָט זיך געפילט טיף־רויק, ווי דער שפּעט־אָקטאָבער טאָג אַרום אים. און די רויקייט איז אים אויך נישט געווען אויפפאַלנדיק און זאָנדערבאַר, ווי נישט אויפפאַלנדיק און נישט־זאָנדערבאַר און גלייכגילטיק דאָס פאָרשטייענדיקע באַגעגעניש מיט לאָראַן האָט אים געשיינט. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געזעסן אין צוג, האָט ער מיט מאָדנעם אינטערעס באַטראַכט, ווי די פריילן, וועלכע איז געזעסן אים אַנטקעגן אין וואַגאָן, האָט געטראָגן מאָדנע אַזעלכע שיינע און קליינע שיכלעך פון רויטן סאַפיאַן.

דער איינציקער געדאַנק, וואָס אים איז איינגעפאַלן אויפן וועג, איז געווען: ער האָט געדאַרפט מיטנעמען מיט זיך בלומען. אים איז געווען אַזוי ליכטיק אין מוח און זומערדיק אויפן האַרץ.

נאָר שפּעטער אַ ווײַלע, ווען ער איז אָנגעקומען צום ראַנדעוווּ־פּלאַץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לאָראַ אַליין האָט עס שוין באַזאָרגט.

דאָרטן, אויף יענעם פּלאַץ, אויף אַ קליין בערגל אינם פּראָס־פּעקט פּאַרק, איז זי געשטאַנען אַ שמייכלענדיקע מיט אירע קלוג־בלישטשנדיקע אויגן. פון ברוסט איז איר אַרונטערגעהאָנגען אַ געלע כריזאַנטעמע, אַ גרויסע און אַ זוניקע. אין איר בלוי־זיידענעם זשאָר־זשעט־קלייד, וואָס האָט איצט אַביסל געפלאַטערט אין אַ קליינעם ביי־טאָגיקן הערבסט־ווינטל, האָט זי אויסגעזען ווי אַן אָנהויב־הערבסטיקע לופט־דערשיינונג, געוועבט פון לופטיק־זיידענעם שפּינוועבס.

באַרקאַן האָט זיך מיט לאַנגזאַמע, פאַרטראַכטע טריט דערנענ־טערט צום בערגל, אויף וועלכן זי איז אויסוואַרטנדיק געשטאַנען. מיט די עטוואָס־פאַרזשמורעטע אויגן האָט ער אין זיין געדעכעניש געזען גאָר אַן אַנדערע יונגע פרוי, — לאַנג צוריק, אין אַ זומער־אָנהויב.

נאָר אים האָט עס שוין איצט מער נישט געאַרט. אים איז עס געווען, ווי ער איז געקומען איצט אָנווענזנד זיין אין אַ שיינער, אינ־האַלטסלאָזער און נישט־עכטער צערעמאָניע, וועמעס איינציקע בע־רעכטיקונג איז — איר אויסערלעכע שיינקייט.

און ווידער האָט דאָס קליינע פּאַיאַצל מיט די גנביש־לאַכנדיקע מאַנדל־אויגעלעך געטאַנצט ביי אים ערגעץ אין אַ ווינקל־מוח. ער, דאָס דאָזיקע קליינע פּאַיאַצל, איז שטאַרק און אומבאַדינגט באַשטאַ־נען אויף דעם, אַז ער, באַרקאַן, זאָל אויך „לייסטען זיין טייל" — זיין חלק אינם יום־טובדיקן פּראָגראַם.

אַ בינע איז די גאַנצע וועלט.

פרויען, מענער — שוישפּילער בלויז...

און אַז ער, באַרקאַן, וועט אויך קלוג־פאַלש מיטשפּילן, וועט ער קריגן אַפּלאָדיסמענטן, און בלומען, און אַ נאָמען, און פרויען וועלן שטאַרבן נאָך זיינע טריט...

נאָר עס האָט אים צו דער זעלביקער צייט אַזוי באַנג געטון, פאַרוואָס ער זעט דאָס אַלץ אַזוי ניכטער—דאָס גאַנצע שפּיל...

זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן, באַרקאַן און לאָרא. זיי האָבן ביידע געוווּסט, וואָס דער אַנדערער דענקט איצטער און וואָס זענען זיינע אמתע געפילן אין דער דאָזיקער מינוט. נאָר יעדער איינער פון זיי האָט פונדעסטוועגן געדענקט, אַז דער אַנדערער ווייס נישט, אַז ער, דער צווייטער, ליגט פאַר אים אַן אָפּענער.

זיי האָבן ביידע געמאַכט אַן ערנסט־פייערלעכן אָנשטעל ביים געזעגענען זיך. און דער דאָזיקער אויסערלעכער אָנשטעל האָט זיי צו דערזעלביקער צייט גאָר שטאַרק אַמוזירט אינערלעך, אין טיפן האַרצן, ווו זיי זענען ביידע געווען צופרידן מיט דעם גאַנג, וואָס די פאַרהעלטנישן צווישן זיי האָבן אָנגענומען.

די זון האָט העל געשיינט, און לאַנגע זומערדיקע וועגן האָבן זיך געצויגן צווישן די בוימער אין פאַרק. און ביידע האָבן געהאַט דאָס געפיל, ווי זיי זענען אָקאָרשט פון אַן ענגער טונקעלער תפיסה אַרויסגעלאָזט געוואָרן — אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין ברייטן דרויסן אַרויס, אין די זוניקע ווייטקייטן, אויף די בלויע וועגן.

זיי האָבן געשפּאַצירט לאַנג איבער די ווייטסטע און פאַרלעגנ־סטע אַלייען פונם געדיכטן פּראָספּעקט־פּאַרק. אינם ליכט פון דער באַלדיקער פונאַנדערשיידונג האָבן זיי אויסגעזען אַזוי שיין און אָנ־ציענדיק איינער פאַרן אַנדערן, און עס האָט זיך זיי, דוכט זיך, מיט אַמאָל פאַרוואָלט איינס אין דאָס אַנדערע, אין דער זוניקייט, זיך איינליבן פון דאָס ניי. נאָר דער טאָג האָט זיך שוין באַלד אָנגעהויבן נויגן. דאָס געשפּרעך זייערס איז געווען איינזאַם, זעלטן און פאַר־בלאָנדזעט, און האָט, דוכט זיך, נישט געהערט צו זיי.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. לאַראַ האָט, שווייגנדיק, געוואָרפן שטיינדלעך אין די קוסטן, און האָט אַוועקגעשראָקן פון דאָרטן די פייגעלעך, וועלכע האָבן זיך דאָרטן אויפן אָוונט באַהאַלטן. אירע אויגן זענען געווען איצט אויסגעלאָשן. אַן אומעטיקער שמייכל איז איר געלעגן ביי די מויל־ווינקלען. זי איז געווען אַזוי טרויריק. י האָט אַ ציטער געטון און אַרויסגעשטאַמלט:

— עס איז דאָך שוין קאַלט, פאַרוואָס האָט זי נישט גענומען מיט זיך איר אויבערמאַנטל?

באַרקאַן האָט גאָרנישט געענטפערט, מיטן שפּיץ שוך האָט ער געצייכנט היעראָגליפן אינם געל־ברוינלעכן זאַמד.

מיט איר ווייבערשן אינסטינקט האָט זי דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ פאָרגעקומען פאַר די לעצטע פּאָר טעג. ער איז געווען איצט צו איר, צו דער גאַנצער זאַך, קילער. אַזוי שנעל? דער זשוליק... זי האָט אים איצטער שוין זייער שטאַרק געוואָלט ווידערגעווינען, — ווידער

געווינען מיט איר גלייכגילטיקער פריילעכקייט.

זי האָט זיך צו אים צוגעבויגן און אים אַרונטערגעריסן אַ לאַנגע ברוינע האָר פונם אַקסל. זי האָט אים מוסרנדיק־שעלמיש אין די אויגן געקוקט:

— אַ פרויס האָר, האַ?

— ניין, מיינע אַן אייגענע.

— אַזוי?

— פאַלן אויס!

— אַזוי יונג — און שוין?..

— וואָס קאָן מען טון—פון זאָרג: מיין פרוי האָט מיך פאַרלאָזן

— קריגט מען אַן אַנדערע...

— שוין געקראָגן.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך — די ברוינע האָר...

— האָסט אַ שאַרפע ראיה.

— און אויך אַ פילנדיק האַרץ!

— אפשר?!

און ווידער זענען זיי ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. באַרקאַן האָט זיך געערגערט און זיך אינערלעך געהיצט. „וואָס טענהט ער, וואָס פיקירט ער זיך דאָ מיט איר? זי — פון וואַנען איז זי צו אים איצט געקומען? פון וועמענס געלעגער איז זי ערשט אַרונטערגעגאַנגען, איר מאַנס אָדער גאָר יענעם שוישפּילערס?"

נאָר ער האָט זיך שעמעדיקערהייט באַלד פאַרכאַפּט און באַרויקט:

— פאַרלעגענער מוסר און אומצייטיקער... בלויז דאָס לעצטע רעשטל פון דעם צעפאַלנדיקן פריערדיקן בנין, פון דעם ריינעם אמתדיקן בנין זיינעם, פון וועלכן מען דאַרף וואָס גיכער פטור ווערן, אויב ער, באַרקאַן, וויל נישט זיין הינטערשטעליק קעגן דער גאַנצער וועלט...

לאָראַ האָט באַלד דערפילט זיינע געדאַנקען, געדאַנקען בנוגע צו איר. יאָ, עס איז שוין געווען שפעט אין אָקטאָבער.

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אויפגעשטעלט, זיך שאַרף אַ ווענד געטון צו אים, האָט זיך שטאָלץ אויסגעגליכן. אירע אויגן האָבן אָב־

געהויבן בליצן אַנטקעגן דער שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון. דאָס אַמאָליקע ליכט, פאַרדאָפּלט, האָט איר פון די אויגן אַרויסגע־שטראַלט. ער האָט אויפגעציטערט פון דער גרויסער פּראַכט פון איר געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַזוי שאַרף געצייכנט איצט קעגן קלאָרן הימל. זי איז אַזוי געשטאַנען אויפן בערגל, איינגעגאַנצן באַלויכטן אין דער פאַרנאַכטיקער בלויקייט.

— ווי גוט עס איז, וואָס דו פאָרסט אַוועק — האָט זי קלאָר און זיכער אַרויסגערעדט מיט גרויסע אָנגעצונדענע אויגן. — וואָס זאָלן מיר זיך ביידע קעגנזייטיק נאַרן — ס'איז גוט פאַר אונז ביידן... פאַר דיר — דאָס ווייסטו דאָך אַליין. און פאַר מיר אויך, — אָבער נישט צוליב דעם גראָבן טעם, וואָס דו שטעלסט זיך אוודאי פאָר; ניין, ס'איז דערפאַר: מיר זענען אַזאַ פּאָרל, וואָס דאַרפן קיינ־מאָל נישט זיין צו־לאַנג צוזאַמען. וואָס ווייטער דו ביסט פון מיר, אַלץ גרעסער און אַלץ העכער וואַקסטו אויס פאַר מיר, ווי עפּעס אַ ווייטע זון, און אַלץ שטאַרקער גייט אויף מיין בענקשאַפט נאָך דיר. און — אָ, מאַך קיין טעות נישט... דו פאָרסט פון מיר נישט אַוועק אויף שטענדיק. און איך אַליין אַנטזאָג מיך נאָך אויך נישט פון דיר... איך וועל אַזוי לאַנג און אַזוי שטאַרק בענקען נאָך דיר, ביז וואַנען מיין אומגעזעגענער שטאַרקער פאַרלאַנג וועט דיך ווידער קיין ניו־יאָרק ברענגען... און אַז דו וועסט קומען — וועט ווידער מיין בענקשאַפט נאָך דיר אין דיר און דיין פייער אָפּגעלאָשן און קלע־גער ווערן...

— — — — — — — — —

אירע אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן אַזוי פּלוצלינג ווי זיי האָבן זיך אָנגעצונדן און האָבן אָנגענומען דעם אויסזען פון פאַרטוויסטן אַלטן גאָלד. זי האָט איצט ווידער אויסגעזען ווי אַ קינד, אַ צעבאַלע־וועטס, וואָס האָט עפּעס אַ מיאוסע זאַך אָפּגעטון און ווייסט, אַז עס פאַרדינט געשמיסן צו ווערן, און אַז עס וועט אפשר באַלד געשמיסן ווערן, און דעריבער וויל עס אַרויסווייזן זיין ווידערשפּעניקייט, און טון די זעלבע זאַך נאָכאַמאָל... דערווייל לאַכט עס מיט הובקעס — איידער עס לויפט אַוועק אין אַ ווינקעלע, ווו קיינער זעט עס נישט, און וויינט זיך פונאַנדער...

זי איז פֿאַר אים געשטאַנען אַזאַ פֿאַרלאָזטע.

און מיט אַמאָל האָט זיך טאַקע אין דער פּוסטער שטילער פֿאַרנאַכטיקייט, וואָס אינם געדיכטן פּאַרק, ווײַט פֿונאַנדערגעשאָטן איר הילכיק געלעכטער — אַ געלעכטער, וואָס האָט באַרקאַנען געקלונגען, ווי אַ געוויין. עס האָט זיך געקײַקלט פֿון בערגל באַרג־אַראָפּ אינם טאָל אַרײַן און זיך דאָרטן אָנגעקלאַפּט אָן אַ בוים.

אַ פּאָר בלעטער זענען אַרונטערגעפֿאַלן פֿונם בוים אינם איינגעשטילטן פֿאַרנאַכט.

8

אַז באַרקאַן האָט זיך אומגעקערט אַהיים זענען די צוגן שוין געווען ליידיק, ווײַל עס איז שוין געווען שפּעטער אָוונט.

אין וואַגאָן האָבן זיך געפֿונען פֿונאַנדערגעשפּרייט בלויז אייניקע פּאַסאַזשירן, און קיינער פֿון זיי האָט נישט געקוקט אין דעם אַנדערנס זײַט, ווי זיי וואָלטן שוין געהאַט אויפֿגעגעבן יעדע האָפֿנונג אויף דער מעגלעכקייט זיך ווען עס איז נישט איז פֿאַרשטיין און זיך דערקענען. צוליב די שנעלע און ראַשע צוג־באַוועגונגען, האָבן זיי פֿאַמעלעך און נאָכאַנאַנד געשאָקלט מיט די קעפּ, ווי איינשטימענדיק מיט זייערע אינעווייניקסטע טרויעריקע געדאַנקען.

אין דער בלויקייט דרויסן האָט אַן אומגעזעענע האַנט געזייעט פֿייערן.

דאָס נאָכאַנאַנדיקע רודערן פֿונם צוג האָט, דאַכט זיך, באַרקאַנען אַלץ דערציילט פֿון אַ פּאַרק און אַ הויכן פּעלזיקן בערגל אין דעם אָוונט, אויף וועלכן צוויי שאָטנס זענען אַ שטיק צייט שווייגנדיק געשטאַנען.

ס׳האָט זיך דערמאָנט: אים האָט אין די נאָזלעכער שוין לאַנג געהאַט זיך געשפּאַרט די קאַלטע פֿרישקייט פֿון דער קיל־גרויער נעפּלדיקער אומבאַשטימטקייט, וואָס אויף יענער זײַט פֿון דער פּראָספּעקט־אָזערע, ווען ער האָט מיט אַמאָל אין דער בלויקייט, וואָס איז פֿון צווישן די בוימער אַרויסגעוואַקסן און די ביידע שאָטנס געדיכטער אַרומגעוועבט, דערפֿילט אויף זײַנע קאַלטע באַקן ווייען עמעצנס אַ וואַרעמען אָטעם. זי האָט גאָר אומדערוואַרט אים אַרומגע־

בומען און הייס און ליידנשאַפטלעך אַ קוש געגעבן.

עס האָט אים איצטער שוין נאָך אַלעמען גאָר שטאַרק פאַר־דראָסן, וואָס אויך צום לעצטן מאָל האָט מען זיך נישט געקאָנט באַ־גיין אָן פאַלשקייט און צווײ־פּנימדיקייט. „פאַלש — אפילו ביים טויטן בעט". נישט שוין־זשע, — נישט שוין־זשע איז פאַלשקייט אַזוי ענג פאַרבונדן און אומטיילבאַר פונם לעבן?

ער האָט אפשר אַליין נישט געפילט, אַז יענערס „פאַלשקייט", האָט אים פאַרדראָסן. — האָט ער זיך פשוט געשעמט פאַר זיין אייגענער אומשולד און ערלעכקייט. זיין אייגענע אויפריכטיקייט האָט אים אין דער שפּיל געשטיקט און געבריצט.

דער צוג איז שוין איצט געהאַט אַריבערגעפלויגן דעם האַרלעם־ריווער. דורך די אָפענע פענסטער האָט אַריינגעווייעט אַ וואַסערדיקע קילקייט. און באַרקאַן האָט נאָך אַלץ געחשבונט און געטראַכט:

— און אפשר — אפשר בין איך נאָך זינדיקער פון איר? האָט ער, באַרקאַן, דאָך געזינדיקט פרייוויליק און מיטן אייגענעם ווילן האָט ער דאָך געזינדיקט נישט נאָר מיטן גוף, נאָר אויך מיטן גע־דאַנק און מוח! האָט ער דאָך בכּיוון געזינדיקט! און לאָרא — דאָס איז דאָך געווען שטענדיק איר טענה: זי איז נישט שולדיק. אומשטענדן אַזוינע. דאָס לעבן. זי איז פּאַסיוו — עס ווערט אַלץ געטון קעגן איר ווילן, און זי קאָן זיך נישט העלפן...

נאָר ערגעץ אין זיך האָט זיך דער יונגער באַרקאַן בשום אופן נישט געקאָנט איבערבעטן מיט אַזאַ מין פאַרטענהן און פאַרטיי־דיקן זיך; מיט קנאַישקייט און יונג־בחורשער פאַנאַטישקייט האָט ער ממש געשפּריצט אַ ש מיטן מויל פון כּעס און צאָרן: אָט דאָס איז עס די קריסטלעכע לערע פון פאַרגעבונג אויפן גרונט פון דער אָפּ־לייקענונג פון בחירת־הרצון. די לערע פון ווייבלעכקייט און ווייכ־קייט, די קריסטלעכע לערע פון פּאַסיוויטעט, פון גלאָריפיצירן די פיינלעכע און ליידנשאַפטלעך־קרענקלעכע אָפּשוואַכונג פונם אייגענעם פרייען ווילן!

ניין, זי, די לערע פונם „ווייטן ברודער", איז אים געווען פרעמד.

ער האָט מיט אַ מאָדנער, אַ יונגער און אַן עגאָיסטישער זי־ כערקייט געוווּסט.

די זינד, וואָס ער איז מיט עטלעכע נעכט צוריק באַגאַנגען, איז דאָך באַגאַנגען געוואָרן מיט לכתחילהדיקער כּוונה זיך אַרונטער־ צולאָזן, זיין אויף דער זעלביקער מדרגה, ווי זי, לאַרא, כּדי זי בע־ סער צו פאַרשטיין און מיטפילן...

און נאָך עפּעס איז דערין געווען.

אַ ספק האָט זיך אין אים אַריינגעגנבעט, די לעצטע צייט. אַ צווייפל, וועלכער האָט אים שוין אַ שטיק צייט געמוטשעט.

אין זיין ערלעכקייט און ווילנסקראַפט אפשר בלויז אַן אָנגעדריי־ טונג אויף אַ געפילן־שוואַכקייט, — אַ רעזולטאַט פון זיין איינזאַם־ אָפּגעזונדערטן לעבן? אַקוראַט ווי איר זינדיקייט און מכּלומרשטע ווילנלאָזיקייט איז אפשר בלויז אַ באַווייז פון איר שטאַרק־בראַוזנדיקן געפילס־לעבן? אויב אַזוי — איז צוליב וואָס מאַכן אַזעלכע אָנ־ שטעלן, מאַכן אַ טוגנט פון אַ נויטווענדיקייט?...

צוליב דעם, הייסט עס, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן זיך אויס־ פּרובירן — זען, אויב אויך ער איז מסוגל צו זינדיקן...

דער עקספּערימענט איז אים טאַקע געלונגען. אָבער זינד איז אים פאָרט געבליבן פרעמד.

— נאָר די טאַט איז דאָך געבליבן אַ טאַט, וואָס עס זאָל נישט האָבן געווען זיין די כּוונה, — האָט זיך באַרקאַן ווייטער געפיי־ ניקט, — הייסט עס, אַז ער, באַרקאַן, איז אַ טרעפּ אַרונטער,—אַרונ־ טער פון זיין פריערדיקער הויך?

— איקאַר... איקאַר... דיינע וואַקסענע פליגל זענען צעשמאָלצן געוואָרן, ווי נאָר זיי זענען נאָענט צוגעקומען צו דער זון...

דאָס אַלץ האָט אים געררייצט. אין משך פון די לעצטע עטלע־ כע טעג און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. און ביז ער האָט סוף־כּל־סוף קיין אַנדער אויסוועג פאַר זיך נישט געקאָנט זען, ווי נאָר אַוועקפאָרן, — אַוועקפאָרן ערגעץ ווייט פאַר הונדערטער און הונדערטער מיילן ווייט, אַרויסרייסן זיך פון דער איזאָלירונג, וועלכע האָט אין אים אויפגעהאָדעוועט דעם דאָזיקן פאַר־שאָלטענעם

אומגליק־ברענגענדיקן צווילינג: זיין ליידנשאַפטלעכער ערנסט און טיף־ ריינע אויפריכטיקייט.

9

עס איז געווען אָוונט. עס איז געווען מאָרגן.

באַרקאַן האָט געפילט, אַז ער לעבט איצט איבער אַ צייט פון צעפאַלונג, ווי ער לעבט עס איצט איבער דאָס גאַנצע יידישע לעבן אָרום אים. דער אַלטער בנין ברענט און ווערט פונאַנדערגעפאַלן, און ער, באַרקאַן, אַנטלויפט בלויז פונם פייער.

אינדיווידועלע נייגונגען, די הילפלאָזיקייט פון אַ יחיד קעגן אָט אַזאַ מין אַלגעמיינעם פונאַנדערפאַל, די דערווייטערונג צוליב אַ בעסערן פאַרשטיין פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, — באַרקאַן האָט דאָך געוווסט, אַז דאָס זענען אַלץ געווען תרוצים בלויז, — תרוצים פון אַ שוואַכן, איידלבלוטיקן, „גייסטיקן אַריסטאָקראַט". און דאָך איז ער צופרידן געווען מיט דער ריינער קילער לופט, וועלכע האָט אויף אים אָנגעהויבן ווייען ביים צוג אָפגיין.

און שפּעטער אַביסל האָט אים שוין דער צוג געטראָגן אויף הונדערטער און הונדערטער מיילן זוניקע פעלדער און ברייטקייטן, ווייט אַוועק פון ניו־יאָרק. ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן באַרויקט, אינגאַנצן באַרויקט. אין דער דורכזיכטיקער לופט פון דעם אינדיאַנער זומער זענען די לעצטע ספקות וואָלקנדלעך צערונען. עמעצער האָט אים אין די אויערן די גאַנצע צייט געפליסטערט:

— אַ טרעפּ אַרונטער — ווער ווייסט... אפשר — אַ טרעפּ אַרויף?

באַרקאַן האָט געפילט, ווי ער האָט פון זיך עפּעס אַרונטערגע־וואָרפן. עס זענען נישט געווען קיין שווערע קייטן — עס איז גע־ווען עפּעס ערגערס: שמעקעדיקע בלומען־קראַנצן פון יוגנטלעכן גלויבן, וועלכע בינדן אָבער מיט זייער שווערער לייכטקייט, און עס טוט אַזוי באַנג זיי צו צערייסן.

ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט אין משך פון די לעצטע עטלעכע טעג עפּעס איבערגעשפּאַנט, ווי ער וואָלט שוין איצ־טער געווען אויף יענער זייט — אויף יענער זייט עפּעס; און אים

איז מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז די אומבאַמערקבאַרע ליניע, די בלויע גרענעץ, צווישן בחורשאַפט און מאַנסבילשאַפט, וואָס ער איז דאָס די טעג אַריבערגעגאַנגען.

און אים איז געוואָרן אומעטיק, און אים איז געוואָרן פריילעך. פאָרויס האָבן זיך געצויגן פרייע פעלדער.

ביינאַכט איז דער צוג דורכגעפאָרן די אַפּאַלאַשיען־בערג. די הויכע בערג האָבן געשאָטנט און געטונקלט אויפן צוג מיט זייערע באַוואַלדערטע זייטן. טאָלן האָבן זיך געצויגן צווישן זיי, באַגאָסן מיט לבנה־ליכט, אין די טאָלן זענען געווען איינצעלנע צעוואָרפענע הייזלעך.

פון איינעם אַ הייזל איז עפּעס אַ ווייסע פיגור אַרויסגעקומען און האָט זיך געלאָזט גיין גלייך צום צוג. נאָר דער צוג איז גראָד אין דער מינוט אַריינגעלאָפן אין אַ טונעל אַריין. אין משך פון אַ פּאָר מינוטן צייט איז געוואָרן פינסטער. עס האָט שטאַרק גערוישט אין קאָפּ און גערודערט אין די שלייפן. ווי נאָר דער צוג איז אַרויס, האָט די ווייסע פיגור זיך ווידער געלאָזט איבער די טאָלן, אין דער ריכטונג צום צוג צו. ס'איז געווען מאָדנע און אומגלויבלעך זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי די דאָזיקע פיגור האָט באַוויזן אַזוי שנעל אַריבערשפּרינגען דעם טונעל. נאָר נאָך מער וווּנדערבאַר איז געווען דאָס אומגעוויינלעך־גיכע שפּרייזן פון דער געשטאַלט, וואָס האָט באַוויזן אָנצוהאַלטן דיזעלביקע שנעלקייט, וואָס דער צוג.

די דאָזיקע געשטאַלט האָט געטראָגן אַ ווייסן, באַזוימטן מיט קרוזשעוועס, קלייד פון אַ יונגן קאַטוילישן כאָר־זינגער. נאָר אַז זי איז צוגעקומען גאָר נאָענט צום צוג, האָט באַרקאַן אין דעם דערקענט גאָר אַ יונגע פרוי, אין אַ לאַנגן זיידענעם באַל־קלייד מיט אַ לאַנגן שלעפּ, וואָס איז וואָס ווייטער אַלץ דינער געוואָרן און האָט זיך ביים סוף צונויפגעמישט מיט דער בלוילעכער לופט.

די געשטאַלט איז אַזוי די גאַנצע צייט געשטאַנען נישט ווייט פונם צוג־פענסטערל און איז נישט אָפּגעטרעטן פונם לויפנדיקן צוג, און ביידע זענען שנעל־פּאַמעלעך געלאָפן אויף איין און דעמזעלביקן

פלאַך. די ווייסע געשטאַלט האָט געקוקט אויף באַרקאַנען מיט אַ האַלב־אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס וואָס ביי אים מחילה געבעטן, נאָר זי איז באַלד צערונען געוואָרן, און איינגעזאַפּט געוואָרן אין דעם טויטן לבנה־ליכט.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז שוין דער צוג געווען אויף יענער זייט די אַפּאַלישן־בערג, און די טונקעלע טונעלן זענען שוין געווען פון הינטן.

אויף ביידע זייטן האָבן זיך שוין איצט געצויגן פעלדער, — ברייטע פעלדער, זוניקע שטיקער פרייד. זיי האָבן אָנגעפילט דעם קאָפּ מיט ליכטיקייט, די פאַרהוילענע קוילן־שאַכטן פון דעם מעריב־טייל פונעם פענסילווייניאַ־שטאַאַט, וועלכע מען האָט פון ווייטן דער־קענט דורך די קליינע בלישטשנדיקע רעלסן, אויף וועלכע ס'זענען געשטאַנען די קוילן וואַגאָנען, און די אַרומגעשפּרייטע קויטיקע קוילן, — זיי זענען פאַמעלעך פאַרביטן געוואָרן אויף די טאָלן און בערג־לעך פון דעם שטאַאַט אָהייאָ, באַדעקטע מיטן פעט־זאַפטיקן גראָז. עס האָבן זיך געהויבן אויף די שפּיץ־ און די שפּוע־בערגלעך די הויכע אייל־ברונימער, ווי איינזאַמע דאָון־שטיבלעך אין דער בלויער בער־גיקער לופט. דורך די פאַרמאַכטע אויגן־דעקלעך האָט זיך אין נשמה אַריינגעזאַפּט טייכן וואַרעם־זוניקע לופט, פּאַסן גאָלדענע קוקורוזע־פעלדער, פּורפּורנע בייטן מיט קעפּלעך קרויט, און אַן אָנהויב־הערב־סטיקע זאַפטיקייט און זאַטקייט

און דער צוג האָט זיך אַלץ געטראָגן צווישן מרחבן פון זו־ניקייט און הילכנדיקע פעלדער. די לופט איז געווען קלאָר און לויטער. און אין דער לויטערקייט האָט באַרקאַנען זיך געזונגען:

— אַ טרעפּ אַרונטער, אַ טרעפּ אַרויף — ווער ווייסט... איינס אָבער איז זיכער: עס איז אַ טרעפּ צו — אַ טרעפּ צום לעבן.

עס איז געווען אַ שטאַרק־זוניקער נאָכמיטאָג, ווען באַרקאַן איז אויף מאָרגן אַריינגעפאָרן אין דער שטילקייט פון דער היימישער מיטל־וועסטלעכער שטאָט.

נאָכוואָרט: איך קום צו דיר

א

דערווייל, שרייבנדיק די דאָזיקע מעמואַרן, איז דער ווינטער פֿאַרבייגעלאָפֿן און עס איז שוין געוואָרן פֿרילינג. און אומבאַמערקט איז אויך דער פֿרילינג פֿאַרבייגעלאָפֿן.

פּריוואַט־דאָצענט באַרקאַן האָט ערשט איצט, צוליב דעם ענדע פֿונם שול־יאָר, באַמערקט, אַז עס איז שוין אָנהויב זומער — אין מיטן יוני.

ער האָט זיך אַ זאָג געטון אין דער שטיל, ווי אַן אויסערגעוויינלעכע, שפּאָגל־נייע אַנטדעקונג:

— מאָדנע... ווי די צייט גייט דאָס שנעל פֿאַרביי.

איצטער איז שוין געווען שבועות־צייט, די צייט פֿון ווייסע בלומען און פֿאַלנדיקן צוויטן־שניי. אין גרויסן פּרוכט־גאָרטן הינטערן הויז איז געווען שאָטנדיק און ווייס. אַ שאַרפֿער ריח פֿון קאַרשן־ביינדלעך, וועלכער האָט דערמאָנט אָנם ריח פֿון געטריקנטע מאַנדלען, האָט געררייצט די נאָז־פֿליגל מיט אַ ריח פֿון יונגן לייב. די דאָזיקע פֿרילינגדיקע גראָזן־ריחות האָבן אפֿילו עלטערע מענטשן יונגער געמאַכט.

שבועות... באַרקאַן פֿלעגט פֿאַר זיך לעצטנס דאָס וואָרט אַ סך מאָל איבערחזרן און זיך צוהערן מיט חלום־פֿאַרטרונקענע אויגן צום ליכטיקן קלאַנג. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט ביי אים תּמיד אַרויסגערופֿן דעם אָנזען פֿון ווייסער בליונג אין ווייטע קינדהייט־גערטנער.

און לויט דעם, וואָס ער האָט געטראַכט פון שבועות, האָט ער שוין במילא געוווסט, אַז צוויי און פערציק טעג זענען שוין פאַרי־בער פון נאָך פסח. און ער האָט גאָרנישט געוווסט אפילו, ווען פסח איז געווען! די שכנישע גוישע יום־טובים פלעגט ער גראָד אַלעמאָל וויסן, ווען זיי זענען; ער פלעגט זיי אָבער קיינמאָל נישט אָפּהיטן אינגעווייניק אין האַרצן. די יידישע יום־טובים וואָלט ער שוין גראָד אָפּגעהיט, ווען ער וואָלט זיי נאָר געוווסט.

נאָר אַז מען וווינט אין דער פרעמד.

ב

די ערינערונג איז שוין געווען אָנגעשריבן

אים האָט קוים געכאַפּט געדולד ביז צו דער לעצטער שורה. אין דרויסן איז שוין צייט אַ פּאָר וואָכן געווען וואַרעם און די שטים פון דער טירקל־טויב האָט זיך אָנגעהויבן הערן אין אונזער לאַנד.

און איצט ערשט, אַז ער איז שוין פאַרטיק געוואָרן, ערשט האָט דער אַלט־ווערנדיקער באַרקאַן צו זיך געזאָגט:

— אַ שאָד... אַזוי פיל וואָכן געפּטרט אין אַזאַ באַרישן צייט־פאַרטרייב. עס זענען דאָך געשטאַנען אַזעלכע שיינע טעג, און זאַמ־דיקע וועגן האָבן זיך אַזוי גאָלדיק געגעלט צווישן גרינע פעלדער.

זיצט באַרקאַן איינמאָל אזוי אין אַן אָנהויב־זומערדיקן פאַרנאַכט,— אַ בלייכער שאָטן אין דער אָוונטיקער לופט פון זיין צימער. ערשט פון דעם מייפּל־בוים ביי זיין פענסטער דערהערט ער אַ פויגל זינ־גען מיט אַן אומעטיקן קול.

נאָר דעם פויגלס נאָמען און פון וואָס פאַר אַ מין ער איז, ווייסט ער נישט. האָט עס אים מיטאַמאָל שטאַרק פאַרדראָסן, פאַר־וואָס ער האָט נישט אין זיין פריער יוגנט, ווען זיין מוח איז נאָך געווען פריש, געלערנט צו וויסן נאָך אַ חכמה, — די שיינע חכמה פון אָרניטאָלאָגיע.

נאָר דאָס קול פונם אומבאַקאַנטן פויגל איז דאָך געווען אַזוי טרויעריק, אַזוי זיס און אַזוי בענקנדיק, כאָטש זיין נאָמען האָט ער נישט געוווסט. עס האָט אַזוי ווי געציטערט, דאָס דאָזיקע קול, פרירנ־דיק אין דער קאַלטער אָוונטיקער פרילינג־לופט.

אַן איינזאַמער פויגל צווישן די בוימער, — האָט דער דאָקטאָר געטראַכט, — וואָס בענקט נאָך עמעצן אין פרילינג.

ג

ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, אַוועק־געשאַרט דאָס פאָרהענגל און געוואָלט דעם איינזאַמען פויגל צווישן די בוימער אָנקוקן און זיך צוהערן צו זיין שטילן געזאַנג. ער האָט אָבער בלויז געזען, ווי דער פויגל איז אַוועקגעפלויגן אינם אָוונט אַריין, אַ קליינער שוואַרצלעכער פלעקל אין דער בלויעכקייט.

אַ לענגערע צייט איז באַרקאַן ווידער געזעסן אינם ברייטן פאָטעל, פאַרזונקען אין רעיונות. עס האָט אים געשצעמעט ביים האַרץ, פאַרוואָס דער איינזאַמער פויגל איז אינם בלויען אָוונט אַוועקגעפלויגן. נאָך איידער ער האָט אים אָנגעקוקט. כאָטש אַ ווײַלע. זיין בלייכע האַנט האָט זיך אין דער טונקלקייט אַ ציי געטון צום ביכער־שראַנק, וואָס איז געשטאַנען אינם ווינקל, — פאַר טרייסט.

אַזוי ווי דאָס ליכט האָט באַרקאַן נישט געוואָלט אָנצינדן, האָט ער ביים שיין פונם אָוונטיקן פענסטער דאָס פראַנצויזישע ספרל, וואָס איז אים צום האַנט געקומען, אויפגעעפנט, און אין דעם אויף אַ מיטלסטער בלעטל דאָס ערשטע, אויף וואָס דאָס אויג האָט זיך אָנגעשטויסן, איבערגעלייענט:

„אָן שום ספק: מען דערוווסט זיך עטוואָס אויך פון די ביכער, אָבער מען דערוווסט זיך אַ סך מער, ווען מען קוקט אָן דאָס לאַנד”.

אַ לענגערע צייט האָט זיך דעם דאָקטאָרס גרויסער גוף שווייגנדיק געטונקלט נעבן די בלויעכע שויבן. אַ באַליידיקנדיקן פאַרדרוס האָט ער שוין דערפילט, וואָס אפילו דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער אויך געדאַרפט אַרויסלערנען ערגעץ פון אַ בוך אַרויס.

ד

עס איז שוין געווען ענדע שול־יאָר. זיינע חברים־לערער האָבן איינציקווייז פאַרלאָזט די שטאָט. ווער עס איז אַוועק צום ים, ווער אין די בערג און ווער אין די זומער־וווינונגען. נאָר אין ערגעץ איז אים נישט געפעלן געוואָרן אַוועקצופאָרן. ער פלעגט גאַנצע טעג

אַרומגיין איבער די פּעלדער.

עס איז געווען אַזוי גוט. ער פּלעגט זיך פּעדערן גאַנץ פרי, זיך אָנטון לייכט און דערנאָך אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומדרייען איבער די וועגן צווישן די פעלדער. מיטאָגצייט פלעגט ער בלויז אויף אַ ווײַלע זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ פּויעריש הייזל, אויסטרינקען אַ קאַלט גלאָז מילך און אַרויס.

און ווידער אויף אַ גאַנצן טאָג איבער די פעלדער, אַז ער פלעגט מיד ווערן פלעגט ער זיך אויסשפּרייטן אויפן גראָז. פון גאָר־נישט האָט ער, דוכט זיך, איצט געטראַכט, און אפשר יאָ.

און איינמאָל אין אַ זוניקן פאַרנאַכט איז ער אַזוי געלעגן אויפן פעלד, אין אַ שוואַרצער מעזשע צווישן צוויי צעאַקערטע בייטן. ער האָט געהאַט אַזוי פיל הנאה פון דעם, וואָס זיין אַנצוג האָט זיך פאַרשמירט אין דער אויפגעגראָבענער ערד. ער האָט זיך נאָך טיפער געגראָבן מיט די פינגער אין דער ערד אַריין, זיך מיט שמייכלענדיקער בייזקייט אויסגעשמירט דעם ווייסן קאָלנער. ער האָט מיט טיפקייט און מאָדנער פרייד איינגעאָטעמט דאָס שטינקען פונם הנאָי.

און דאָ דערזעט ער פלוצלינג ביים עק פעלד, נישט ווייט פונם הימל־ראַנד, אַן אָזערע, בלוי און גאָלדיק אין דער פאַרגייענדיקער זון. און פון דער אָזערע הויבן זיך איצט אויף אינם פאַרנאַכט נעפּלען.

— ווער ביסטו, דו, וואָס שפּייגסט אויף פון דער אָזערע אין נעפּלען־לײַלעכער פאַרוויקלט. דין־צעפּלאָסן ביסטו, ווי פון וואַסער־וואָלקנס זיך אויסשיילנדיק. אָט... אָט ווערסטו געדיכטער און גופּי־קער. אַריאַדנע, אַריאַדנע... מיט די פולע לייביקע פאַלדן פון דיין ווייסן צייטיקן קערפּער, און די קליינע, שטייפע און אָפּשטייענדיקע ברוסטן, זעסטו אויס, ווי אַ ווייסער פרוכט־בוים... אַריאַדנע, אַריאַד־נע... וואָס איבערגעלאָזט ביסטו אַליין אויפן אינזל פון נ א ק ס אָ ס.

באַרקאַן האָט איצט געזען בלויז אירע טרויעריקע פאַרבענקטע אויגן, אויגן מיט וועלכע זי קוקט שוין אַזוי לאַנג, לאַנג צום שטילן ים אַרויס, וואַרטנדיק דאָס אָנקומען פונם שיף, וועלכער וועט זי אויסלייזן.

— אַריאַדנע... איך קום צו דיר.

ה

אויף מאָרגן איז באַרקאַן אויפגעשטאַנען מיט אַ פעסטן באַשלוס.

— און טאַקע... וואָס וועט דען אַרויסקומען פון דעם דאָזיקן איינזאַמען אַרומוואַנדרעווען זיינעם איבער די ליידיקע פעלדער?

ער האָט גלייך אויפן אָרט איינגעפּאַקעוועט אַ קליין טשעמאָדאַנטשיקל און איז דערנאָך אַ גאַנצן טאָג מיט דעם אַרומגעגאַנגען צווישן דעם זוניקן רויט פון די שטאָט־גאַסן. ער האָט זיך אין דעם געבאָדן, ווי אין אַ פרישן קאַלטן וואַסער.

און אַז עס איז געוואָרן אָוונט, איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער טונקלקייט פון דער גרויסער געוועלבטער וואָקזאַל־געביידע און איז אַזוי געבליבן שטיין אַ שטיק צייט. ער האָט מיט פרייד און האַרץ־קלאַפּעניש זיך צוגעהערט צו דעם פייפן פון די פאַרשידענע אָפּגייענדיקע צוגן.

נאָר שפּעטער אַ ביסל האָט זיך שוין זיין אייגענער קאָפּ געהוידעט אַנטקעגן זיין ווילן אין דער שוואַך־באַלויכטענער לופט פון אַ וואַגאָן, וואָס האָט זיך געריסן פאָרויס אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. דער דאָזיקער גאַנצער ענין פון זיין אָפּפאָרן איז געשען אַזוי פּלוצלינג, אַז באַרקאַנס אויגן האָבן נאָך אַלץ אויסגעדריקט גרויס וווּנדער.

ער האָט שטיל געפּליסטערט, אַזוי שטיל, אַז ער האָט עס קוים אַליין געהערט:

— איך קום צו דיר, לאָראַ...

מיסטער בּי *)

זומערדיקער פאַרנאַכט. אַ שטעטל מיט רייכע איינוווינער, דאָס רוב פאַבריקאַנטן און באַנקירן, אויפן מזרח־ברעג פון לאָנג־איילאַנד, נישט ווייט פונם אָפענעם אָקעאַן. דעם אָקעאַן זעט מען נישט פון די גאַסן פון שטעטל.

ער איז פאַרשטעלט מיט אַ קליין וועלדל פון סאָסנעס, נאָר מען פילט אים תמיד דאָ אין רייכן זאַטן שטעטל, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, דערהויפּט אָבער ביינאַכט, ווען סע שמעקט שטאַרק און שאַרף זיין דערפרישנדיקער ריח אין דער איינגעשטילטער לופט.

אָבער אַז ס'איז גאָר שטיל אין דרויסן — אַט ווי אינם איצטיקן פאַרנאַכט, וואָס ווערט דאָ באַשריבן ווערן — קאָן מען נישט נאָר פילן אים, נאָר מען קאָן אים אויך הערן, דעם אייביקן אָקעאַן, — הערן, ווי ער פּויקט און דונערט נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד, ער ווערט נישט מיד פּויקנדיק מיט זיינע כוואַליעס אין די אָנגעהויפטע און אָנגעוואָרפענע פעלזן־שטיינער, ווי דאָמבעס, וואָס שטעכן זיך אין אָקעאַן אַרויס. ער שליידערט זיך זיי אַנטקעגן און האַמערט זיי אייביק, אייביק, און וואָס מיינט דאָס ווייטע קנאַלן פון ריזן־בייטשן איבער ריזן־פערד? און וואָס מיינט דאָס דונערן פון אומגעהויערע מאָל־שטיינער, וואָס רייבן זיך איינער אָנם אַנדערן? דאָס מיינט, אַז דער אָקעאַן האַמערט איצט די בעטאָן־זיילן פון אַ ווייטן באָרד־וואָק.

---

*) בּי — דער ענגלישער אות „ב".

איצט איז שוין נאָך זעקס אַ זייגער און די לופט ביי די זוי־מען ווייטן הימל איז רויט און שטיל.

דאָס, וואָס זיין פרוי איז נאָך נישט צוריקגעקומען אַהיים פון געשעפט, האָט מר׳ באהוסלאַווסקין נישט געאַרט קיין ברעקל.

מר׳ באהוסלאַווסקי (אין זיינע פאַשיאָנאַבעלע געשעפטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די געדיכטסטע פונקטן פון בראָדוויי און פינפטע עוועניו, פלעגן אים די מיידלעך, די פאַרקויפערינס, אין דער הויך רופן פשוט לויטן איניציאַל פון זיין פאַמיליען־נאָמען, מר׳ „בי״, ווייל באָהוסלאַווסקי איז געווען אַ צו ניכּרדיקער „פרעמדער״ נאָמען; און עס האָט זיך נאָך צו אַלע שלעק, געענדיקט מיטן דערווידער־לעכן סלאַווישן „סקי״) — מר׳ באָהוסלאַווסקי איז שוין דערצו געווען געוווינט, אַז זיין פרוי זאָל קומען אַמאָל שפעט אַהיים: זיין פרוי איז דאָך געווען אַזוי איבערגעגעבן צו דעם געשעפט זיינעם.

זייערן, וואָלט געווען אַ סך ריכטיקער. דאָס האָט מר׳ באָהו־סלאַווסקי — מיר וועלן אים פון איצט אָן און ווייטער אויך אָנרופן מר׳ „בי״, ווי עס האָבן עס געטון די אָנגעשטעלטע אין זיינע קלייטן— דאָס האָט מר. בי געמוזט צוגעבן. אפשר האָט זיין פרוי אין דעם גרויסן געשעפט זייערן אפילו נאָך אַ גרעסערן חלק, ווי ער אַליין. ניין, נישט אפשר, נאָר טאַקע אויף געוויס. זי האָט עס דאָך אייגנט־לעך, אויפגעבויט די פירמע, וואָס איז איצט געווען באַקאַנט צווישן אַלע פרויען פונם כּרך ניו יאָרק, איבערהויפט אין די קרייזן פון דעם רייכערן מיטל־קלאַס, וואָס האָבן ליב געהאַט דאָס לעצטע וואָרט אין דער מאָדע פון פרויען־קאָפּטלעך.

זיין פרוי האָט דאָך אויפגעבויט די פירמע „לאַ פּאַריזיען ווייסט קאמפּאַני״!

ווען ער האָט זיך מיט איר באַקענט מיט פופצן יאָר צוריק, זענען זיי ביידע געווען שאָפּ־אַרבעטער. נאָר אַז זיי האָבן זיך פאַרקנסט, האָט ער גראָד גלייך נאָכדעם, טאַקע גלייך מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, פלוצלינג פאַרלוירן זיין „דזשאָב״.

ער האָט זיך דעמאָלט דערפילט זייער דערשלאָגן. נישט, אַז ער

זאָל האָבן געמוזט צוליב דעם הונגערן: נישקשה. ער האָט נאָך געהאַט ביי זיך אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע הונדערט דאָלאַר—אויף אַ „רעגנדיקן טאָג". נאָר ער האָט געפילט צו יענער צייט עפּעס אַזוינס, ווי ווען איצט, אָן אַן אַרבעט־פּלאַץ, וואָלט ער נישט געווען קיין גלייכער שותף אינם געשעפט — אין דעם געשעפט פון זייער פאַרקנסטזיין, וואָס האָט זיך דאָך איינגיכן געדאַרפט ענדיקן מיט אַ חתונה... זי, לאהקע, האָט איצט דווקא די גאַנצע צייט געאַרבעט, און נאָך וואָס אַ חודש געקראָגן אַלץ אַ גרעסערן געהאַלט.

— הייסט דאָך עס, אַז זי איז אַ וויכטיקערער שותף צום געשעפט?

דאָס האָט מר. בי נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווייל אין תוך איז ער געווען אַ גרונט־ערלעכער מענטש אין „אָט די ביזנעס" — דאָס הייסט, אין אָט די ביזנעס פון פאַרבינדן זיך מיט אַ פרוי. אַ פרוי— פלעגט ער פאַר זיינע פריינט תמיד פּוצן מיט אַ כלל־גדול, פּונקט ווי מיט זיינער אַן אייגענער פילאָסאָפישער מאַקסים — אַ פרוי דאַרף קריגן אַ „פעיר פּליי"... חוץ דעם האָט זיך אים טאַקע נישט געוואָלט, אַז זיין צוקונפטיקע פרוי זאָל נאָך איבער דעם שפּעטער קוקן אויף אים פון אויבן אַראָפּ...

זי, די כלה זיינע, איז געווען אַ דעזיינערין *). זייער אַ טאַלאַנטפולע און אַ פעיקע דעזיינערין, ממש אַ קינסטלערין אין איר פאַך. נאָך איר אַרבעט האָבן זיך געיאָגט די גרעסטע פירמעס פון ניו־יאָרק. זי פלעגט אפילו קריגן איינלאַדונגס־בריוו צו קומען פאַרנעמען שטעלעס אין די גרויסע שניידער־פאַבריקן אין טשיקאַגאָ, אין באַלטימאר, אין ראטשעסטער, א. א. וו.

ער, פאַרקערט, איז געווען מער נישט ווי אַן איינפאַכער „קאַטער" **). אמת איז טאַקע, אַז ער איז געווען זייער אַ האָרעפּאַשנער בעל־מלכה. ער פלעגט קאָנען אָפּאַרבעטן טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך צו פערצן—זעכצן שעה אין מעת־לעת — און האָט עס טאַקע

---

*) אַ צייכענער פון קאָסטיום־און קליידער־מאָדעלן.

**) צושניידער.

געטון. און אַז ער האָט נאָך געהאַט אַרבעט, פלעגט ער פאַרדינען גרויס געלט. אָבער איצט, גלייך נאָכן קנסמאָל, דאַרף זיך גראָד מאַכן, אַז ער פאַרלירט זיין אָרט.

ער האָט זיך געפילט זייער דערשלאָגן. ס'האָט געקאָנט מאַכן דעם איינדרוק אויף וועמען? אָט, אויף אָט דער אומבאַשטימטער אומפערזענלעכער „וועלט", וואָס קוקט אומגעבעטענערהייט זיך צו צו אַזעלכע זאַכן — ס'האָט נאָך געקאָנט מאַכן דעם איינדרוק, אַז זי, זיין כלה, איז אַ גרעסערע בריה פאַר אים... און יאָסל, דער באַרימטער פאַבריקאַנט,—דער איצטיקער מר. בי, האָט דעמאָלט געהייסן יאָסל — יאָסל האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס אַזוינס זי, די כלה זיינע, האָט דעמאָלט געקאָנט טראַכטן פון אים.

אָבער זי, זיין צוקונפטיקע פרוי לאהקע — די שפּעטערדיקע מאַדאַם לואיס — האָט גאָר קיין בייז פון דעם נישט געטראַכט. איר, דעם אמת פאַראינטערעסירטן צד, האָט עס קיין ברעקל נישט געאַרט, אָט שוין גאָר נישט, ווי די „וועלט", וועלכען עס האָט. איינגנטלעך, אַמווייניקסטן געדאַרפט אָנגיין דער שידוך צווישן איינעם אַ מאַן מיטן נאָמען יאָסל און איינער אַ פרוי מיטן נאָמען לאהקע.

— מאַלע וואָס עס מאַכט זיך, — האָט זי נישט באַזאָרגט געטראַכט.

פאַרקערט, זי איז כמעט געווען דערפון צופרידן.

— אָט, וועט זי אים טאַקע איצט ערשט ווייזן איר אמתן כאַראַקטער... זי וועט איצט זיין אַ'משטאַנד אים באַווייזן איר אמתע איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט.

מיט נאָך מער חשק און נאָך מער פאַרגעניגן האָט זי ווייטער געאַרבעט, אַרומגעשפּרונגען, ווי אַ וועוועריקל, ביי די טישן און געשטעלן אין שאַפ, תמיד געזונגען, ווי אַ קאַנאַריקל און „געהרעבעט גאָלד מיט די זשמענעיס". זי איז גאָר קיינמאָל נישט מיד געוואָרן אַרבעטנדיק.

ווייל זי האָט אים ליב געהאַט, איר חתן.

ער איז געווען אַ הויכער, אַ שטאַרק־געבויטער, אַביסל אַ פעטלעכער יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, אַ בלאָנדער, מיט גרויע אויגן. מען האָט זיך גרינג געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ איינער

וועט גאָר א ינגיכן נאָך דער חתונה אָנהויבן שטאַרק פעט ווערן און קריגן אַ באַלעבאַטישן בייכל און אַביסעלע שפעטער—אַ בכבודיקן פליך. אָבער גראָד דאָס, וואָס שטויסט געוויינלעך אָפּ מיידלעך, וועלכע ווילן טרוימען, אַז זייערע חתנים וועלן תּמיד פאַרבלייבן יונג און שלאַנק, מיט פייערדיקע שוואַרצע אויגן און אַ געדיכטער קוטשמע האָר, — גראָד אָט דאָס האָט פאַר לאהקען געהאַט אַ שטאַרקע צוציונג ממש דעם זיבעטן חן.

אַליין איז זי געווען אַ ברעקל אַזאַ, אַ דאַרע, אַ שוואַרצינקע, אַ פּנימל ווי אַ געטרוקנטע פלוים. איר גאַנצע משפּחה איז געווען אַזאַ: איר פאָטער, פון וועמענס דאַרע, ביינערדיקע לענדן עס זענען אַרויסגעקומען נישט ווייניקער פון צוועלף קינדער, איז געווען אַזאַ קליינגעוואַקסיקער מאַנספּערשוינדל, אַז ווען ער פלעגט גיין זייט ביי זייט לעבן זיין שקאַפּע — ער איז געווען אַ היימישער „וואָדאָוואָז״ — פלעגט מען אים פון דער צווייטער זייט וואָגן קיינמאָל נישט קאָנען גאָר אַרויסזען. און האָט מען אים שוין יאָ באַמערקט — ווען ער פלעגט אויף אַ באַרג-אַרויף, אַ סאָפּענדיקער און אָן אָטעם, הינטערשטעליג בלייבן הינטער דער דייזשקע וואַסער — האָט ער דעמאָלט אויסגעקוקט גאָרנישט ווי אַ מענטש, נאָר בלויז עפּעס ווי אַ נישט וויכטיקע נאָכשלעפּעניש נאָך דעם פערד. ער האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס אַ שוואַך, פאַרמורזעס לאָשעקל — טאַקע אָט דער זעלביקער שקאַפּעס אַ מאָגער, קראַנק לאָשעקל, וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָך דער מאַמען.

אין דער שטאָט אין דער ליטא, פון וואַנען לאהקע איז געקומען קיין אַמעריקא, זענען כמעט אַלע איינוווינער געווען אַזעלכע — נידעריקע, איינגעדאַרטע, קליינגעוואַקסיקע, קורצינקע מענטשעלעך. דער איינציקער הויכער מענטש אין שטאָט, דער פון ערגעץ אין טיף ראַסיי אַהער אַריבערגעקומענער גוישער באָנדער, מיט די זילבערנע אויריננגלעך אין די אויערן, ווי ביי אַ מכשף, — ער האָט טאַקע אויסגעקוקט דאָ ווי אַ ריז, אַ ריז פון אַ ווייטן לאַנד, וואָס האָט פאַרבלאָנדזעט אַהער צווישן זיי, צווישן אַ פאָלק פון קאַרליקעס און ליליפּוטן.

קריגן אַזאַ היפּשן און וווקסיקן מאַנספּערשוין פאַר אַ חתן, ווי

מר. בי איז עס געווען, וואָלט פאַר איר, פאַר לאהקע דעם וואָדאָ-וואָזס טאָלטער, אין דער היים געווען ווי אַ ווייטער טרוים, ווי אַ גאָר אומדערגרייכבאַרער, פריידיקער תּענוג... אַ ביסן אפשר פאַר עשירים און נגידים.

און ער האָט זי טאַקע אויך ליב געהאַט, אָט אָ דער בלאָנדער שווער־גופיקער יאָסל, מיטן גוטמוטיקן, קינדערשן שמייכל, וואָס איז תּמיד געווען אויף זיינע ליפּן. ער האָט האָלט געקראָגן די דאָזיקע זשוואַווע, ענערגישע און ספּריטנע ליטוואַטשקע. ביי אים אין דער היים, אין פּוילן, געדענקט ער, ווי מען האָט געקוקט קרום, שטאַרק־קרום אויף די ליטוואַקעס, די צלם־קעפּ. זיינע עלטערן — פּאַרמעגלעכע, יחוסדיקע מעקלערס און בערזע־ספּעקולאַנטן אין לאָדז — ווען זיי וואָלטן נאָר געהאַט אויף דעם אַ דעה, וואָלט זיי זיכער נישט אָנגעשטאַנען דער דאָזיקער שידוך מיט אָט דעם ברעקל פון אַ ליט-וואַטשקע, וואָס האָט אויסגעקוקט, ווי עפּעס אַ לעצטער ווייסקראָבעק פון עפּעס אַן אָרעמער מולטער אַרויס. נאָר יאָסל האָט געוווּסט בע-סער. ער האָט שוין געוווּסט, פאַר די עטלעכע יאָר וואָס ער איז דאָ אין לאַנד, אַז אין אַמעריקאַ שפּילן אַ הויפּט־ראָלע בלויז צוויי זאַכן — אַרבעט און ענערגיע. און זי, אָט דער קליינינקער ליטווי-שער „ווייסקראָבעק", איז געווען פול און איבערפול מיט ענערגיע, ווי עפּעס אַ קליינע געדיכט-אָנגעלאָדענע עלעקטרישע באַטערייע.

זי איז, ווייזט אויס, באַשטאַנען פון קיין אַנדער זאַך נישט, ווי פון לויטער ענערגיע. אונטער איר דאַרער הויט איז זי געווען דורכ־אויס אָנגעפּאַקט מיט אַזאַ מין פייערדיקער ענערגישער פליסיקייט.

ער האָט גלייך דערפילט, יאָסל, אַז אין איר וועט ער געפינען אַ גרויסע הילף, אַ גרויסן אָנשפּאַר פאַר זיינע אַמביציעזע געשעפט-לעכע פּלענער, וועלכע זענען אין אים געבוירן געוואָרן גלייך, ווי ער האָט זיך אָנגעשמעקט מיט דער לופט פון אַמעריקע.

און ער האָט קיין טעות נישט געהאַט.

אַז זיי האָבן אינגיכן חתונה געהאַט, האָבן זיי ביידע צונויפ-געלייגט זייערע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע הונדערט דאָלאַר און געעפנט אַ שאָפּקע ערגעץ אין אַן אָרעמען, שמוציקן בוידעם, אין אַ חושכ-דיקן „לאָפט", אויף דער איסט-סייד, סאַמע אונטערן סעקאַנד עוועניו

עלעווייטער*). אין יענער שאפּקע האָט מען תּמיד צווישן זיך געמוזט רעדן אויפן ווונק, ווי טויב־שטומע, ווייל דער שטענדיקער געבראזג און געפּילדער פונם עלעווייטער, וואָס האָט זיך אַלע מינוט פאַרבייגע־טראָגן האַרט פאַרביי די פענסטער, האָט קיין געוויינלעך מענטשלעך קול קיינמאָל נישט געקאָנט אַריבערשרייען.

זיי, דאָס יונגע פּאָרפאָלק, האָבן דאָרט אַליין אויך ביידע געאַרבעט, און געאַרבעט כמעט יעדן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט — שווערער און שפּעטער אַפילו, ווי די עטלעכע פרעמדע אַרבעטער גופא ביי זיי אין שאָפּ. און דער שאָפּ איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, וואָס אַמאָל רייכער.

ביזקל זיי האָבן זיך אין אַ קורצער צייט אַרום אַריבערגעקליבן אינם דיסטריקט פון די רייכע ניו־יאָרקער קליידער שעפּער, אין איינעם אַ רייכן אפּיס-מויער אַרום דער 25־טער גאַס און דער פינפ־טער עוועניו. זיי האָבן שוין איצט דאָרט פאַרנומען אַ גאַנצן שטאָק.

דעמאָלט איז דער מרס. ב איינגעפאַלן אַ געדאַנק: (קלוגע איינ־פאַלן און געדאַנקען פלעגן מייסטנס איינפאַלן נישט אים, נאָר איר) אָנשטאָט צו פאַרקויפן די שניידערשע פּראָדוקטן פון זייער היפשן שאָפּ עמעצן אַנדערש, צו די אָנגעפּאָרענע „בייערס"**) פון פאַרשי־דענע קליידער־מאַגאַזינען, ווי זיי האָבן עס געטון ביז אַהער,—וועלן זיי זומער אַליין עפענען אַ קלייט פאַרן פאַרקויף פון די ווייסטלעך,***) וועלכע זיי אַליין פאַבריצירן. וועלן זיי אויף אַזאַ אופן אויך האָבן פאַר זיך די פּראָפיטן פונם פאַרמיטלער, פון די „בייערס" און די אַלערליי אַנדערע שלעק. און זיי וועלן טאַקע אַוועקשטעלן און אַנאָנסירן דעם דאָזיקן פאַקט ווייט און ברייט: זיי זענען אַליין די פאַבריקאַנטן — אַליין די פאַרקויפער פון די פּראָדוקטן, וואָס זיי פאַבריצירן. דעריבער זענען זיי אימשטאַנד צו פאַרקויפן קאָפּטלעך צו ביליקערע פרייזן, ווי וועלכע ס'איז נישט איז אַנדערע פירמע.

---

*) ליניע פון דער שטאָטבאַן.

**) סחורה־איינקויפערס

***) קאָפּטלעך.

און דער מאטא פונם נייעם געשעפט, וואָס זיי האָבן איינגיכן געעפנט, איז געווען אויסגעקריצט אויף די אָפיציעלע שרייב־פּאַפּירן פונם געשעפט, און איז געווען פּראָמינענט אויסגעשטעלט אין די צייטונגס־אַנאָנסן, אויף די שוי-פענסטער, אויף די געשעפט־מאַרקעס אין די טראַמוואַי-רעקלאַמעס — בקצור, אומעטום, ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. ס׳האָט געהייסן:

No Middleman's Profit –

Direct from manufacturer to Consumer.*)

אויף לאהקען האָט מען זיך שוין געקאָנט פאַרלאָזן...

און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבן זיי אויפגעעפנט, איינע נאָך דער אַנדערער, אַ גאַנצע קייט פון אַזעלכע געשעפטן אין די רייכסטע האַנדלס-ווינקלען אויף דער פינפטער עוועניו און אויף בראָדוויי, ווו זיי פלעגן פאַרקויפן די ווייסטלעך פון זייערע אייגענע שעפער. די ווייסטלעך פון דער פירמע „לא פּאַריזיען ווייסט קאָמפּאַני” זענען איינגיכן געוואָרן אַ שם-דבר. זיי פלעגן געקויפט ווערן פון די רייכסטע פרויען אין דער שטאָט ניו־יאָרק. מען האָט געוווסט, אַז סיי די לעצטע מאָדעס און פאַסאָנען, און סיי די רעיעלסטע סחורות געפינט מען אין די דאָזיקע קלייטן, און אַז די אַרבעט פון די דאָזיקע ווערסטלעך געפינט זיך אונטער דער פערזענלעכער השגחה פון מאַדאַם ל ו א י ז, — ווייל לאהקע איז נאָך איצט אויך געווען די הויפּט-דע-זיינערין אין דעם גרויסן שאָפּ פון זייער פירמע.

זי האָט טאַקע אין דער אמתן — ס׳איז נישט געווען קיין בלויזער אדווערטייזמענט — נאָך איצט אויך אַליין אַכטונג געגעבן אויף יעדן ברעקל אין שאָפּ. ווי אַ רוחל פלעגט זי נאָכאַנאַנד אַרומ־שפּרינגען פון איין ווינקל אין דעם אַנדערן, פון איין צימער אינם צווייטן. און שוין נאָכן טאָג-אַרבעט, ווען די שאָפּ־מיידלעך פלעגן שוין פאַרמאַטערטע אַוועקגיין אַהיים, פלעגט זי ערשט דעמאָלט אַ פלי טון אינם אויטאָמאָביל און מאַכן אַן איילינקן אינספּעקציאָנסטור איבער די קלייטן פון דער פירמע.

---

*) קיינע פאַרמיטלערע פּראָפיטן — דירעקט פונם פאַבריצירער צום געברויכער.

פּאַרוואָר: זי איז געווען די נשמה פונם געשעפט, ביזט ער, מר. בי.

ס'איז געוואָרן טונקעלער. ס'איז שוין געווען אַרום זיבן אַזייגער, און דער לאַנגער, זומערדיקער טאָג האָט זיך שוין גענויגט צו זיין ענד.

מר. בי. איז געזעסן איצט אינם שאָקל־שטול פון געפלאָכטענעם באַמבו־האָלץ, אויף דער וועראַנדע פונם צווייטן שטאָק פון זיין קאַנטרי־הויז. ער האָט עס מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געקויפט פאַר הונדערט טויזנט דאָלאַר, — אַן אַלט, פּריציש הויז, אַ מאַיאָנטעק אַ גאַנצער, אַן אמתער גוט, מיט פעלדער און לאָנקעס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפּאַשעט פינף פעטע, ניו־דזשוירזי בהמות; מיט דריי שייערן, אין וועלכע די אָפּגעשניטענע תבואה פלעגט תמיד פוילן, ווייל די באַלעבאַטים — אַלטע, אַריסטאָקראַטישע יענקיס, רייכע אייגנטימער פון אַ באַקאַנטן צייטונגס־טראַסט, — האָבן די גרעסטע צייט פון יאָר פאַרבראַכט ווייט פון ניו־יאָרק, אויף זייער יאַכט, וועלכע פלעגט זיי אַרומפירן איבער די וואַרעמע ימים פון די ווייטע, פאַרביקע לענדער. איז האָבן זיי זיך מיט זייער גוט, וו זיי פלעגן פאַרברענגען אינגאַנצן אפשר בלויז אַ פּאָר חדשים דורכן יאָר, גאָר וויניק אָפּגעגעבן, און דאָס היפּשע, גרויסע הויז פון דריי שטאָק מיט אַן אָבסערוואַטאָריע־טורעם אין דער הויך, און דערהויפּט דאָס לאַנד אַרום, די פעלדער, די לאָנקעס, דער גאָרטן — זיי אַלע זענען דורך דער צייט היפּשלעך פאַרלאָזן געווען; אַ שטאָטישע, געניטע נאָז וואָלט שוין דאָ אַפילו דערשמעקט סימנים פון אַ גיכער פאַרוויסטונג, פון אָפּגעלאָזנקייט און פונאַנדערפאַל.

און מר. בי. מיט זיינע געניטע ריעל־עסטייט*) אַגענטן, וועלכע זענען אַהער איין מאָל אין אַ פראַסטיקן אָנהויב־פרילינג טאָג אַרונטערגעקומען צו באַקוקן און אָפּשאַצן דאָס גוט, האָבן עס טאַקע מיט

---

*) פאַרקויף און אומבאַוועגלעכע גיטער.

זייערע געניטע געזער באַלד דערשמעקט, האָבן גלייך פאַרשטאַנען. אַז זיי וועלן דאָ קענען די אַלטע באַלעבאַטים אַביסל צודריקן צום וואַנט. און זיי האָבן קיין טעות נישט געהאַט.

די דאָזיקע אַלטע מיוחסדיקע יענקיס־אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן געהאַט אַזעלכע באַרימטע אַלטע האָלענדישע נעמען. ווי וואַן־רענ־סעללאַר צי וואַן־סטראַטטען צי וואַנ־דער־וואַטער, זענען סוף־כל־סוף געווען צופרידן אַרויסראַטעווען פונם געשעפט אַזוי פיל בארעס געלט, וויפיל ס'וועט זיך נאָר לאָזן. ערשטנס, איז שוין די געגנט אַרום דעם דאָזיקן דערווייטערטן ווינקל אויפן לאָנג־איילענד פאַר זיי פון לאַנג שוין פאַרשוועכט געוואָרן: עס האָבן זיך שוין זייט אַ שטיק צייט אָנגעהויבן באַזעצן דאָרטן משפחות פון נישט אַזעלכע באַרימטע אַמעריקאַנער, ווי זיי — ס'האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן פרוכ־פערן און מערן משפחות, וועלכע זענען ערשט אריבערגעקומען אַהער פון אייראָפּע אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, שוין נאָכן בירגער־קריג... משפחות, וועלכע האָבן אייגנטלעך שוין אַלץ פאַרשפּעטיקט — וועלכע זענען ערשט געווען איינגאַנצן איין דור דאָ אין לאַנד, אָדער גאָר נײַ־אויפגעקומענע אימיגראַנטן־פאַמיליעס פון די לעצטע פאָר צענדליק יאָר... אפילו יידן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן דאָ...

שלעכט. שלעכט. מען האָט געדאַרפט זיך איצט אומבאַדינגט אַריבערקלייבן העכער־צו אין לאָנג־איילענד, אָדער גאָר צום דער־ווייטערטן, פראַכטפולן און שטיל־אריסטאָקראַטישן „גאָרטה שאור", אין מאַסאַטשוסעטס...

נו, איז אָט־אָ־דער „ערשטנס" אַליין שוין געווען גענוג שלעכט עס איז אָבער דאָ אויך געווען אַ „צווייטנס".

אָט די נײַע זין פון די אַלטע משפחות, די זין פון די וואַן־רענסעללאַרס אָדער וואַן־סטראַטטענס צי די וואַן־דער־וואַטערס, האָבן בכלל שוין קנאַפּ חשק געהאַט צו וווינען אויפן לאַנד. זיי האָבן די מערסטע צייט פון יאָר גאָר געוואָלט פאַר־ברענגען „אויף דער וועלט" — אָט איז זייער יאַכטע געווען אינם מיטללענדישן ים, און אָט ביי די קאַנארי־אינזלען; אָט אינם מעקסי־קאַנישן גאָלף — און אָט ערגעץ ביי די „טווינט אינזלען" אין

קאנאדע; אָט פלעגט זייער ווייסע יאכטע, ווי אַ שטאָלצער ווייסער בער, אַרומשווימען אין די קאַלטע, צפונדיקע וואַסערן אַרום אָרעגאָן, אַרום דעם פּאסיפישן ברעג פון קאנאדע און אָנשפּאַרן אַזש העט אין דער האַלב־ווילדער שטאַט נ ו מ א, אין אלאסקא; און אָט פלעגט שוין די יאכטע — מיט די באגאָלדעטע שפּיצן פון די לוקסוס־ביידלעך פאַרן קאפּיטאן. און די אינזשינערן, די ציכטיק־גלאַנציקע שטאבן און די קלאָר־שפּיגלדיקע פענסטער, וואָס פלעגן תמיד אזוי אויסגעשייערט און יום־טובדיק גלאנצן — זיך ארומגליטשן, ווי אַ ווייסער שוואן, איבער די בלויע און גרינלעכע וואסערן פון פלארידא און אַרום די ברעגן פון דער אַלטער אריסטאקראַטיש־יחוסדיקער ל ו א י ז י א נ א, ווו די אויסגעבאַליעטע רייכע בנאקעס פון די וואן־רענסעללארס אָדער וואן־סעראטטערס, צי די וואן־דע־וואטערס פלעגן דאָרט אנ־טייל נעמען אינם ספּארט פון קראקאָדילן־פאַנג מיט די הארפּונס — אַ זעלטענער ספּאָרט, מיט וועלכן עס פאַרנעמען זיך נאָך די געבירטיקע האלב־ווילדע אינדיאַנער שבטים, ביי וועמען עס איז, אגב, גאָר קיין ספּאָרט נישט, נאָר אַ שווערע געפערלעכע פּרנסה.

נו, איז אויף דעם אַלץ, כּדי צו פירן אַזאַ אופן לעבן, האָט מען געדאַרפט האָבן געלט, אַ סך געלט... און הונדערט טויזנט דאָלאַר — די סומע, וועלכע מר. בי. האָט ענדלעך איינגעוויליקט צו באַצאָלן פאַרן גוט — גייען נישט באָרוועס. בפרט נאָך, אַז די דאָזיקע וואנ־רענסעללארס אָדער וואנ־סטרעטטענס, צי וואנ־דער־וואטערס זענען שוין פון לאַנג אָן אָפּטער געוווינט געוואָרן צו זען, ווי געלט פליסט אַוועק פון זיי, איידער אַז געלט זאָל צו זיי אַריינקומען.

און דעם אמת מוז מען זאָגן:

אונטער מר. בי.ס השגחה האָט דאָס הויז און דאָס גוט אָנגענומען גאָר אַן אַנדער פּנים, איז גאָר לעבעדיק געוואָרן. „ווי אַן אַלטע, אָפּגעלעבטע דאַמע, אין וועלכע מען האָט איינגעגייט יונגע מאַל־פּע־דריזן...״ — אַזוי האָבן זיך די אַרומיקע שכנים אויפן לעצט־מאָדערנעם אופן געוויצלט וועגן די ענדערונגען צום בעסערן, וואָס מען האָט תיכּף באַמערקט אינעם גוט.

אין דעם רייכן, אַריסטאָקראַטיש שטעטעלע פון לאנג־איילענד

ווו דאָס הויז האָט זיך געפֿונען, האָבן איצט כּמעט הויפּטזעכלעך געווינט רײַכע פֿאַבריקאַנטן און באַנקירן, וועלכע האָבן געהאַט זייערע געשעפֿטן אין ניו־יאָרק. נישט ווייט פֿון דעם שטעטל איז אַפֿילו דורכגעגאַנגען אַ צווייג פֿון דער לאָנג־איילענד אײַזנבאַן. אָבער אַלע איינווינער האָבן דאָ געהאַט זייערע אייגענע אויטאָמאָבילן און פֿלעגן אויף זיי פֿאָרן דירעקט צו זייערע פֿאַרשידענע ביזנעסן אין ניו־יאָרק.

איז זיצנדיק אַזוי איצט אויף דער וועראַנדע, האָט מר. בי. אַוועקגעטריבן די מאָנאָטאָנישקייט פֿון די וואַרטנדיקע שעהן מיט דעם, וואָס ער האָט נאָכגעקוקט די גלאַנציקע, שיינע אויטאָמאָביל־וואַגאָנען, וואָס האָבן זיך איצט געקייקלט אַהיים איבערן פֿרישן, אָקאָרשט באַשפּריצטן אַספֿאַלט, ער האָט זיך אַמוזירט מיט דעם, וואָס ער האָט באַטראַכט, פֿון וואָס פֿאַראַ מאָדעל און וואָס פֿאַראַ פֿירמע די אויטאָמאָבילן זענען.

אָט דאָס איז אַ קאַדילעק, דאָס איז אַ ראַלס־ראָיס, דאָס איז אַ ביואיק, דאָס איז אַ פּעקאַרד, דאָס איז אַ זעקס־צילינדער קינג, דאָס איז אַ שעווראָלעי, דאָס איז אַן אויטאָמאָביל פֿון אַן איטאַליענישער פּראָדוקציע.

דער איטאַליענער, — דער געניטער גערטנער, וועלכן מר. בי. האָט געדונגען, כּדי אַכטונג צו געבן אויף די גרויסע לאָנקעס פֿאַרן הויז און אויף די צענדליקע אַקערלאַנד פֿונם גוט הינטערן הויז — וועלכע זענען איצט נישט געלעגן אַזוי שמיטהדיק און וויסט, ווי פֿריער, פֿאַר די אַלטע באַלעבאַטים, ווײַל דורכן זומער האָבן דאָרט תּמיד געאַרבעט עטלעכע איטאַליענער־פֿאַרמער — דער דאָזיקער איטאַליענער־פֿאַרמער האָט אָקאָרשט אָפּגעדרייט די פֿאָנטאַן־קראַנען, וואָס האָבן זיך געפֿונען דאָ און דאָרט אויף די לאָנקעס, און האָט געלאָזן אויפֿשפּריצן די וואַסער־קוואַלן, וועלכע האָבן, ווי ברייטע פֿעכערס, זיך צעלייגט אַרום און אַרום איבער דער לאָנקע. ווי געווייטלעך יעדן פֿאַרנאַכט איז ער פֿריער אַדורכגעגאַנגען איבער זיי מיטן גראָז־שניידער. אַ ריח פֿון פֿרישן בלוט פֿונם אָקאָרשט־געשניטענעם היי האָט זיך דעריבער נאָך געטראָגן אין דער לופֿט.

ס׳איז געוואָרן נאָך טונקעלער.

פֿון דער פֿאַרקערטער ריכטונג פֿונם ים־ברעג האָבן אָנגעהויבן

אָנפּאָרן אָן אַ שיעור אויטאָמאָבילן. דאָס איז שוין געווען אַן אַנדער סאָרט אויטאָמאָבילן ווי די פריערדיקע — פאַרמאַכטע אויטאָמאָבילן זענען עס איצט געווען. דאָס האָבן זיך שכנים אומגעקערט פון די באָד-פּלעצער ביים ברעג-אָקעאַן, אויף דער זאַמדיקער פּליאַזשע. דורך די גלאַנציקע שייבלעך פון די אויטאָמאָביל-פענסטער — גלאַנציקע מיט די רויטלעכע פלעקן פונם שקיעה-ליכט — האָבן זיך געזען פון אינווייניק פרישע אויסגעצוואָגענע קעפּ פון יונגע פרויען. די אויטאָ-מאָבילן פלעגן עס זיי אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן צופירן פון זייערע הייזער צום אָקעאַן. זיי פלעגן שוין זיין אָנגעטון אין זייערע באָד-קאָסטיומען, איבער וועלכע עס זענען געווען אַריבערגעוואָרפן לויזע, געפאַלדעוועטע מאַנטלען. פון די אויטאָמאָבילן פלעגן די יונגע פרויען-קערפּערס, — שטייפע און עלאַסטישע אַזעלכע אין די פעסט-אָנגעצויגענע באָד-אַנצוגן, — בליציק אַ שפּרונג אַרויס טון, טאַנצנדיק דורכשוועבן די קליינע שטרעקע צווישן די אויטאָמאָבילן און דעם וואַסער, האַלב-נאַקעטע און געזונט-לייביקע זיך גלייך אַריינוואַרפן אין די פּאַטשיקע כוואַליעס פון אָקעאַן. און די יונגע שטייפע מוסקלען פון זייערע בויגיקע גופים פלעגן זיך גלייך אַריינלאָזן אין אַ שפּי-לעדיקן קאַמף מיט די נאַסע, אַלטע און פלייציקע, נאָכגעביקע מוסקולן פונם אָקעאַן.

איז אָט די פרויען האָבן זיך עס איצט אומגעקערט אַהיים פונם באָדן זיך — אַלע הויכע אַזעלכע, רויט-האָריקע און פעסט-געבויטע. דאָס בלוט האָט ביי זיי ממש געשפּריצט פון די פּנימער, דערהויפּט איצט נאָכן באָדן זיך. זיי זענען מייסטנס געווען אַנגלאָ-זאַקסישע און דייטשישע פרויען — אַ סך פון זיי האָבן נאָך אַלץ געוווינט אין דער אַרומיקער געגנט, נאָך פון די „אַלטע" צייטן אָן. די האָר זענען ביי זיי איצט געווען נאַס-גלאַטיק צוגעלייגט אַרום קאָפּ, און איבער עפּעס האָבן זיי, די דאָזיקע פרויען, מר. בי.ען דערמאָנט אָן פּאַרצייטיקע גריכישע פרויען, אָדער אָן די פרויען פונם איטאַליענישן רענעסאַנס, אפשר דערפאַר האָבן זיי אים אָן יענע פרויען דערמאָנט, ווייל די פרויען אין די אויטאָמאָבילן זענען געווען אַזעלכע קרעפטיקע, פול-לייביקע, פערפעקטע און דערווייטערט-שטאָלצע; אָדער אפשר דער-פאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט אויף זיך איצט אַרויסגעוואָרפן געפאַל-

דעוועטע מאַנטלען — טוניקעס! טאָגעס! — און זייערע האָר זענען געווען גלאַט פאַרקעמט, ווי ביי די איטאַליענישע סיניאָראָס און דאָנאַס פונם רענעסאַנס. מר. בי. האָט די לעצטע, נאַטירלעך, קיינמאָל אין לעבן נישט געזען. אָבער ער האָט דערפאַר געזען זיי אויף די בילדער אין די מוזעאומס, וווהין לאַהקע פלעגט אים שלעפּן חתי־כלה־ווייז אָדער אויף טייערע רעפּראָדוקציעס, וועלכע ער פלעגט שוין שפּעטער אַליין איינקויפן, ווייל אַ מענטשן פון זיין רייכן שטאַנד האָט זיך פּשוט נישט „געפּאַסט" זיין אַן עם־הארץ אין אָט „אַזעלכע" זאַכן. און אויפן זינען זענען אים איצט געקומען עפּעס אַלערליי מאָדנע אַזעלכע ווייט־קלינגענדיקע און באַצויבערנדיקע נעמען: מאָננאַ ליזאַ, סאַפּפאָ, לוקרעציאַ באָרדזשיאַ, ביליטיס, מערסעדעס, אַגלאַיע, כלאָיע, און נאָך אַזעלכע מאָדנע שטאָלץ־און חשובֿדיק־קלינגענדיקע נעמען, פאַר וועלכע מר. בי. האָט געפילט אַ גרויסן ערפורכט.

אין די דאָזיקע פאַרמאַכטע אויטאָמאָבילן האָבן זיך אויך געפונען איצט מענער, וועלכע האָבן זיך אויך אומגעקערט פונם באָדן זיך, נאָר מר. בי. האָט זיי איצט נישט באַמערקט. זיין האַרץ האָט איצט אַזוי געקלאַפּט, זיינע נאָז־פליגלען האָבן זיך גיך באַוועגט און זיין גאַנצער גוף איז צוגעצויגן געוואָרן, צוגעצויגן געוואָרן מיט בלינדער קראַפט, דורך אַזעלכע אומגעזעענע פּאַלעס פון ריחות אין דער לופט, צוגעצויגן געוואָרן צו די יונגע פרויען און די אויטאָמאָבילן... זייערע קערפּערס האָבן איצט, נאָכן באָדן זיך, באַדאַרפט זיין — אַזוי האָט מר. בי. געטראַכט — קיל אַזוי, און שמעקענדיק, און פריש, אָט ווי דאָס אָפּגעשניטענע גראָז אויף דער לאָנקע...

זיי זענען אָבער גיך פאַרבייגעפאָרן די דאָזיקע שמעקעדיקע פרויען־געשטאַלטן, וואָס האָבן אים אַזוי אויפגעציטערט דאָס בלוט מיט אַ קילן דראָזש. זיי זעגען באַלד פאַרשוווּנדן. איז אפשר זענען עס בלויז געווען זעאונגען זיינע, בלויזע פאַרנאַכטיקע דמיונות פון אַן אויסגעהונגערטער, אַ פאַרטריקנטער נשמה...

מר, בי. האָט זיך סוף־כל־סוף אָנגעהויבן וווּנדערן, פאַרוואָס

זיין פרוי קומט נאָך אַלץ נישט אַהיים. אַלעמאָל אין דער צייט איז זי שוין לאַנג דאָ פון שטאָט.

דאָס פאָרפאָלק קומט זעלטן אַהיים אין איין און דער זעלביקער צייט. אפשר בלויז איינמאָל אין עטלעכע חדשים קומט זיי אויס צו טרעפן זיך צוזאַמען פאַרנאַכט אין שטאָט, און פאָרן אין דער זעלבער צייט אַהיים. אָבער געוויינטלעך זעען זיי זיך איין מאָל דורכן טאָג — אָדער ער כאַפּט זיך אַריבער אין שאָפּ, אָדער זי קומט צופאָרן אין איינער פון די קליטן. היינט אָבער איז ער אין זיין מאַשין נאָכאַנאַנד אַרומגעפאָרן דעם גאַנצן טאָג פון איין קלייט ווייבער אין דער אַנדערער. ער האָט זיך דורכן טאָג געדאַרפט אויך זען מיט אייניקע געשעפטסלייט. האָט ער נישט באַוויזן אַריינצוכאַפּן זיך אַפילו אויף איין מינוט אין שאָפּ.

און אין שאפּ איז היינט גראָד געווען אַ סך אַרבעט — לואיז איז דאָרטן געווען דעם גאַנצן טאָג. זי האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט אַריבערפאָרן אין קיין איינע פון זייערע קלייטן, ווי זי פלעגט עס טון געוויינטלעך יעדן טאָג. זי האָט אים בייטאָג טעלעפאָנירט, אַז זי וועט קומען אַהיים ערשט אַרום זעקס אַזייגער.

איצט איז שוין אָבער נאָך זיבן. ס'ווערט שוין קיל, און גיין באָדן זיך וועט מען שוין נישט קאָנען. און דער טאָג איז געווען אַזאַ הייסער, און ער האָט די גאַנצע צייט געוואַרט אויף איר, זיי זאָלן זיך גיין באָדן צוזאַמען. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַ קרעכץ געטון.

— עך—ך...

אַן אומצופרידנקייט מיט איר האָט אים מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט.

— וואָס זאַמט זי זיך דאָרטן אַזוי?

נאָר באַלד האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון צוריק:

— נו, מען קאָן דאָך נישט וויסן וואָס אין אַ געשעפט קאָן אין דער לעצטער מינוט פּאַסירן... מסתמא, שוין גאָר פאַרנאַכט, איז איר פלוצלינג איינגעפאַלן דווקא צו מאַכן אַ טור איבער די קלייטן פון זייער פירמע. אי, ער איז דאָך דאָרטן אַליין אומעטום געווען היינט? נו, מוז זי דאָך אומעטום אַליין אויך אַריינוואַרפן אַ קוק... זי פאַרלאָזט זיך דאָך אויף קיינעם נישט...

די לעצטע ווערטער האָט מר. בי. אַרויסגעזאָגט פאַר זיך מער מיט ערגערניש, איידער מיט צופרידנקייט און שטאָלץ, וואָס ער האָט אַזאַ איבערגעגעבענע און פלייסיקע פרוי.

ער האָט איר שוין עטלעכע מאָל אויפגעוואָרפן, הלמאי זי אַרבעט אַזוי שווער. ער האָט זי אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט באַאײַנפלוסן, אַז זי זאָל פאַרבלייבן אין דער היים, ווי אַלע פרויען. יעדן גאָטס טאָג, יעדן גאָטס טאָג, סיי אין רעגן און סיי אין קעלט, סיי אין זאַווערוכע און סיי אין פראָסט, פלעגט זי אײַנפאַך מוזן פאָרן אין שאָפּ אַריין. זי האָט נישט געקאָנט בלייבן אַפילו אויף איין טאָג אין דער היים.

— באַט, דיערעסט, איי מאַסט...*) — פלעגט זי אים סוף-כל־סוף צאָלן געבן איין און דעמזעלביקן ענטפער אויף אַלע זיינע פאַרשידנסטע טענות און מענות. — ס'איז מיר אומעטיק צו זיצן אַזוי אינדערהיים...

נאָך עד־היום האָט זי אין שאָפּ אַליין געמוזט טון די הויפּט-דעזיינינג-אַרבעט. אין שטוב האָט מען דערפאַר געהאַלטן צוויי דינסטן — אַ קעכין און אַ „טשעמבער־מייד"**): לואיז, אָבער, האָט געמוזט פאָרן צו דער אַרבעט, עס זאָל דונערן און בליצן, און אים, מר. בי. האָט שוין סוף־כל־סוף אָנגעהויבן דערעסן.

— נישקשה, זי האָט שוין געמעגט בלייבן זיצן אין דער היים, לאָמיך וויסן, אַז איך האָב אַ ווייב אויך—נישט נאָר אַ שותף...

מילא, אַמאָל... אַמאָל איז געווען עפּעס אַנדערש. מען האָט זיך צוערשט געדאַרפט אַרומאַרבעטן. אָבער איצט זענען זיי שוין גענוג רייך, גענוג געלט אָנגעקליבן, סיי אין די בענק און סיי — און הויפּטזעכלעך טאַקע—אין ריעל־עסטייט און פאַרשידענע אַנדערע „אינוועסטמענטס": אַקציעס דאָ, שערס דאָרטן, אַ חלק אין געשעפט, אַ פאַרשאַפט אין אַן אַנדערן... געלט האָט זיך שוין, קאָן מען זאָגן, געמאַכט איצט פון זיך אַליין... אַז ער זאָל זיך אפילו אַ צט אינגאַנצן

---

*) אָבער, טײַערער, אַז איך מוז, איך מוז...

**) שטוב־מיידל.

צוריקציען פון זיינע געשעפטן, ער זאָל אפילו מער אַ פינגער אין קאַלט וואַסער ניט אַריינטון, ווי ס'רעדט זיך. — ווערט זיך שוין איצט סיי־ווי געלט „מאַכן" פאַר אים, גאָר אָן זיין מינדסטער הילף... כמעט קעגן זיין ווילן, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן... וואָרום, וואָס שייך — קעגן זיין ווילן? יאָגן דאַרף ער זיך טאַקע מער נישט נאָך דעם, ווי אַמאָל, אָבער, אַז געלט פלייצט זיך צו אים „אַליין, פון זיך" — פאַרוואָס טאַקע נישט?..

אַזוי, איז פאַרוואָס זאָל ער נישט קאָנען דערווייזן, אַז זיין פרוי זאָל זיצן אין דער היים. זאָל זיך בעסער אַביסל אָנהויבן אַליין צוזען, זיך פילנעווען און זאָל נישט זיין אַזוי... אַזוי... אַזוי פאַר־חושכט און איינגעקוואַרט, אַזוי „ענערגיש", אַזוי אויסגעהאָרעוועט, ווי זי קוקט אויס?

און בכלל, אַפילו ער אַליין... ער איז שוין איצט אַריבער פערציק. די צוואַנציק, אָדער מער, יאָר, וואָס ער איז אין אַמעריקע, האָט ער אַזוי פיבעריש, אַזוי פאַרהאַוועט־נאָכאַנאַנד געאַרבעט און געהאָרעוועט, אַז ס'דאַכט זיך אים אָפט אויס, אין שטילע מינוטן פון חשבון־הנפש, ווי ווען זיי, די צוואַנציק יאָר זיינע, וואָלטן פאַרלאָפן אין איין לאַנגן, אויף איין רגע זיך נישט איבעררייסנדיקן חלום, — אין איין בייזן חלום פון נאָכאַנאַנדיקן טומל, אין איין וויסטן קאָ־שמאר פון אייביקער יאָגעניש...

ער טראַכט שוין אָפט די לעצטע צייט, אַז ער אויך וואָלט שוין זיך געמעגט צוריקציען פון געשעפט. אמת, אין זיינע יאָרן ציט מען זיך נאָך נישט צוריק פון געשעפט, און ער פילט זיך, חס ושלום, נישט קראַנק, אָדער אַז זיין ענערגיע זאָל זיך כאָטש אויף אַ האָר פאַרמינערן. נאָר מר. בי. פילט אָבער יאָ, אַז ער האָט ביז פערציק יאָר געאַרבעט פיל מער, געהאַוועט און געהאָרעוועט אַ סך מער, איידער אַנדערע טוען עס ביז זעכציק.

און אַזוי טאַקע האָט מר. בי. אויך אייַנגעטענהט מיט זיך אַליין אין אָט דעם פאַרנאַכט.

ער האָט שוין לאַנג געהאַט — אמת, גאַנץ זעלטן, בלויז אין די זעלטענע, מיט געשעפט נישט־פאַרנומענע מינוטן — אַזעלכע אָב־פאַלן פון בענקעניש, פון בענקעניש נאָך רו, נאָך פאַרגעניגנס, נאָך

פרייקייט פון די אייביקע געשעפט־זאָרגן, וועלכע האָבן אים משך פון אַזוי פיל יאָרן אינגאַנצן אויסגעפילט יעדעס באַוווסטזיניק ווינקעלע פון זיין לעבן, אויסגעפילט זיין מוח סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, וואַכנדיקערהייט און אפילו אויך אין חלום. ער האָט איצט, אינם שטילן פאַרנאַכט, געטראַכט, אַז ער וואָלט, צום ביישפיל, גאָר געוואָלט אַוועקפאָרן ערגעץ... פאַרשטייט זיך, אַוועקפאָרן נישט אַליין, נאָר מיט איר, מיט דער ווייב זיינער, מיט לויזן. אים האָט זיך בכלל קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער זאָל עפּעס טון אָן איר, קאָן מען אַוועקפאָרן און נישט מיטנעמען מיט זיך די אייגענע הענט־און־פיס? אָבער פון דעם, פון אַוועקפאָרן ערגעץ, האָט, ווייזט אויס, דערווייל גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

— שפּעטער, שפּעטער, דיער בי, — זי האָט אים אויך גערופן מיטן פאַרקירצטן געשעפטס-נאָמען זיינעם, מיטן איניציאַל פון זיין פאַמיליען-נאָמען, פּונקט ווי עס האָבן געטון די מיידלעך אין זיינע מאַגאַזינען. אויך פאַר איר איז ער בלויז געווען איינער אַ געשעפטס־מענטש, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן בוכשטאַב „בי.״. — שפּעטער, שפּעטער... נו, זאָג אַליין, ווי אַזוי קאָנען מיר גלאַט אַזוי אינמיטן איבערלאָזן דאָס געשעפט? אויף וועמען? אויף וועמען?

און ווען נאָר ער פלעגט וועגן דעם ווידער וועלן פאַרפירן אַ שמועס מיט איר, פלעגט זי אים מיט איר דאַר קאַלט הענטל פאַמעלעך און ליב איבערן מויל קלאַפּן און נישט לאָזן אפילו קיין וואָרט וועגן דעם אויסרעדן.

אויסער די פאָר וואָכן, וואָס זיי פלעגן אין איילעניש — ווי עפּעס אַ מוז־זאַך, ווי עפּעס אַ מנהג אַזאַ צווישן לייט פון זייער גראַד — יעדן יאָר פאַרברענגען אין אַטלאַנטיק סיטי, ווו דער גאַנצער פאַרגעניגן און די גאַנצע קונץ איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, ווי אַזוי צו פּטרן וואָס מער געלט, — אויסער אָט די פאָר וואָכן אין יאָר האָט ער קיין אַנדער אָפּרו מער, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געהאַט.

ווי אַ קליין, אומרויק, אַ תּמיד־אומרויק טייוועלע, האָט זי אים תּמיד געשטופּט, תּמיד געיאָגט אַלץ ווייטער, אַלץ ווייטער...

— וווהין? און וויפיל איז דער שיעור? נאָך אַלץ נישט גענוג?.. און ווען וועט שוין זיין גענוג?

אַ שטאַרקער, אַ פיינלעכער פּאַרדרוס האָט איצט אין אים אָנ־געהויבן אַרויפשטייגן, — קאָן זיין, אַן אַלטער, אַ גאָר־אַלטער פּאַר־דרוס, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעקליבן אין די טיפענישן פון זיין וועזן. ער האָט זיך אין אָט דער מינוט געפילט עפּעס, ווי באַליידיקט, ווי אָפּגענאַרט, עפּעס, ווי איינער, וואָס לויפט אָפּ שעהן גאַנצע, לויפט אָן אַן אָטעם איבער אַ זאַמדיקן וועג, איילט זיך מיט די לעצטע כּוחות אָנצוקומען ערגעץ אין אַ באַשטימטן אָרט, — נאָר אַז ער קומט אָן ענדלעך אין יענעם אָרט, און קוים נאָך וואָס ער באַוויזט אָפּצווישן דעם קויטיקן שווייס פון זיין שטערן און האַלז, ווערט אים עפּעס מיטאַמאָל מאָדנע פריקרע אַזוי, וואָס נישט ער אַליין, און נישט קיינער אַרום אים, קאָנען אים נישט דערקלערן, וואָס איז עס אייגנטלעך אַזוינס, און ווו איז עס די זאַך, צוליב וועלכער ער איז עס אַזוי הענדום־פּענדום דעם גאַנצן זאַמדיקן וועג געלאָפן.

— האָט ער אַליין, מחמת אייגענער שולד, אַ טעות געהאַט? אָדער האָט אים עמעצער, אַ פרעמדער, אָפּגענאַרט?

דאָס געפיל פון באַליידיקונג אין אים איז איצט, אין אָט דעם שטילן, רויטן זומער־פאַרנאַכט, קלאָר און באַשטימט געוועזן געווענדט קעגן איר — קעגן דער פרוי זיינער. ער האָט זיך מיטאַמאָל דער־פילט, עפּעס ווי אַ קינד, מיט וועמען די מאַמע טוט, וואָס זי װוויל.

— נו, יאָ, אַז זי טראָגט דאָך די גאַנצע צייט די הויזן...

אים איז איינגעפאַלן, אַז ער — אַזאַ באַרימטער, ערפאָלגריי־כער געשעפטסמאַן—איז דאָך אייגנטלעך זייער אַ הילפלאָזער מענטש. אַ מענטש אָן אַ ברעקל מאכט. ער האָט נאָך אין זיין גאַנצן לעבן קיין איין זאַך נישט געטון פון זיין אייגענעם פרייען ווילן. ער האָט רק געטון דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט, וואָס זי האָט צוגעטראַכט. אמת טאַקע: אַ דאַנק איר איז ער עס געוואָרן אַזאַ ערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן מיט אַזאַ אָנגעזעענעם נאָמען אין דער סוחרישער וועלט. נאָר וואָס קומט אים אַרויס פון דעם — וואָס האָט ער, מישטיינסגעזאָגט געהאַט פון זיין גאַנצער רייכקייט! ער איז

געוואָרן עפּעס אַ שפּילצייג, אַ מאַשינדל אין די הענט פון אָט דער קליינער, זשוואַווער און תמיד־אומרויקער ליטווישקע, וואָס האָט אי־זיך, אי אים אַלץ געיאָגט, אַלץ געטריבן, און עס האָט זיך דער־ווייל גאָר קיין ענד נישט געזען, ווו מען וועט זיך שוין קאָנען אָפּשטעלן.

— אַז אַפּילו אויף אים גופא, אויף איר מאַן, האָט זי דאָך כמעט קיין צייט נישט אומצוקוקן זיך...

ס'איז אים פּשוט געווען אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי ער האָט איצט דערזען אַלץ אין אַזאַ קלאָר, ניכטער ליכט — און וויאַזוי ער האָט עס ביז איצט גאָרנישט באַמערקט אַפּילו... נו, יאָ... איז ער דען פאַר איר אַ... אַז זי שלאָפט אַפּילו מיט אים אין בעט, איז עס אויך עפּעס ווי אַ רוטינע־זאַך, ווי אַ טייל פון איר פאַרנו־מענקייט, ווי אַ טייל פון געשעפט, — דאָס מאָל פונם געשעפט פונם צוזאַמענלעבן פון אַ מאַן מיט אַ פרוי... זי פלעגט צו אים קיינמאָל נישט אַרויסווייזן קיין צערטלעכקייטן... אין די אינטימסטע מינוטן אַפּילו פלעגט זי אייגנטלעך בלייבן קאַלט.

און בכלל פלעגט זיך דאָך אים אָפּט אויסדאַכטן, אַז זי האָט שוין צו ווייניק אָפּשיי פאַר אים, און שוין גאָר־גאָר ווייניק באַוווּנ־דערונג, ווי פאַר אַ מאַן, — און דאָס האָט אָפּט באַליידיקט, האָט פאַרדראָסן און וויי געטון...

— עה, ווען ער וואָלט שוין בעסער חתונה געהאַט מיט אַ פּשוטער, מיט אַן איינפאַכער פרוי, אַ פרוי, וועלכע וואָלט געוווּסט פון בלויז איין זאַך — געוווּסט בלויז ווי ליב צו האָבן אַ מאַן, ליב צו האָבן אָן אַ שיעור, ליב צו האָבן מיט איבערגעגעבנקייט און לייב־און־לעבן...

אין דרויסן איז שוין געוואָרן טונקל. נאָר מר. בי. האָט אי־בער עפּעס אי נישט געוואָלט און אי נישט געקאָנט זיך אויפהויבן פון זיין אָרט אויף דער וועראַנדע. ער איז וואָס אַ מינוט אַלץ מער און טיפער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ הארבער שטימונג.

אין די גאַסן איז שוין איצט געוואָרן גאָר שטיל. קיין מענטש,

קיין שאָרף. אַלע זענען שוין איצט ביי דער וועטשערע. עס האָט זיך געהערט דעריבער אַזוי קלאָר, ווי אַ ווינט האָט געווייעט איצט אויפן נאָענטן, אומגעזעענעם אָקעאַן — דאָס קליין, שטיפעריש פאַרנאַכטיק ווינטל, וואָס האָט פריער באַשיידן און צוריקגעהאַלטן געבלאָזן און געקילט, האָט איצט, אין דער שטילקייט פון די גאַסן, געקריגן מער זיכערקייט, האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אין טומלדיקע, רייסנדיקע לופטיקע קנוילן און האָט, מסתמא, אין דער פינסטערניש דאָרטן געריסן און געוואָרפן גאַנצע בערג מיט וואַסער אויפן טונקעלן, אויפגעבראָזטן אָקעאַן.

און מיט אַמאָל, אין אַ פלוצלינגדיקער אויפגעפלאַצטער סעקונדע פון דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט, האָבן זיך אָנגעצונדן די עלעקטרישע לאַמטערנעס אין די גאַסן. און עס האָבן זיך צו דער זעלבער צייט, אויך אַזוי מיטאַמאָל, דערזען, ווי אין דער לופט האָבן שווייגנדיק געפלאַטערט און געווירבלט זיך אַלערליי פאַפירלעך און שטרויעלעך... זיי האָבן די גאַנצע צייט ביז אַהער, אפנים, אויך אַזוי שווייגנדיק געטאַנצט דעם דאָזיקן שטילן פלאַטער־טאַנץ, וועלכער האָט זיך אָקאָרשט איצט אַנטפּלעקט פאַר מר. בי., נאָר ער האָט עס ביז איצט גאָרנישט באַמערקט. ער איז געווען די גאַנצע צייט זייער צעשטרייט און פאַרטיפט.

פע... ס׳איז זייער נישט שיין, ס׳איז גאָרנישט שיין פון אים צו האָבן אַזעלכע געדאַנקען, האָט מר. בי. איצט געטראַכט. — וואָס־אי, זי, לואיז, האָט אים דען נישט ליב? זי איז דאָך אים אַזוי געטריי, אַזוי איבערגעגעבן... אָט איצט, ווען ער זיצט דאָ אַזוי פאַרביטערט, און האָט אַזעלכע ביזלעכע, קרענקלעכע מחשבות וועגן איר, פליט זי מסתמא אַרום אין שטאָט, פליט אַרום אָן אַן אָטעם, יאָגט פון זיך די נשמה צרויס, און אַלץ אין די אינטערעסן פונם געשעפט! („אָבער צוליב וואָס דאַרף זי עס? ווער דאַרף עס?..")

אָדער גאָר — אַן אויסגעמאַטערטע, שוין גאָר אָן כוחות, טראָגט זי זיך מסתמא איצט אַהער, אַהיים, מיטן אָנגעשטאָפּטן, דיכטן לאָנגאיילענד צוג... פון מידקייט דרעמלט זי דאָרט איצט אוודאי אויף איר אָרט, אויף אַ שפּיץ פון אַ שטרויענעם בענקעלע אַ צובראָכענע, אַן אויסגעמאַטערטע... („און אַלץ צוליב וועמען? — און אַלץ צוליב וואָס?")

— און ער... וואָס פאַרא קרענקלעכקייט איז עס אויף אים פלוצלינג אָנגעפאַלן...

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט פון ערגעץ אַ קוויטש, — אַ קוויטש פון אַ פּרויען־שטים, אַ קוויטש פון אַן אויף טויט איבערגע־שראָקענער פרוי. און באַלד דערנאָך — אַ שטאַרקער זעץ, אַ הילכיקער קלאַפּ, וועלכער האָט אין דער אַרומיקער שטילקייט אָפּגעהילכט נאָך זיך מיט אַן עכאָ. מר. בי. איז געבליבן אַ ווײַלע זיצן אויף זײַן אָרט מיט אַן אָפענעם מויל, צעטומלט, די אויערן פונם פּלוצלונג־איבערגעשראָקענעם, שוין אַזוי אויך אויפגערעגטן און צושרויפטן מר. בי, האָבן אין אַ ווײַלע אַרום, אינם פאַרגייענדיקן עכאָ פאַרנומען אַזעלכע זיך־באַקלאָגנדיקע מאָדנע ווערטער:

— אָה־אָה־אָה... און אַלץ צוליב וועמען... און אַלץ צוליב וו־וו־וואָס? אָה־אָה־אָה...

ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, האָט זיך אויף גיך אויפגעהויבן פון זײַן אָרט און איז אַרײַן אין שטוב זען, וואָס איז דאָרט אומגעוואָרפן געוואָרן, אָדער וואָס האָט זיך דאָרט צעבראָכן, ווײַל דער הילכיקער קלאַפּ איז געווען באַגלייט דורך אַ לאַנגן, ברעקלדיקן טרישטשען, ווי ווען אַ שויב, אָדער אַ גרויסער שפּיגל, וואָלט צעבראָכן געוואָרן.

אַרײַנגעלאָפן אין הויז, — איז ער אין דעם שמאָלן, טונקעלן קאָרידאָר, פאַרבײַגעגאַנגען דעם טעלעפאָן, און, דאָ, נאָך איידער ער האָט אויסגעפונען די סיבה פונם קראַך, איז אים מיטאַמאָל אײַנגע־פאַלן, אַז מען וואָלט געדאַרפט גלייך אָפּטעלעפאָנירן אין שטאָט אויס־געפינען, ווו זײַן פרוי געפינט זיך. ער איז איצט ערשט געוואָרן אויף אַ רעכטן אמת אומרויק און צוטראָגן, — די אויגן־לידלעך האָבן אים אַזש אָנגעהויבן צוקן און צופּן איצט פון נערוועזיטעט.

— ווו קאָן זי טאַקע אַזוי שפּעט זײַן?

אָבער ווי נאָר מר. בי, האָט זיך צוגעריירט צום טעלעפאָן־טרײַבל, האָט זיך ווידער דערהערט אַ פאַלן פון נאָך אַ שטיק צע־ברעקלטן, טרישטשענדיקן גלאָז, און באַלד דערנאָך — נײַע געשרייען, און ווידער אַ שאַרפער קוויטש פון אַ היסטערישער איבערגעשראָקענער פּרויען־שטים.

מר. בי. איז דאָ גאָר צעטומלט געוואָרן, האָט אַרויסגעלאָזט דאָס טעלעפאָן־טרייבל פון דער האַנט. די דינסט איז אַרונטערגעלאָפן די טרעפ פונם אויבערשטן שטאָק. זי איז אַרונטערגעלאָפן מיט אַ ווילד געשריי: „מר. בי., אין גאַס איז אָקאָרשט פאָרגעקומען אַ צו־זאַמענשטויס פון אויטאָמאָבילן! מסתמא איז עמעצער דערהרגעט גע־וואָרן!" און זי איז טאַקע גלייך אַרויסגעלאָפן אין גאַס אַרויס.

מר. בי. איז געבליבן שטיין אַ צונעשמידטער אויף זיין פּלאַץ, ווי אים וואָלט מיטממאָל אָפּגענומען יעדער איבר. עפּעס איז אים דורכגעלאָפן אין קאָפּ אַ ווילדער געדאַנק, אַז ער האָט זיך פאַרן גע־דאַנק אַליין אַזוי שטאַרק דערשראָקן. אַ פרויען־קוויטש. אַן אויטאָמאָ־ביל־צוזאַמענשטויס. מען וואָלט דאָך, אייגנטלעך, געדאַרפט גיין אַ קוק טון, זען... נאָר מינוט איז פאַרלאָפן נאָך מינוט און מר. בי. האָט זיך אַלץ נישט גערירט פון אָרט.

— מילא, וואָס וועט ער דאָ לויפן — ס'איז דאָך שוין פאַר־פאַלן.... מען וועט דאָך שוין באַלד אַריינטראָגן דעם קערפּער...

נאָר, אָה, וואָס פּלאָנטערט זיך אים דאָ?.. וואָס אַריינטראָגן... וואָס פאַרא קערפּער?.. ער מיינט: באַלד וועט דאָך די דינסט אַריינ־קומען, וועט זי אים שוין אַלץ דערציילן. נו, איז וואָס זאָל ער לויפן...

נאָר דאָס האַרץ האָט אַלץ געקלאַפּט אַזוי די גאַנצע צייט פון שרעק — פון שרעק און פון אַ מאָדנער, נישט־פאַרשטענדלעכער דער־וואַרטונג. ס'האָט אים אַזוי געזאָגט, אַז אָט באַלד אין דער נעקסטער מינוט, וועט זיכער עפּעס טרעפן, — וועט טרעפן עפּעס גאָר וויכ־טיקס און באַשיידנדיקס פאַר אים, פאַר זיין גאַנץ לעבן... נאָר ער איז געשטאַנען אַלץ אויף זיין אָרט, ווי אַ פאַראַליזירטער. אים האָט געטרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער האָט געוואַרט. געוואַרט אויף עפּעס אַ וויכטיקער, אַ גאָר־וויכטיקע בשורה.

באַלד איז אַריין די דינסט, נאָך אַלץ אַ צעפּודזשעטע און אַ צעפלאַמטע, אָבער שוין אַ שמייכלענדיקע. אין דרויסן האָט טאַקע פּאַסירט אַן „עקסידענט", אָבער נישט קיין ערנסטער. קיינער איז נישט געהרגעט געוואָרן, קיינער איז אַפילו נישט פאַרוווּנדעט גע־וואָרן. די אויטאָמאָבילן, די פּראָנטן זייערע, זענען בלויז צושעדיקט

געוואָרן, און די שויבן זענען אויף פיץ־פיצלעך צעבראָכן געוואָרן. דאָס גאָר.

— מען איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק...

ערשט איצט האָט מר. בי. זיך אַ באַוועג געטון פון זיין אָרט, ווי די דינסט וואָלט צו אים אָקאָרשט געהאַט צוגעגאַנגען און אָפּגע־בונדן פון דער אומגעזעענער קייט, מיט וועלכער ער איז געווען צוגעשמידט צום אָרט.

— נו, יאָ, פּרא־אדם איינע, וואָס האָט ער זיך דאָ געהאַט וואָס איבערצושרעקן... ער האָט דאָך געמעגט גלייך אַ טראַכט טון, אַז זיין פרוי פאָרט קיינמאָל נישט אַהיים — ווען זי פאָרט אַהיים אַליין, אָן אים — מיטן אויטאָמאָביל. זי פאָרט דאָך גאָר תמיד מיטן צוג.

— ווי שפּעט איז איצט? — האָט ער מיט עטלעכע מינוט שפּע־טער, בייז, ווי אָן עפּעס אָפּגענאַרט, אַרויסגעשריגן אין דער ליידי־קייט פון די חדרים, זיי זאָלן אים ענטפערן. — מארטהא, ווו ביסטו... ווען וועלן מיר שוין עסן וועטשערע, צו אַלדי שוואַרצע יאָר?

ער האָט געוואָלט עפּעס פאַרשרייען אין זיך, פאַרשרייען עטוואָס, וואָס האָט זיך געהויבן און טונקל געלוילטן ביי אים איצט אין קאָפּ: אָט „דאָס" האָט אי געשראָקן, אי צוגעצויגן צו זיך, — עס האָט גוואַלטיק באַאומרויקט.

די דינסט האָט זיך באַוויזן אין טיר, זי האָט צו אים עטוואָס גערעדט איצט — גערעדט וועגן דער שפּעטער שעה, וועגן די קינ־דער, וועגן עסן — נאָר ער האָט גאָרנישט געהערט. ווידער האָט ער מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך אין דער לופט דאָס שוואַרצע, גלאַנציקע, טעלעפאָן־קעסטעלע, — דאָס קעסטעלע אויפן וואַנט האָט שווייגנדיק געגלאַנצט אין דער האַלב־טונקעלער באַלייכטונג אין קאָרידאָר, און געשוויגן. דורך אים, דורך אָט דעם קעסטעלע, האָט מען זיך איצט געקאָנט דערוויסן אַ סך, אַ סך זאַכן, וואָס עס איז געהאָנגען אַזוי אויפן וואַנט און געשוויגן, ווי אַ געפּגרטס.

מר. בי. איז שוין ווידער געשטאַנען באַלד אויף דעם פריערדיקן

אָרט, אינם האַלב־טונקעלן קאָרידאָר, ווו עס איז געהאָנגען אַ קאָליר־טער יאפּאַנעזישער לאַמטערן, געשטאַנען אומבאַוועגלעך און נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך צוצוגיין צום טעלעפאָן אָדער נישט.

— וואָס וועט ער דען דאָרטן אויסגעפינען, וואָס?

ס׳איז געווען אַזוי אנגענעם־שרעקעדיק צו ספּעקולירן אין מוח מיט די אַלערליי אומערלעכע מחשבות, וואָס האָבן געהאַלטן איצט אין איין אָנפליצן אויף אים.

— נו, שאַ... ווו איז דאָ די זיכערקייט... און אַז נישט מיטן אויטאָמאָביל, איז וואָס?.. מען לייענט דאָך אַזוי אָפט אין די צייטונ־גען וועגן פאַרשידענע אומגליקס־פּאַסירונגען אויך אויפן באַן...

— אָבער טאָמער איז זי נאָך אפילו גאָרנישט אַרויסגעפאָרן אַהיים? אָט, אָט דאָס דאַרף מען דאָך תּיכּף אויסגעפינען.

ער האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטון צום טעלעפאָן און אָנגע־הויבן אָנקלינגען אין זיינע קליינטן. נאָר שוין פון דער ערשטער קלייט איז גלייך געקומען דער ענטפער, אַז זי איז שוין לאַנג פון דאָרטן אַוועקגעפאָרן — אפשר נאָך מיט אַ צוויי שעה צוריק.

— הייסט עס, אַז זי איז שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן אַהיים... און דאָך איז זי נאָך דאָ נישטאָ? זיכער האָט עפּעס אַן אומגליק געמוזט טרעפן מיט איר...

און איצט, ווען מר. בי. וזאָלט נאָר געוואָלט זיין ערלעך מיט זיך, וואָלט פאַר אים שוין געווען קלאָר, אַז נישט נאָר שרעקט ער זיך נישט פאַרן טעגלעכן אומגליק, נאָר, אַז פאַרקערט: ער האָפט גאָר, ער קוקט כּמעט אַרויס אויף דעם... דאָס הייסט, נישט אַז ער זאָל וועלן, אַז עפּעס זאָל מיט זיין פרוי חס־ושלום פּאַסירן, נאָר בדיעבד, אַז עס וואָלט שוין יאָ פּאַסירט, וואָלט דאָך עס געווען אַזאַ דערלייזונג פאַר אים, אַזאַ באַפרייונג...

— וואָסאי — נאָכדעם, אַז עס האָט זיך שוין יאָ געטראָפן, איז עס דאָך שוין נישט זיין שולד...

ער האָט זיך צוהיצט און צופאַנטאזירט.

— אָ, „דאָס" וואָלט אוודאי געווען דער איינציקער אויסוועג... אָך, די גאַנצע וועלט וואָלט זיך דעמאָלט געעפנט פאַר אים, די גאַנצע וועלט... וואָס וואָלט ער דען דעמאָלט נישט געטון?..

צום אַלעם ערשטן, וואָלט ער גלייך ערגעץ אַוועקגעפאָרן, וואָלט ער אָנגעהויבן אַרומרייזן איבער דער וועלט, ווייל, וואָס האָט ער דען ביז איצט געזען פון דער וועלט? פון דער גאַנצער גרויסער, ליכטיקער וועלט האָט ער ביז איצט געזען בלויז, טאָג איין און טאָג אויס, דעם וועג צווישן זיין היים אין לאנג־איילענד און זיין שאפ און די קלייטן אין אנהעסט — און צוריק. הין — און צוריק. הין — און צוריק. אַזוי יעדן טאָג, זעקס טעג אין דער וואָך. פופציק וואָכן אין יאר (צוויי וואכן אין יאָר נעמט ער דאָך וואקאציע).

און, גאָט, דאָס געדויערט שוין אַזוי פיל יאָרן... אָבער „איצט״ וואָלט ער אָנגעהויבן אַ גרויסן וום־טוב אין זיין לעבן. ער, ער האָט דאך נאָך אַזוי ווייניק ימים־טובים געהאַט אין זיין לעבן... און פאַר־וואָס נישט? — מיט זיינע מיטלען וואָלט ער פון איצט אָן און ביזן ענד פון זיינע טעג געקאָנט אפלעבן זיינע יארן אין איין גרויסן טומלדיקן און פריידיקן יום־טוב...

דער טעלעפאָן האָט פלוצלונג אנגעהויבן קלינגען מיט אַזאַ אימפעטיקן אַלארם־קלונג, גארנישט ווי ער קלינגט געוויינלעך. מר. בי. האט זיך אַ ריס געטון אין קארידאר אַריין. נאר דער טעלעפאָן־רוף איז געווען נישט פאַר אים אפילו, נאר פאַר דער נוירס מיס שאלץ. זי איז שוין געשטאַנען דארט איצט און האָט געשמועסט. פון די פאָר ווערטער, וועלכע מר. בי. האט אומגערן פאַרנומען, האט ער פאַרשטאַנען, אַז דאס רעדט זי דאָרט איצט מיט אירן אַ געליבטן. מר. בי. האט זיך אומגעקערט אין זאַל אַריין אַ געערגערטער. ער איז אַנידערגעזונקען אין אַ פאטער־שטול.

ער האט זיך מיט גוואַלט אַ ריס אַרויס געגעבן פון זיינע מחשבות.

— טפוי זאל עס ווערן, וואס פאר אַ ווילדע נארישע געדאַנ־קען עס פאַלן אים אַלץ איין... ער וואלט דאך בעסער געדאַרפט אנקלינגען די צווייטע קלייט, אויסגעפינען, טאמער געפינט זי זיך דארטן אין יענער קלייט, און איז נאָך אפילו גאר אַהיים נישט געפאָרן.

נאר מאדנע — ער האט אלץ געצייגערט מיטן אפרופן. אפנים, אַז אים האָט געשראקן די מעגלעכקייט, אַז ער וועט דערהערן

דעם פּאָזיטיוון ענטפער, אַז זי געפינט זיך טאַקע דאָ, אין אָט דער צווייטער קלייט, אויף בראָדוויי... און דאָס וואָלט אין איין מינוט אַלץ צעשטערט. אָ, ס׳איז דאָך געווען אַזוי גוט צו פאַנטאַזירן...

מיטאַמאָל האָט אים אַ שלאָג געטון אין דער נאָז אַריין אַזאַ מין זיסער ריח, — אַ ריח, וואָס מען פילט בלויז פון גוט־אָפּגעקאָר־מעטע יונגע עופהלעך, אַ ריח פון צוגעפּרעגלטן וואַרעמען, פעטן מילך, וואָס מען פילט תמיד אַרום יונגע זויג־קינדער. ער האָט זיך אומגעקוקט.

די „נוירס״,(1 זייערע אינם ווייסן, אָנגעקראָכמאַלעטן פאַרטוך און מיטן ווייסן טשיפּטשיקל אויפן קאָפּ, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר־לייסט און געקוקט אויף אים אַ שמייכלענדיקע. זי האָט צו אים, קענטיק, שוין אַ לענגערע ווײַלע גערעדט, נאָר ער, אַ צע־טראָגענער, האָט זי, אפנים, נישט געהערט.

די נוירס איז געווען אַ געזונטע, אַ פעסט־געבויטע, אָבער נישט קיין צו־פעטע דייטשקע, נאָך אַ יונגע, מיט אַ ליכטיקן פּנים און מיט באַקן, וואָס זענען געווען דורכגענומען מיט אַ גאַנצע נעץ פון ראָזעווע בלוט־אָדערלעך. פון איר האָט עס טאַקע אָפּגעגעבן מיט אַזאַ פעטן און זיסן ריח, מיט עפּעס אַזאַ געמישטן ריח פון האָניג און מילך. זי האָט צו מר. בי. איצט גערעדט עפּעס, נאָר ער האָט זי כמעט, ווי נישט געהערט. באַמערקט האָט ער גאָר בשעת איר רעדן, אַז זי האָט אַ רייכע, אַ ריזיקע פריזור פון פלאַמענדיקע האָר.

זי האָט אים נאָך אַמאָל דערמאָנט מיט אַ שמייכל, אַז די קינ־דערלעך זענען שוין גרייט צו גיין שלאָפן, און זיי וואַרטן אינם קינדער־צימער, אַז ער זאָל צו זיי אַרויפקומען און קושן זיי „אַ גוטע נאַכט״. ער האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז ער קוקט אויף איר שוין צו־לאַנג און ענטפערט נישט, האָט ער אַ צו־חויכן און אייליקן געשריי אַרויסגעגעבן: „אָ, יאָ ,אוודאי... אָט, איך גיי גלייך אַרויף...״

די נוירס האָט זיך דעמאָלט מיט עפּעס אַ מאָדנעם, צעקרימטן ווײַבעריש־ווייסנדיקן שמייכל אָפּגעקערט פון אים און זיך געלאָזט

*) צם.

גיין אין דער הויך צו די שלאָפּצימערן. מר. בי. — נאָך איר. און באַלד האָבן זיך זײַנע בליקן פֿאַרפּלאָנטערט אין אירע ברייטע און שטאַרקע קלובעס, וואָס האָבן זיך ריטמיש געוויגט בשעתן אַרויפֿגיין די טרעפּ, ווי בײַ אַ געזונטן, רייך־אויסגעהאָדעוועטן פֿערד. אָט, אָט דאָס הייסט אַ פֿרוי, אַ ווײַב, אַן אמתע ווײַב... זיין לואיז, צום בײַ־שפּיל, האָט אַזעלכע קליינע, דאַרע ליטקעס, ווי בײַ אַ יונגן ייִנגל. און אינגאַנצן איז איר פֿיגור מער אַ מאַנסבילישע, איידער אַ ווײַבלעכע...

— מאָדנע — האָט ער ווײַטער געטראַכט — ווי ער האָט עס די „נוירס" זײַנע ביז הײַנט גאָרנישט באַמערקט...

און איצט, גייענדיק אַזוי הינטער איר, האָבן זיך אין אים אין איין אויגנבליק אָנגעצונדן די געבלוטן. זײַנע נאָזלעכער האָבן זיך ברייט פֿונאַנדערגעעפֿנט און שווערלעך געאָטעמט. און אפֿשר איז זיין שווערער אָטעמען גאָר געווען אַ רעזולטאַט דערפֿון, וואָס אַ מענטש איז מר. בי. געווען אַ שווער־לײַביקער, און איצט איז ער נאָך גע־גאַנגען אַרויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט צום צווייטן שטאָק.

אַרויפֿגייענדיק די טרעפּ, האָבן זיך בײַ דער נוירס, נאַטירלע־כערווײַז, די פֿיס אָפּגעדעקט אַביסל מער, איידער געווײנלעך. מר. בי. האָט זיך אײַנגעגעסן מיט די בליקן אין אירע געזונטע, פֿעסטע פֿיס, וואָס האָבן אַזש געמאַכט טרייסלען די טרעפּ אונטער זיך. אפֿשר האָט די נוירס עס געטון אומישנע, ווײַל זי האָט אינסטינקטיוו, כאָטש נישט־וועענדיק, געפֿילט פֿון הינטן דעם באַלעבאָס אָנגעשטרענגטע בליקן אויף זיך, און אפֿשר האָט זי אַפֿילו פֿון דעם נישט געטראַכט, נאָר שוין בײַ די לעצטע טרעפּ האָט זי אָנגעהויבן איבערהיפּן איינע און צוויי טרעפּ מיטאַמאָל, און פֿון דעם האָבן זיך די געזונטע פֿיס אירע אָפּגעדעקט ביז גאָר אין דער הויך, ביז סאַמע די קני.

בײַ מר. בי. האָט פֿון דעם דאָס האַרץ נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן קלאַפּן, אַזוי, אַז ווען ער איז אָנגעקומען אין דער הויך, אויף דער טרעפּן־פּלאַטפֿאָרמע, האָט בײַ אים דאָס האַרץ געקלאַפּט אַזוי הויך און אַזוי הילכיק, אַז ער האָט זיך אײַנגעפּאַך געשעמט אַרײַנצוגיין נאָך דער נוירס אינעם קינדער־צימער אַרײַן. ער האָט קוים געקאָנט אָפּ־כאַפּן איצט דעם אָטעם. ער איז דעריבער אַרײַן צו־ערשט צו זיך אין

קאַבינעט, וואָס האָט זיך געפונען אויפן זעלביקן גאָרן, וואָס דער קינדער־חדר... „איך קום גלייך אַריין, מיס שאַלץ", — האָט ער קוים אַרויסגערעדט מיט די לעצטע כּוחות, זיך צוהאַלטנדיק מיט ביידע הענט אָנם האַרצן, וועלנדיק פאַרשטיקן דאָס הויכע קלאַפּן פונם האַרצן, וועלכעס האָט זיך געריסן אַרויס, אַרויס...

ער איז געווען איצט אינגאַנצן אָן אָטעם. ער האָט זיך כּמעט געשטיקט. ער האָט זיך גלייך אַנידערגעוואָרפן אויף דער סאָפע.

אַז ער האָט אין אַ פינף מינוט אַרום זיך אַביסל באַרויקט, איז ער אָבער אַלץ נישט אויפגעשטאַנען פון דער סאָפע, נאָר האָט ווי־דער פאָרטגעזעצט זיינע פריערדיקע מחשבות:

מאָדנע, ווי ער האָט זי, די נוירס, ביז איצט גאָרנישט באַמערקט... סאַראַ פרישקייט עס שפּאַרט עס פון איר — מר. בי. איז געווען איצט איבערצייגט, אַז ווען ער מאַכט נאָר די קלענסטע אָנ-שטרענגונג, אַז ווען ער שטרעקט נאָר אויס די האַנט איר — „קריגט" ער זי גלייך. געדענקט ער סיידן נישט פון דער היים, ווי אַזוי גרינג ער און זיינע חברים פלעגן עס קריגן די פוילישע שיקסעס פאַר אַ „גאָרנישט"? און דעמאָלט איז ער דאָך געווען אַזוי אָרעם, און איצט איז ער אַזוי רייך. אָבער דעמאָלט — האָט ער צוריקגע-טראַכט — איז ער דאָך געווען יונג, און איצט איז ער שוין אַ מאַן ווייט צריבער די מיטעלע יאָרן... אָבער ניין... ער פילט זיך דאָך איצט אויך אַזוי יונג. אָ, ער איז זיכער, ער דאַרף נאָר מאַכן די קלענסטע אָנשטרענגונג, געבן עטלעכע מתנות, און ער וואָלט זי זיכער געווונען... מער נישט: ביז איצט איז ער געווען אַזוי פאַרטון אין געשעפט, אַז ער האָט זיך אויף איר אַפילו קיינמאָל נישט אומ-געקוקט...

ער האָט זיך געפילט איצט אַנטוישט מיט זיין ביז-איצטיק לעבן, געקריוודעט, אָפּגענאַרט. און אַז נישט די נוירס? ווייניק שיינע געזונטע פרויען זענען דען דאָ אויף דער וועלט? דער עיקר אָבער— ער האָט באַדאַרפט חתונה האָבן מיט אַ „פליין דזשיין"*) — מיט אַ

*) „אַ פּראָסטער לאַיקע".

געזונטן, פשוטן, קרעפטיקן און נישט קיין איבערגעשפּיצטן מיידל: מיט אָט אַזאַ וואָלט ער ערשט געווען גליקלעך... אָט אַזאַ וואָלט אים אי ליב געהאַט — פשוט, מיט איר גאַנצן געזונטן גוף ליב געהאַט — און אי פאַר אים דרך־ארץ געהאַט...

ער האָט דערפילט מיטאַמאָל, אַז ער האָט נאָך אין זיין גאַנצן לעבן גאָרנישט ליב געהאַט — פשוט: ער האָט פאַרפעלט גאָר אינ־גאַנצן ליב צו האָבן אין זיין לעבן... און פאַר זיין צעטומלטער און צעהיצטער פאַנטאַזיע זענען איצט אויפגעשטיגן אָן אַ שיער פרויען: אַלע הויכע, שטאַרקע, קרעפטיקע און בלאָנדע פרויען, — די נוירס, מיס שאָלץ, איז אויך געווען אַ בלאָנדע — פרויען מיט פלאַמענדיקע, רויטע האָר און מיט בלוט־שפריצנדיקע באַקן.

— אָ, ווען ער וואָלט נאָר איצט געווען פריי... פריי... ער וואָלט איצט ערשט אויף אַן אמתן חתונה געהאַט.

ער וואָלט אייגנטלעך צום ערשטן מאָל דאַן ערשט חתונה געהאַט, — אַזוי האָט ער געטראַכט. כאָטש ער האָט שוין געהאַט איצט פיר קינדער, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז נאָך אַלץ אַ בחור, אַ חתן־בחור, וואָס דאַרף ערשט חתונה האָבן. אָ, דעמאָלט, מיט אַ פרוי, וואָס האָט ליב צו לעבן, וואָלט ער אויך ערשט אַ לעב געטון, — ער וואָלט געמאַכט אַ רייזע איבער דער וועלט: אַ רייזע קיין פאַנאַמאַ, קיין אַלאַסקאַ, צום קאַנאַדער ארקטישן ים, קיין עגיפּטן, אין איטאַליען, אין מאַראָקאָ, נאָך אַלזשיר, נאָך, נאָך...

ער האָט שוין מער עס נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ער איז אויפגעשפּרונגען מיטאַמאָל פון דער סאָפע, מיט אַ יובל־געשריי:

— פריי! פריי! ער וויל זיין פריי! ער איז שוין פריי!

ער האָט זיך אַזש געשטיקט פון פריידיקער אויפרעגונג. אָ, ווער ווייס, אפשר איז ער שוין טאַקע פריי, אפשר איז ער שוין אין אָט דער מינוט אַ פרייער מענטש!

ערגעץ צווישן זומפּיקע, ליידיקע פעלדער פונם לאָנג־איילענד רויכערט זיך אפשר אין אָט דער מינוט אַ שוואַרצער, אַ חרובער צוג, וואָס איז אַרונטער פון די רעלסן... אין אייגעם פון די פּילע שטעטלעך, דורך וועלכע דער לאָנג־איילענד צוג דאַרף פאַרבייפאָרן, ערגעץ צווישן פרעמדע גאַסן, אין אַ געווירבל פון פראַכט־אויטאָמאָבילן,

טראַמוואַיען, אמבולאנסן, אויפגערודערטן מענטשן־געלויף און געשריי פון מוטערס, וואָס טראָגט זיך קלאָגנדיק פון די אַרומיקע פענסטער,— דאָרטן, אין אַ רויִקער, וואָלקנדיקער און דערשראָקענער לופט הענ־גען די פאָדערשטע וואַגאָנעס פונם צוג, וואָס איז אַרונטערגעשפּרונ־גען פון אַ בריק אין מיטן דער שטאָט... אָ, מאָלע וואָס עס קאָן פּאַסירן...

זיין מוח האָט זיך אָנגעשטרענגט און זיך פאָרגעשטעלט אַלץ אַזעלכע בילדער פון אומגליקן, וואָס געשעען מיט סאָבווייען און עלעווייטערס, — אומגליקן, וועגן וועלכע עס פלעגט אים אַזוי אָפט אויסקומען צו לייענען אין די ניו־יאָרקער צייטונגען. פאַרוואָסזשע איז עס נישט מעגלעך, אַז דאָס זאָל היינט אויך פּאַסירן?

און באַלד האָט אים עפּעס דורכגעלויכטן אין קאָפּ און אַ טיאָכקע געטון אין האַרץ, שאַ... ער האָט דאָך אַמאָל אַליין געלייענט ערגעץ וועגן דעם... יאָ, ער דערמאָנט זיך טאַקע, ווו ס׳איז געווען אין דער אילוסטרירטער זונטאָג־ביילאַגע צום „ניו־יאָרק אַמעריקען״. ס׳איז געווען אַ שרעקענספולע, פאַנטאַסמאַגאָרישע געשיכטע... ניין, נישט קיין געשיכטע איז עס געווען, נאָר טאַקע אַ פאַקט, אַ צענויפ־זאַמלונג פון אַ סך אַזעלכע פאַקטן... ס׳איז דאָך געווען — אַזוי גע־דענקט ער קלאָר, ווי דער טאָג—אַפילו, אַ וויסנשאַפטלעכער אַרטיקל, אַן אָפּהאַנדלונג אַ גאַנצע פון אַ גרויסן געלערטן, אַ ספּיריטואַליסט, צי אַ טעלעפּאַטיסט, צי אַזוי עפּעס אַ שוואַרץ־מאַגיקער..... אָבער ניין — דאָס איז נישט געווען קיין שוואַרצע מאַגיק — דאָס איז גע־ווען ריינע וויסנשאַפט... יאָ, אַזוי גענוי געדענקט ער דעם אַרטיקל.

דאָרטן, אין אָט יענעם אַרטיקל האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אַז עס זענען דאָ אַ סך אַזעלכע מענטשן, וועלכע זענען באַגאַבט מיט דער אייגנשאַפט אַרויסצורופן אין דערווירקלעכקייט אומגליקן, קאַ־טאַסטראָפן, פאַרשידענע פּאַסירונגען, אויב זיי, די דאָזיקע מענטשן שטרענגען נאָר אָן זייער שטאַרק דעם ווילן זייערן, זייער פאַנטאַזיע...

און מר. בי. דער דאָזיקער שוואַכינקער מענטשעלע, וועלכער איז אַלעמאָל געלעגן ביי זיין ווייב אונטערן פאַנטאָפל — כאָטש, דעם אמת געזאָגט, אַפילו אונטער אַ וויכן פאַנטאָפל — אָט אָ דער שוואַ־כער מר. בי האָט זיך איצט מיטאַמאָל דערפילט שטאַרק, זייער שטאַרק.

— אָ, ער וועט עס איצט צייגן זיין כּוח, זיין אמתן כּוח, זיין פֿאַרבאָרגענעם כּוח... ער איז אַריינגעפֿאַלן איצט אין אַ מאָדנעם, אַן אויפֿגערודערטן און אַ דערהויבענעם צושטאַנד. ס׳איז געווען אַזאַ אומגעווײנלעך־שאַרף געפֿיל, — אָט דאָס געפֿיל, אַז ער, מיט זיין טראַכטן בלויז, קאָן אַרויסרופֿן דעם טויט פֿון אַ מענטשן...

כּמעט מיט פֿאַרצווייפֿלונג, ווייסנדיק, אַז דאָס איז זיין איינציקע רעטונג, זיין איינציקער אויסוועג, האָט ער מיט עקשנות און ביטע־רער איינגעשפּאַרטקייט זיך איצט גענומען אָנשטרענגען, האָט גע־צוווּנגען זיין פֿאַנטאַזיע צו אַרבעטן אין אָט דער שרעקעדיקער אומ-גליק־ריכטונג. ער האָט שוין איצט בפֿירוש געוואָלט, מיט זיין אָנגע־שטרענגטן ווילן און קאָנצענטרירטער פֿאָרשטעלונגס־קראַפֿט, אַרויס־רופֿן אין דער ווירקלעכקייט די קאַטאַסטראָפֿע מיטן לאָנג-איילענד צוג, מיט וועלכן זיין פֿרוי האָט זיך זיכער געטראָגן איצט אַהער אַהיים, צום געטרייען מאַן און קינדער, נישט פֿאַרדעכטנדיק אַפֿילו, וואָס פֿאַר אַן אומגעזעענער פֿיינט לויערט אויף איר איצט ביי איר אין דער היים, וואָס פֿאַר אַ נאָענטער פֿאַרברעכער ביי איר אין דער אייגענער היים האַלט איצט אין צוגרייטן און אַרויסרופֿן איר טויט...

ער האָט אַ קוק געטון אויפֿן זייגער. ס׳איז שוין באַלד אַכט. ער וואָלט געציילט די מינוטן. אָט. ס׳איז שוין נאָך אַכט... און זיין פֿרוי איז נאָך אַלץ נישטאָ... עס פֿלעגט זיך אַלע ווײַלע דערהערן אַ קלאַפּ מיט דער אונטערשטער טיר, מיט דער אַריינגאַנגס־טיר. און מר. בי.ס האַרץ פֿלעגט אין אים יעדעס מאָל פֿון אָט דעם קלאַפּ אָנ־הויבן זינקען.

— אָט דאָס איז עס... אָט דאָס איז עס... דאָס ברענגט מען זי...

נאָר עס האָט זיך יעדעס מאָל באַלד אַרויסגעוויזן, אַז עס איז געווען עפּעס אַנדערש. איינמאָל איז עס געווען דער איטאַליענישער גערטנער, וועלכער איז אַריינגעגאַנגען נאָך עפּעס אין קיך. אַ צווייטן מאָל איז עס געווען אַ „פּייערמאַן״, אַן אָפּטער באַזוכער ביי דער דינסט. דערנאָך איז אַריינגעקומען עפּעס אַ שיק־יינגל פֿון דער קאַקאַלי־קלייט, און יעדעס מאָל, ווען אונטן האָט אַ קלאַפּ געטון די טיר, איז מר. בי. געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג פֿון זיין קאַבינעט,

אינגאַנצן בלייך, ווי אַ פּאַפּיר, זיין האַרץ קלאַפּנדיק אַזוי הויך, אַז עס האָט אים אַזש געהילכט אין די אויערן. ער האָט נישט געהאַט קיין כּוח אַרונטערצוקומען אונטן, זען, ווער עס איז עס אַריינגעגאַנגען, נאָר יעדעס מאָל, מיט הויכער קלאַפּעניש פון האַרץ און שלייפן, געוואַרט, אַלץ געוואַרט... און אַז ס'איז אונטן ווידער געוואָרן שטיל, פלעגט ער ערשט דעמאָלט מיט צורינגעדיקער האָפנונג אַרונטערשרייען צו דער דינסט:

— מיס שאָלץ, ווער איז עס געווען דאָרטן, האַ? ווער?

און באַלד איז ער שוין אינגאַנצן געבליבן ליגן אַן אויסגעמאַטערטער, אַ באַגאָסענער מיט שוויס. די אויפרעגונג, די אומגעוויינלעכע ווילנס־אָנשטרענגונג און די אומזיכערקייט האָבן אים כּמעט אינגאַנצן דערשעפּט, ביז ער האָט זיך ענדלעך געפרעגט:

— צוליב וואָס אייגנטלעך מאַטערט ער זיך אַזוי? אַ־מער, קאָן ער דאָך גלייך קלאָר ווערן אין דער גאַנצער זאַך און פּטור ווערן פון דער דאָזיקער אויסמאַטערנדיקע אומזיכערקייט.

ער איז תּיכף אַרונטערגעלאָפן, מיט אַ צוויי־דריי שפּרינג, אַלע טרעפּ. ער איז אַרונטערגעלאָפן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער איז גאָר געפאַלן און האָט זיך אַרונטערגעקייקלט פון אַלע טרעפּ. די נוירס האָט אַ דערשראָקענע אויפגעעפנט די טיר פונם קינדער־חדר. די קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן וויינען. און אַזויווי די „נוירס" איז געבליבן שטיין אין דער טיר־עפענונג און אים נאָכגעקוקט אַן איבערגעשראָקענע, און איז די וויינענדיקע קינדער נישט געגאַנגען איינשטילן, האָבן זיי נאָך שטאַרקער זיך איבערגעשראָקן און זיך נאָך מער פונאַנדערגעוויינט. אָבער מר. בי. האָט זיך איצט שוין נישט אָפּגעשטעלט. שוין כּמעט אין אַ היסטערישער אויפגערודערטקייט האָט ער איצט אָנגעקלונגען טעלעפאָניש איין קלייט נאָך דער אַנדערער. ער דאַרף זיך עס שוין, באַלד דערוויסן, ער מוז זיך דערוויסן אויף זיכער... אויף געוויס.

נאָר פון אומעטום איז געקומען דער ענטפער, אַז זי, די פּרוי זיינע, איז אָדער דאָרט היינט גאָרנישט געווען, אָדער אַז זי איז שוין לאַנג פון דאָרטן אַוועקגעפאָרן.

שוין גאָר אָן אָטעם, מיט אַ האַרץ, וואָס האָט, דאַכט זיך, אָט־אָט געהאַלטן אין פונאַנדעררייסן זיך פון צו־שטאַרקן קלאַפּן, האָט מר. בי. דעמאָלט אָפּגעטעלעפאָנירט די לעצטע קלייט. זיינע קני האָבן אים געציטערט. ער האָט כמעט ווי נישט געהערט דעם סוף פון דער ידיעה, וועלכע די בוכהאַלטערין אין אָט דער קלייט, אויף דער צווייטער זייט פון דער טעלעפאָן-ליניע, האָט אים מיט דרך־ארץ געלאָזט וויסן:

— נאָ סער, מר. בי... מרס. בי איז דאָ נישטאָ. זי איז...

ער האָט שוין אָבער דעם סוף „זי איז אָקאָרשט, מיט עטלעכע מינוטן צוריק, אַוועקגעפאָרן אַהיים”, נישט געהערט. אים איז קוים געבליבן כוח אויפצוהענגען דעם טעלעפאָן־טרייבל. ער איז דאָ אויפן אָרט צוגעפאַלן צו דער וואַנט און האָט זיך אַזש פונאַנדערגעכליפּעט פון גרויס פרייד:

— גאָט מיינער, הייסט עס, אַז איך בין טאַקע פריי... איך בין טאַקע פריי...

מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך קוים צוגעשאַרט צו אַ גרויסן מאָריס־שטול, וואָס איז „געשטאַנען דערנעבן, אַ פאַרחלשטער איז ער אַריינגעפאַלן אין אים, און אַן אויסגעמאַטערטער גלייך איינגעדרעמלט.

און אין דער הויך, אין זייער שלאָף-צימער, האָבן נאָך אַלץ געוויינט די קינדער, וועלכע האָבן זיך אויפגעוועקט פון שלאָף און זיך איבערגעשראָקן. זיי האָבן זיך שוין נישט געלאָזט איינשטילן אינם משך פון דער גאַנצער קומענדיקער שעה, ביזקל זייער מוטער איז ענדלעך אָנגעקומען אַהיים.

מרס. בי. איז ביים אַריינקומען גאָר צעטומלט געוואָרן. זי האָט געטראָפן די קינדער וויינענדיק, די נוירס עפּעס אַזאַ צערודערטע, און דעם מאַן, אַ מידן, אַ צעבראָכענעם, האַלב־אויסגעצויגן אין מאָ־ריס־שטול און האַלב אויפן דיל, ווי אַ געחלשטן. אַז זי האָט אים, מיט קושן און האַלזן פון אירע פאַרטרוקנטע ליפּן און דאַרע אָרעמס, ענדלעך אויפגעוועקט, האָט ער זי אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט גלעזערנע

זיך־וואונדערנדיקע אויגן. זיי זענען אָבער באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן,

געניט און פלינק, מיט באַלעבאַטישע הענט, האָט זי באַלד ווידער געבראַכט אין שטוב אָרדענונג און רו. זי האָט איינגעשטילט די קינדער און זיך גלייך גענומען צום מאַן. „ס'איז אַלץ צוליב דער גרויסער היץ", האָט זי צו זיך גערעדט. זי האָט זיך אַנידער־געזעצט לעבן מאַן אויף דער סאָפע. זי האָט, דאַכט זיך, אַלץ עפּעס גערעדט און גערעדט צו אים. נאָר ער האָט שוין מער גאָרנישט, גאָרנישט פאַרשטאַנען פון אירע רייד.

זי האָט אים באַלד גערופן צום טיש עסן, נאָר ער האָט איצט סיי־ווי גאָרנישט געקאָנט עסן. ער האָט זיך קוים געקאָנט אַרויפ־שלעפּן אין דער הויך, אין שלאָף־צימער. ער האָט זיך דאָרט גלייך אַנידערגעוואָרפן אין בעט אַריין און איז שוין דאָרט אַזוי געבליבן ליגן אין אַ מידער, אין אַ רויטער היץ.

דורך אַ נעפּל האָט ער געפילט אין אַ האַלבער שעה אַרום, ווי לאַהקע, — אַ קאַלטע, אַ דאַרע, ווי אַ שפּענדל — האָט זיך גענורעט און געגראָבן אין אים, האָט זיך געזוכט אָנוואַרעמען אָן אים, האָט ווי געזוכט זיך אָננעמען, אָננעמען פון אים מיט וואַרעם בלוט. אין דרויסן איז היינט געווען אַ וואַרעמע זומער־נאַכט, נאָר איר, דער אָרעם-בלוטיקער, איז תמיד געווען אַזוי קאַלט.

זי האָט זיך געטוליעט צו אים, ווי אַ קריכנדיקע שוואַכע פלאַנץ אַרום אַ גרויסן, קרעפטיקן דעמב. זי האָט זיך געפלאָכטן אַרום אים, שווייגנדיקערהייט מאָנענדיק פון אים וואַרעמקייט, לעבנס־זאַפט. אינ-סטינקטיוו, אויס געוווינהייט, האָט ער זי אַרומגענומען און זי אָנגע־הויבן דריקן צו זיך, און באַהעפטן זיך מיט איר. און בשעת מעשה, די גאַנצע צייט, האָט זי אַלץ געהאַלטן אין איין רעדן, אין איין פּלאַפּלען, אין איין קנאַקן מיט דער צונג:

— ווייסט, טייערער בי... ווייסט, טייערער בי... כ'האָב היינט אויסגעפונען אין אַלע קליינטן אונזערע, אַז דער פאַסאָן „דושי" פון די נייע ווייסטלעך פאַרקויפט זיך אויסגעצייכנט... אויסגעצייכנט...

1923.

אַ יום טובֿ

1

„דו... שלעכטער!... וואַרט אויף מיר ביי דער מאַנעטן־סטאַציע פֿון דער אונטערערדישער באַן. איך וועל קומען אַרום האַלב נאָך ניין אינדערפֿרי. קאָן נישט פֿריער: ווייסט דאָך אַליין... איך האָף מיר וועלן נישט פֿאַרשפּעטיקן די שיף“.

ע. ג.“

דער בריוו איז געווען קורץ, ווי געוויינלעך, עס האָט אָבער נאָכגעפֿאָלגט אַ לאַנגער פּאָסטסקריפּט, שוין נישט ווי געוויינלעך.

„פּ.ס. אָ, ס׳אַראַ גליקלעכער איינפֿאַל... ווי איך בין דיר דאַנקבאַר! אין דער דאָזיקער מינוט ציטער איך אינגאַנצן פֿון פֿרייד... שוין דיך אַ ז ו י לאַנג נישט געזען... נו, שאַ, זיי נישט אין כּעס אויף מיר. איך ווייס, דו ביסט גערעכט. נאָר ווייסט דאָך, טייערער, ס׳איז נישט אינגאַנצן מיין שולד! איך וועל אָבער שוין אַלץ גוט מאַכן... ש־ש־שאַ... דו ווייסט, דו שלעכט ייִנגל, ס׳קאָן זיין, אַז איך וועל שלאָפֿן... נאָר דו וועסט אָבער דאַרפֿן זיין פּרזכ... דאָס אָבער באַלאַנגט שוין צו דער אומבאַקאַנטער, כאָטש אַפֿילו נאָענטער צוקונפֿט.

ע.“

לעאָ איז דאָס מאָל געשטאַנען ביים שפּיגל. ער האָט, ער געדענקט שוין נישט צום וויפֿילטן מאָל, ווידער איבערגעלייענט דעם אינהאַלט פֿונם בריוו, געפּרוּווט אויסגעפֿינען די מיינונג פֿונם נאָכבריוו, דער עיקרשט פֿון די ווערטער, וועלכע זענען נישט געווען אינגאַנצן אויסגעשריבן.

בשעת ער האָט געהאַלטן אינם פאַרזיכטיקן און כוונהדיקן אויסבינדן זיין היפשן זיידענעם צוויי־דאָלאַרדיקן קראַוואַט — ערשט נעכטן געקויפט פאַר דאָס לעצטע: וואָס טוט מען נישט צוליב אַ מיידל? — האָט ער אַלץ געטראַכט, אַז דאָס בעסטע פאַר אים וואָלט אַוודאי געווען, ווען ער טראַכט איצט גאָרנישט, נישט פון איר און נישט פון דער פאָרשטייענדיקער באַגעגעניש.

— זאָל ער זיך בעסער פאָרשטעלן, אַז נאָכדעם ווי ער האָט זי אָפּגעוואַרט ביז אַ האַלבע שטונדע נאָך דער באַשטימטער צייט, איז זי טאַקע נישט געקומען...

דאָס וואָלט דאָך אים פיל פאַרלייכטערט און מילדער געמאַכט די פאַרביטערטקייט פון דער אמתער אַנטוישונג, וואָס וועט מסתמא אויך דאָס מאָל, ווי אַ סך מאָל פריער, קומען... ,

— מיט עלסין קאָן מען דאָך קיינמאָל זיכער נישט יי!

וויפיל מאָל האָט זי שוין, נאָך אַלע זיינע טיכטיקע זכות און פּרעכטיק־אויסגעאַרבעטע פּלענער, אים ערשט אָפּגענאַרט? נו, נישט אָפּגענאַרט — פאַרוואָס זיין אומגערעכט צו איר? אַנטוישט, גלאַט נישט געקומען און צונישט געמאַכט אַלע זיינע פיל־באַדייטנדע דער־וואַרטונגען, אַלע זיינע פלייש־און בלוט־פאָרשטעלונגען וועגן די איידעלע, פאַרדינערטע און ראַפינירטע פאַרגעניגנס, וואָס אין עלסיס געזעלשאַפט קאָן מען דאָך זיי האָבן אַזוי פיל...

— ווער אָבער ווייס זי... ווער קאָן זיין מיט עלסין זיכער...

האָט לעאָ ביי זיך די לעצטע עטלעכע טעג אָפּגעמאַכט צו בייטן, אויב נישט זיין באַציונג צו איר — דאָס וואָלט אוודאי געווען אומעגלעך — איז אַלנפאַלס זיין „טאַקטיק" בנוגע איר — צו זיין, בקיצור, וואָס קילער און געלאַסענער. קומט זי — איז דאָך אוודאי גוט. אלא נישט — מאַכט אויך נישט אויס.

פאַרוואָס זיך באַגרענעצן, פאַרוואָס אָנפילן די פוסטקייט פון זיינע טעג בלויז מיט איינער, און ווען אַפילו „זי" איז — עלסי?

יאָ, אַ צייט — און אַן ענערגיע־פאַרשווענדונג איז עס דאָך! ער נעמט נישט אַרויס פון זיין פעלד אַפילו איין מאָס פון דעם, וואָס ער פאַרזייט. און דאָס אויך — נישט אַלעמאָל מיט געזאַנג...

דער ענין פון דער קראַוואַט-אויסבינדונג איז דערווייל געקומען צו ענד. די גאָלד־שטראַלן פון דער פרימאָרגן-זון האָבן זיך געבראָכן און רעפלעקטירט אין די פאַלדן און קנייטשן פונם קראַוואַט. אַריינגעדרונגען אין די טונקעלע קילע ווינקעלעך פונם שטאָף. אַ טייך פון פילפאַרביקייט, פון צופלאָסענעם זייד, גרין, בלוי און ראָז־ווייסלעכע שטרייפן, האָט זיך געפאַליעט אויף זיין ברוסט. לעאָ האָט געקוקט אויף דעם און זיך געקוויקט אין משך פון עטלעכע מינוטן. אַ ליכטיקייט און אַ קלאָרע רויקייט איז אים, נישט באַקאַנט פון וואַנען, געפלאָסן אין באַוווסטזיין אַריין.

— און ווען אפילו זי קומט נישט—נו, איז וואָס... אָט, למשל, דאָס—די איצטיקע פרייד—און פיל אַנדערע קוועלן פון פאַרגעניגן און פרייד זענען נאָך דאָ גענוג.

אין דער פרישער פרימאָרגן-לופט האָבן זיינע געדאַנקען איצט זיך געצויגן אין דער ריכטונג צו אַ ליכטיקן פעלד. ער איז געניגט געווען איצט צו אַ מין לייכטן פילאָזאָפירן, — צו אַ פילאָזאָפירן, פון וועלכן ער וואָלט אַן אַנדערש מאָל געשפאַסט און געשפאָט.

—דאָס אומגליק מיט אים, מיט לעאָן איז זיין באַגרעניצקייט, זיין געטרייע, קנעכט-אַרטיקע איבערגעבנקייט צו איין קוואַל... די אַבסאָלוטע אָפהענגיקייט זיינע פון בלויז איין פאַרגנוגנס-אָביעקט. און גייט פאַר אים אָט אָ דער אָביעקט פאַרלוירן — גייט פאַר אים די גאַנצע וועלט אונטער. ס'איז זיין אייגענע שולד: לעאָס, און ניט קיינעמס.

ער האָט פאָרזיכטיק אַראָפגענומען אַ סכנותדיק שטויבעלע פון לאַץ.

אַז ער האָט שפעטער אַ וויילע אַרויסגעטויבט פון דער שטילער ריינער גאַס, ווו זיין וווינונג האָט זיך געפונען, און זיך מיט מאָרגדיקן אימפעט און שטייפקייט אַריינגעוואָרפן אין דער קאָכעדיקער 125־טער סטריט,—האָט אויף אים גלייך אַ פלייץ געטון אַ כוואַליע פון אויפגעברויזטער טעטיקייט, פון אָנגעשטרענגטער פאַרנומענקייט.

דער טומל און געפילדער, וועלכער האָט צוערשט אויסגעזוען, ווי איין שטיק, ווי איין גרויסע, ליאַרעמדיקע אומגעלומפערטקייט,

וואָס האָט זיך גערודערט און געדרייט אין אַלע זייטן, און געמעקעט, און זינלאָז געברומט—דעם דאָזיקן טומל איז נאָך אַ קורצער ווײַלע פֿון צופּאַסן זיך געוואָרן מעגלעך צו אַנאַליזירן, פֿונאַנדערצונעמען אין זײַנע צוזאַמענשטעלנדיקע טיילן.

מיט פֿרישקייט פֿון אַ זיך ערשט אויפֿגעכאַפּטן געדאַנק — נאָך ריין, פּוסט און ניט־פֿאַרנומען — האָט לעאָ אויפֿגענומען אין זיך די פֿרישע אײַנדרוקן און פֿאַרשידענקייטן פֿון דער גאַס.

די גלעקלענדיקע געלע טראַמווייען; דער געשריי פֿון די שטייענדיקע צײַטונגס־ייִנגלעך; דאָס בלאָזן פֿון די אויטאָמאָביל־הערנער; אַ נעגער מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבל, וועלכער קלעטערט אויף אַ שמאָל, דין לייטערל און וואַשט דאָס ברייטע גלאָז פֿון אַ שוי־פֿענעטער; אַ בלינדער, וועלכער זיצט אויף דער ערד מיט אַ פֿאַרטראַכטער און פֿאַרחלומטער מינע, ווי ניט קיין היגער, אַ קליין צעקאַלופּעט שיסעלע פֿאַר זײַנע פֿיס; אַ קאָמפּאַניע געמבלער מיט רויטע קאַרקעס, פֿעטע פּנימער, מיט „דזירביס" ווײַלייִנגעריש אַרויפֿגערוקט אויף די שטײַף־אַרומגעשווירענע פּאָטילניצעס, אָדער גנביש פֿאַרדעכטיק אַרונטערגערוקט טיף איבער די אויגן; אויסגעפּוצטע אָפֿיס־מיידלעך מיט בלאָנדע האָר, געלע, פֿאַרוואַקסענע ציין אויף אַ הינטער־גרונט פֿון ראָז־געפּודערטע פּנימער; אַ פֿעטער, ברייט־פּלייציקער פּאָליסמאַן, וועלכער האָט דיריגירט דעם אַרומיקן געדיכטן גאַסן־פֿאַרקער מיט אַ מינע פֿון אַ קעניג און מיט אַ ווײַס־באַהענטשיקעטער האַנט באַפֿעלעריש אויסגעשטרעקט אין דער לופֿטן,—דאָס אַלץ האָט זיך כמעט אײַנצײַטיק געוואָרפֿן אין די אויגן און פֿאַרנומען דעם בליק. מיט דער קילקייט און גענויִקייט פֿון אַ גוט־געשטימטן מענטשן, האָט לעאָ אַלץ אין זיך אײַנגעזאַפּט, און אויף אַלעם נײַגעריק געקוקט.

עס איז נאָך געווען פֿרי. ערשט ניין אַ זייגער. נאָך פֿולע דרײַסיג מינוט. גרויסע זון־פֿלעקן, פֿאַרלוירענע גאָלד־שטיקער, האָבן גערוט אויף די טויערן און אויף די טראָטואַרן. אַ מילדקייט און אַ וואַרעמקייט פֿון אַ סוף־זומער פֿרימאָרגן האָט זיך געוועבט אין דער לופֿט.

לעאָ איז פּאַמעלעך געגאַנגען, אויף אַלץ געקוקט און פֿון גאָרניט געטראַכט. אין קאָפּ בײַ אים איז געווען אַן אָנגענעמע לײַכטקייט

און ליכטיקייט. אז ער איז שפּעטער צוגעקומען צו דער סטאַציע פון דער אונטערערדישער באַן און זיך אַנידערגעשטעלט ביים אַריינגאַנג וואַרטן, האָט אויף זיין פּנים נאָך אַלץ גערוט דער אויסדרוק פון דערוויטערטקייט, פון אַ ניט־אַנגעהעריקייט צו דעם אַרומיקן, — אַן אויסדרוק, וואָס ליגט אויפן פּנים פון איינעם, וועלכער באַטראַכט דאָס אַרומיקע ווי עפּעס אַ מאָדנע, אומרעאַלע ערשיינונג, וואָס אים פרעמדזענלעך רירט זי ניט אָן זייער שטאַרק. ער האָט אפילו ניט געטראַכט איצט פון דעם, אַז ער וואַרט גאָר אויף עמעצן.

אַ לייכטער צי פון אויער פון עמעצינס אַן איידעלער און וואַרעמער האַנט האָט לעאָן מיטאַמאָל באַוועגט אומצודרייען זיין קאָפּ.

ער האָט דערזען פאַר זיך עלסין מיט קאָקעטיש־צונויפגעשנורעוועטע ליפּן, אַ זיך־רויטלענדיקן פרישן געזיכט און שעלמיש־שמייכלענדיקע אויגן.

אין אַזעלכע באַגעגעניש־מאָמענטן פלעגט זי געוויינלעך ביי לעאָן אויפן פּנים באַמערקן אַ לייכטע באַוועגונג פון די מויל־ווינקלען און אָנגעצויגענער שטייפער בליקן־וועג פון זיינע גרויליך־ווייכע אויגן צו אירע ליפּן צו, וואָס דאָס פלעגט באַדייטן — אָ, זי פלעגט שוין וויסן, וואָס דאָס פלעגט באַדייטן... קיין סימן פון דעם איז אָבער ניט געווען צו באַמערקן איצטער. בלויז אַ קיל־לויכטענדער שמייכל און אַן איינגעהאַלטן־פריינדלעכער בליק.

— נו, ער איז ברוגז! אַן אָנשטעל בלויז, איך וועל אים שוין איבערבעטן...

זי האָט אויף אים קאָקעטיש־פאַרווונדערט אַ קוק געטון און אַ שמייכלדיקן גלאַנץ געטון אין די אויגן אַריין:

— העלאָ, יונגערמאַן...

ער האָט זי אָן אַ וואָרט אָנגענומען ביים אָרעם און זיי האָבן זיך געלאָזט אַרונטער גאַס צום האַפן צו.

2

זיי האָבן זיך פאַמעלעך דורכגעשטופּט דורך די פילאַרטיקע דערשיינונגען און בילדער, וואָס אויפן ברייטן, געפלאַסטערטן שטויביקן פּלאַץ פאַרן האַפן. ווי צוויי נישט היגע באַשעפענישן האָבן זיי

זיך, מיט אַן אָפּוועזנדער מיִגע אויפֿן פּנים, געשלײַכט דורך דער באַזונדערער לופֿט-קאָלירונג אַן אָנגעפּילטע מיטן געדראַנג און געטומל פֿון פֿאַרן שיף-אָפּגיין.

ליכט-פֿלעקן פֿון דעם זיך-ערשט-פֿונאַנדערגייענדיק און זיך מיט וועהען פֿונאַנדערוויקלענדיקן גאָלד-באַל: זיי זענען געפֿאַלן ניט-איבער-קלויבעריש אויף די געלע באַנאַנאַס פֿונם איטאַליענישן פּושקאַרט. אויף די דורכזיכטיק-שפּיגלענדיקע אײַנגעמאַכטס-פֿלעשער פֿון דעם סעלצער-וואַסער, אויפֿן פּעס-זאַפֿטיקן גראָז פֿונם בערגל און אויפֿן קאַלאַמוטנעם וואַסער באַם ברעג.

זיך-שטויסנדיקער און שטופּנדיקער עולם מיט זומערדיקע-מאַנט-לען איבערגעוואָרפֿן אויף אָרעמס, מיט שפּייז-קוישלעך אין די הענט. מיט אַן אומגעדולדיק שטרעבן פֿאָרויס, תּמיד פֿאָרויס אויף די פּנימער;

די ערנסטע, געשעפֿטסמעסיקע שיף-אָנגעשטעלטע אויפֿן איבער-געוואָרפֿענעם ברוקל.

לעאָ און עלסי זענען טריטווײַז אַלץ פֿאַרבײַגעגאַנגען, האַלטנ-דיק זיך בײַנאַנד בײַ די הענט, ווי באַוועגט פֿון איין פֿאָרויס-דרינגנ-דער אידעע, ווי שטרעבנדיק צו איין געוויסן און זיכערן פּונקט. און דעם דאָזיקן פּונקט האָבן זיי, קענטיק, דערגרייכט, ווען זיי איז ענדלעך געלונגען אָנצוקומען אויף דער מיטלסטער דעק, און זיך צווֹעקשטעלן מיטן פּנים צו דער שטאָט, וואָס האָט זיך געשפּרייט פֿאַר זיי.

די שיף האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן, רודערן, זיך ביסלעכווײַז דערווײַטערן פֿונם ברעג. די לעצטע שטריק זענען אַרײַנגעצויגן גע-וואָרן. די טראָפּנס וואַסער, אַראָפּקאַפּענדיק פֿון די שטריק, האָבן זיך געפּערלט אין דער זון.

די אײנציקע מענטשן וואָס זענען איבערגעבליבן אויפֿן פּיער, האָבן אויסגעזען ווי פֿאַרשטויסענע, פֿאַרשפּעטיקטע אָדער איבער עפּעס אַ פֿאַרשולדיקונג זייערער איבערגעלאָזענע אויפֿן ברעג. זיי האָבן מיט פֿאַר-בענקטע און קנאהדיקע אויגן געקוקט אויף דער לאַנגזאַם-און אָפּשיידנ-דיק-אַוועקשווימענדיקער-שיף, אויף די יום-טובֿדיקע געקליידטע פּאַסאַ-זשירן, וועלכע האָבן זיך געשטויסן איצט אויף אַלע דעקן. די לעצטע האָבן געווייעט מיט די טיכלעך, געפֿאָכעט מיט די הענט, ווי פֿאָלגנדיק אַ

באַהאַלטענעם און אומגעהערטן באַפעל, האָבן אַלע פּאַסאַזשירן אָנגע־שטעלט זייערע בליקן אויף דער צוריקשווימענדיקער שטאָט, זייערע אויגן האָבן אויסגעדריקט דערוואַרטונג און אַ פריידיק פאָרגעפיל פון די גרויסע חלקים תענוג, וואָס זענען אָנגעגרייט פאַר זיי ערגעץ אויפן וואַסערדיקן שליאַך, וואָס האָט זיך געצויגן דורך די בערג אינם לאַנגן, בלוי־לופטיקן סוף־זומער טאָג.

די שיף איז שוין געגאַנגען איצט איר וועג:

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט, פונאַנדערגעזעצט און זיך שנעל איינער צום אַנדערן און דער נייער אומגעבונג צוגע־פּאַסט. זיי האָבן פאַרגעסן אָן דער יבשה, ווי זיי וואָלטן דאָ אויפן וואַסער אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן און שוין פון אַלע מאָל אַ ים־לעבן געפירט.

נאָך זענען לעאָ און עלסי געשטאַנען ביים ראַנד שיף און גע־קוקט אויף די וועלדערדיקע פּאַליסאַדן. זיי האָבן נאָך כמעט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט איינער צום אַנדערן: עס איז פאַר זיי גע־ווען שווער אינם פלאָנטער פון זייערע געפילן צו געפינען דעם אויסגאַנג־וואָרט.

לעאָ האָט אָבער ממש געקוואָלן פון דער מאָדנעקייט און אָנ־געשטרענגטער דערווייטערטקייט פון אַט אַזעלכע אָנפאַנגס־מינוטן. אָט אַ די עלסי, די קליינוווקסיקע עלסי מיט די ברענענדיקע אויגן, וועל־כע א״ז דאָך צו אים אַזוי נאָענט, אַזוי אייגן, — זי שטייט איצט האַרט לעבן אים ווי אַ וויניק־באַקאַנטע, ווי אַן ערשט־פאָרגעשטעלטע פּערזאָן... זיי וואַרפן זיך שפּאָרזאַם איבער מיט אַ וואָרט, מיט פראַזן וואָס קלעפּן זיך נישט זייער שטאַרק איינע צו דער אַנדערער — אויטאָמאַטיש אַרויסגעזאָגטע פראַזן, ווי פון בלויזער איידלקייט וועגן. און קיין וואָרט נישט פון דעם, וואָס ליגט דאָך איצט זיכער ביי זיי ביידן אין האַרצן, קיין קלאַנג נישט פון דעם אמתן, אין וועלכן זיי זענען איצטער ביידע פאַרשלונגען. ער — זיכער. זי — קאָן דען זיין, אַז נישט?

אָ, ער האָט געוווּסט... געווען איז עס איינער פון אירע טריקס, פון אירע כיטרע ווייבערשע „ספינקס־אייגנשאַפטן", וואָס פלעגן זי אָפטמאָל מאַכן אַזוי רעטזעלהאַפט, אַזוי פּלוצלינג דערווייטערט, ווי

זיי וואָלטן זיך גאָרנישט אָנגעקערט איינס מיטן אַנדערן... אָבער דער גלייכציייטיקער באַוווסטזיניקער געדאַנק, אַז זי איז דאָך פאָרט נישט די איצטיקע, די פרעמדע, נאָר די יעניקע, זיינע, די שטאַרק נאָענטע און אינטימע, וועלכע ער קען און ווייס שוין פון לאַנג, — אָט דער געדאַנק זיינער פלעגט איר צוגעבן נאָך מער חן, נאָך מער רייצבאַרקייט, אַ מאָדנע קרענקלעך־צוציִענדיקע קראַפט, וועלכע פלעגט אים גוואַלדיק אויפרייצן.

און געוויינלעך, פלעגט זי אויספירן. ער פלעגט דאָס שפּיל נישט אויסהאַלטן. ער פלעגט צופאַלן צו איר מיט אַזאַ שטורעמדיקער ליידנשאַפט, מיט אַזאַ קינדערשן שרעק און כּעס, אַז זי פלעגט זיך מוזן אונטערגעבן, אים אָנהויבן איבערבעטן, אַרונטערוואַרפן די שאָלעכץ פון זיך און אים אַנטפלעקן איר ריכטיק געשטאַלט.

יאָ, אַזוי פלעגט עס נישט זעלטן פּאַסירן. נאָר איצט, קוקנדיק אויפן פּראָפיל פון איר דינעם, בלייכן פּנים, מיט די צוויי קנייטשלעך ביי די מויל־ווינקלען; צוזעענדיק ווי פאַרבענקט און אינטענסיוו זי זינקט אירע בליקן אין די פאַמעלעך־זיך־באַוועגנדיקע לאַנדשאַפטן — איז לעאָן איינגעפאַלן, אַז אַצינד קאָן עס גריילעך זיין ערנסט מיט איר... די שוואַכע פאַראומערטקייט וועלכע איז צוערשט אויף איר פּנים געווען אויסגעגאָסן און האָט קוים באַמערקבאַר, אינם לויף פון דער רייזע און זיין נאָענטקייט צו איר, אָנגעהויבן זיך בייטן אויף אַ דין־דורכזיכטיקער פאַליע פון דערלייכטערונג און באַרויקונג — די דאָזיקע ביידע וואָלקן־שאַטירונגען, האָט לעאָ געטראַכט, זענען נישט אַנדערש, ווי די אין אָנהויב פון דער נסיעה נאָך איבערגעבליבענע פאַרטונקלענדיקע אַטמאָספערע, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דער היים — אַ פאַראומערטקייט, וועלכע איז נאָך פאַרשטאַרקטער און בולטער געוואָרן דורכן קאָנטראַסט מיטן אַרומיקן פּראַכט פון די האָדסאָן-ברעגן, מיט דער הייטערקייט און פריידיקער פרייהייט, וועלכע האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון די הויכע פעלזיקע און טונקל־קימערדיקע פּאַליסאַדן — ווענט פון איין זייט האָדסאָן און דעם גרינעם העלבאַלויכטענעם גראָז־צודעק און די איבער זיי צעשאָטענע ווייסע לאַנדס-הייזלעך, אויפן צווייטן ברעג פונם טייך. נאָר די לעצטע

שטימונג האָט ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט און פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם ערשטן שטימונגס־געפיל.

אַזוי האָט לעאָ געטראַכט בשעת די ברייטע ווייסע שיף האָט זיך געגליטשט איבער די גרינע וואַסערן פונם האַדסאָן, זיך באַפרייט פון צווישן די טונקעלע, קילע פּאַליסאַדן — ווענט צווישן וועלכע זי איז צוערשט געווען ווי איינגעשלאָסן אין אַ טאָל.

א ים פון ליכט, זון, שימערירענדיקן וואַסער און זיך ווייט־שפּרייטנדיקער, בלויער פרייד האָט אַלץ און אַלעמען אָנגעהויבן צו פאַרפּלייצן.

עס איז שוין געווען אַרום דער עלפטער שעה. אַ סוף־אויסגוס־וואַרעמקייט, זיך ווייך־פּאַלנדיק, האָט זיך איבער אַלץ געשפּרייט.

לעאָ האָט זיך וואַרעם געצויגן צו עלסין. און זי האָט אויך ליבלעך און דאַנקבאַר צו אים זיך געצויגט און אין אים זיך געטוליעט.

מסתמא איז איר שוין גאָרנישט אַזוי שטאַרק אָנגענעם געווען צו טראַכטן און דערמאָנען זיך אָן איר פאַמיליע־לעבן אין דער גרויסער שטאָט — האָט לעאָ געטראַכט — איז פאַרוואָס זאָל ער זי אָן דעם דערמאָנען?

און ביי לעאָן איז געבליבן צו העלפן איר צו איבעררייסן די רינגען פון דער שווערער קייט, וועלכע בינדט זיי — זי אַלנפאַלס — צונויף מיט דער איבערגעבליבענער גרויסער שטאָט. נאָך וואָס זיין אַזוי צודרינגלעך, אַזוי פּייניקנדיק „קאָנסעקווענט", אַזוי פאַרדאַמט־פּיל־פאָדערנדיק, נאָך וואָס זיין אַזוי געטריי־מאַטערנדיק?

— זאָל זיין, — ער האָט זיך מיט איר ערשט באַקאָנט... זי עלסי — אַ פרעמדע, נישט־לאַנג צוריק מיט אים באַקאַנט געוואָרענע פריילין...

אַ מאַט געזיכט, „אינטערעסאַנטע" מויל־שטריכן, לייכט־צאַפּלענדיקער שמייכל, האַלב פאַרשפּרעכנדיק, און האַלב־פאַרבאַהאַלטנדיק... און אַ טאָג שטייט זיי פאַר, אַ גאַנצער טאָג צוזאַמען... און ווען אפילו גאָרנישט „וועזענטליכס" קומט פנן דעם אַרויס — בלייבט דאָך אַלץ דעמאָלט איבער אַן ערינערונג: אַ וואַרעמע שורה פון שווער־

גאָלדיקע שטונדן, געדיכטע, צייטיקע שעהן, רייף מיט וואַרעמער און ווייניקער אויפגערייצטקייט.

3

ער האָט צוגעצויגן איר ווייכע האַנט, זי צארט געגלעט.

— איך זאָג... ע...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע כיטרע, כלומרשט־אומשולדיקע אויגן:

— יעס, זיי זאָגן?..

— איך זאָג, אַז...

— וואָס? נו־זשע...

— ...די געגנט אַרום, דאָס וואַסער, די ברעגן־ראַמען — ווי פּראַכטפול...

איר קלינגענדיק געלעכטער האָט זיך רייצנדיק צעשאָטן אין דער בלויער לופט.

— אוי, לעאָ, ס'אַראַ שאַנדע... וואָס, עפּעס קליגערס נישט געקאָנט אויסקלערן? נאָך אַזאַ לאַנג שווייגן?—אַ שמועס וועגן וועטער?

— פאַרוואָס קליוגערס? די נאַרישסטע זאַכן זענען די קליוגסטע.

— אָ, אַזוי... אַ פּאַראַדאָקס אָן אַ שפּיץ!

— אַרט מיך נישט. אָבער איך באַשטיי אויף מיינס. קוק נאָר אָן...

ער האָט מיט אַ באַוועגונג פונם קאָפּ אָפּגעצייכנט אַ האַלבן קרייז אין דער לופט, פון רעכטס צו לינקס. אַט דער דאָזיקער האַלבער קרייז האָט געזאָלט אַריינעמען דאָס גאַנצע שטיק ליכטיק זון־באַגאָסענע וועלט וואָס איז געלעגן פאַר זיי.

מיט אַ האַלב־פאַרזשמורעטן בליק, מיט אַ געפּייניקט־שמייכלענדיקן געזיכט האָט זיך עלסי געצויגן איצט צו אים. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן מיט איר אַרומשפּאַצירן איבערן דעק, צווישן די זיך וויל־טועגדיקע און לאַכנדיקע פּאַסאַזשירן, קונציק מאַנעווורירנדיק אין דעם לאַבירינט פון לעהן — און שאָקלשטולן, וואָס האָבן געדיכט באַקלעפּט דעם דעק. די פריינדלעכקייט, וועלכע וואָרצלט זיך נישט אַזוי אין דעם געפיל פון נאָענטקייט, ווי

אין דעם באַוווסטזיין פון אַן אַלגעמיינעם, אַלעמען באַשערטן, איין־און־דעמזעלביקן גורל, — די דאָזיקע פריינטלעכקייט וואָס בינדט גיך אַזוי צוזאַמען דעם פאַרשידנפאַרביקן עולם פון אַ שיף — האָט זיך שוין אויך דאָ געשפּירט. דאָס יונגע פּאָרל איז שטיפעריש אַרומגעשפּרונגען אויפן דעק צווישן די ענגע פאַרבאַראַקאַדירטע דורכגאַנגען, געשמייכלט צו אַלעמען און מיט דעם זעלבן אָפּגעענטפערט געוואָרן.

די שיף איז איצט פאַרבייגעשוווּמען דאָס שטעטעלע אירווינגטאָן. עלסי האָט אָנגעשטרענגט אירע בליקן אויפן הויכן קאַם פונם באַרגיקן ברעג ווו עס האָט זיך געפונען דאָס הויז אין וועלכן וואַשינגטאָן אירווינג איז געבוירן געוואָרן. דאָס הויז האָט אַראָפּגעבליקט אַהער פונם שפּיץ־באַרג מיט רויקייט און דערווייטערטקייט, אָנגעלאָדן מיט די יראת הכבוד־בליקן פון די פילע דורכרייזנדע, היטנדיק אין זיינע ווענט די טויבלעכע אָפּקלאַנגען פון שוין־לאַנג פאַרפלאָסענע און פאַרשאָלטענע צייטן. און עלסיס נשמה האָט אַרומגעקרייזט דאָרטן ווייט, צווישן די ברייטע לאָנקעס און זוניקע טאָלן, וואָס האָבן זיך געצויגן פאַזע דעם האָדסאָן־ברעג.

אין די אויערן האָבן ליב געקלונגען קורצע באַמערקונגען, וואָס לעאָ האָט פּלאַהר־ידיק געלאָזט פאַלן וועגן דער ווײמוטיקער שיינקייט פון אירווינגס ווערק, וועגן דעם פּאַטריאַרכאַלישן לעבנס־אָרט, וואָס איז אין זיי אָפּגעשפּיגלט, און וואָס איז אַזוי ווייט און פרעמד, און דעריבער פאַרשטענדלעך און צוציענדיק פאַר אַ מאָדערנעם מענטשן...

— „מאָדערנעם"?

— נו, יאָ, אייראָפּעיש־מאָדערנעם...

— דעם קולטור־צעפּיעשטשעטן, צעפּוילט־דעגענערירטן אייראָפּייער? פוי...

— „נו, זאָל זיין אַזוי!"

עלסי האָט זיך דערפילט קריגעריש: דער יונגער ענטוזיאַזם פאַרן נייעם לאַנד האָט אין איר אָנגעהויבן צו אירן. און איבער נאָך עפּעס האָט עלסי זיך געפילט איצט גענויגט צו קריגן מיט אים, צו ווידערשפּרעכן אים: אָ, זיין שטענדיק נישט־דעררעדן, זיין שטענדיק

נישט וועלן צו פאַרענדיקן קיינע ערנסטע געשפּרעכן; זי פלעגט איינ־זען אין דעם אַ מין מבטל־זיין איר ווערט... אָ, זיין שטענדיק נאָכ־געבן איר ווי אַ קינד, מיט וועמען עס לוינט זיך נישט צו קריגן... אָדער ער האָט זייער אַן איבערגעטריבענע מיינונג פון זיך, אָדער — ער איז נישט פיל בעסער פון אַ סך אַנדערע מאַנסבילן: „דאָס ווייב־לעכע אין מיר אינטערעסירט אים בלויז"... אָ, זי האָט זיך געפילט איצט קריגעריש, אַנטאַגאָניסטיש צו אים. לעאַ האָט מיטאַמאָל באַ־מערקט אין איר געזיכט עפּעס אויפגערעגט־פיינדלעכס, ווי ווען זי וואָלט זיך מיט גוואַלט איצט איינגעהאַלטן פון אויסצופירן אַ ברענענ־דיקן פאַרלאַנג אים אויסצופאַטשן...

ער האָט זיך צעשמייכלט.

— נו, וואָס איז... אַז ער וויל פּאָרט נישט אָפּהאַלטן קיין ליטעראַרישע געשפּרעכן דאָ אויף דער שיף.

— פאַרוואָס נישט ?

— כ'וויל נישט!

— אָבער פאָרט?

— איך בין אייפערזיכטיק.

— אייפערזיכטיק!... וואָס מיינסטו?

— אייפערזיכטיק אויף דעם ליטעראַט אין מיר...

און די שיף האָט ווייטער געאַקערט דעם קילן וואַסערדיקן פעלד.

פון אונטן, פון דעם סאַלאָן, האָבן זיך דערטראָגן מוזיק־טענער. לעאָ און עלסי זענען באַלד אַהין אַרונטערגעגאַנגען.

דער סאַלאָן איז געווען אויסגעמעבלירט און צוגעקליבן דורכ־ויס מיט ברוינעם פּליוש. אַ שווערע געווירצטע טונקלקייט האָט גע־רוט ביי די ווענט און אין די ווינקלען. זיי זענען אַנידערגעזונקען אויף אַ פּליושענער סאָפאַ.

עס איז געווען אַזוי אַנגענעם און באַרויגנדיק צו זיצן אינם ווייכן האַלבטונקל, צו האַלטן זיין האַנט אין אירער. דורך אַ דיקער מחיצה האָט זיך געהערט, ווי דאָס וואַסער האָט זיך געפּליאָשקעט אַן

די רעדער. אַ ציטעריקער גאָלדן־זייל האָט זיך אַרייַנגעריסן דורך אַ קיילעכדיקן שיף־פענסטערל און געררט אויפן ברוינעם שטאָף.

— אַך, ווען נאָר ניט די מוזיק, וואָס האָט אַזוי געגרילצט אין אירע אויערן... צום טייוול! צוליב וואָס שפילן זיי אין מיטן דערינען דעם דאָזיקן שרייענדיקן טרומפייטן־מאַרש פון „אאידא״?

זי האָט געשמייכלט און באַדויערט זייער בידנעם גורל:

— אָרעמע שעפּסעלעך! קאָנען זיך נעבעך קיין איינזאַמען פּלאַץ ניט געפינען...

— פאַרוואָס? מיר קאָנען און מיר ווילן...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט איר קלוגן שמייכל.

— וויאַזוי?

— גאַנץ איינפאַך.

און מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט אויף דער ריי קאַבינען, וואָס האָט זיך געצויגן פאַזע וואַנט, האָט ער צוגעגעבן:

— מיר ווילן גיין, און גיין און גיין... ביז וואַנען מיר ווילן קומען... צו אונזער באַשערטן רו־פּלאַץ ווילן מיר אָנקומען... ווילן מיר אָנקלאַפּן אין טיר, אָט אַזוי, דריי מאָל: טיק, טיק, טיק — וועט זי זיך עפענען.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ דורכדרינגלעך־גנבהישן שמייכל. אַ ווײַלע האָט זי געקוקט אויף אים אַזוי שווייגנדיק, הייסט עס, אַז ער האָט זיך נאָך פון פריער אָן, מיט אַ פּאָר טעג פאַרן שיף אָפּגיין, באַזאָרגט מיט אַ באַזונדער קאַבינע. אַ געמישט, קאָמפּליצירט געפיל: פון פאַרדראָס, הלמאַי דאָס ליגט אים אַלעמאָל אין זין; פון קוריאָזי־טעט; פון נײַגיריקייט און באַהאַלטענער בעלנות צו זען אויף טשיקאַ־ווע, וויאַזוי זי, — זי אַליין, עלסי! — וועט זיך אויפפירן אין „אַזעלכע״ פאַלן; און איבער אַלעם אַ שאַרף פאַרלאַנג פאַר אָפּגעזונדערטקייט, פאַר רו און אַליין זיין מיט אים — האָט אָנגעפילט איצט איר געמיט. און דער לעצטער עלעמענט פון דעם דאָזיקן קאָמפּליצירטן געפיל איז ענדלעך געוואָרן מער געוויכטיק, ווען לעאָ האָט זי ווארם אָנגענומען ביים אָרעם.

— נו, גייען מיר!

4

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ווייכער סאָפע, ביי אַ רונדן טישל.

אין קאַיוטע איז געווען שטיל. די מוזיק קלאַנגען האָבן זיך קוים דערטראָגן, ווי פון אַ ווייטער מיט פאָרהאנגען פאַרצויגענער וועלט. דורכן אָפענעם פענסטער האָט אַריינגעווינטלט אַ לופטיקע קילקייט.

לעאָ האָט אויף איר וואַרעם געקוקט און אָנגעהויבן שמייכלען; ער האָט דערביי קיין זייטיקע כּוונה נישט געהאַט. נאָר זי איז געווען אַזוי וואַרעם, אַזוי יונג — צייטיק, אַזוי צוציענדיק מיט איר טונקל־הויטיקייט, אַז דאָס איינציקע און דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקאָנט צום ערשטן טון ווען ער פלעגט זיך געפינען מיט איר אין אַזעלכע אָפּגעזונדערטע אומשטענדן איז געווען, צו אָנהויבן שמייכלען — שמייכלען פון אינעווייניקסטער צופרידנקייט און פרייד, וואָס האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזן זיינס.

עלסי האָט אינסטינקטיוו אָנגעהויבן צו פאַרריכטן אירע האָר, וועלכע זענען, איבעריקנס געווען אין בעסטער אָרדענונג. זי האָט אויך אָנגעהויבן צו שמייכלען, האָט זיך אָנגעבויגן צו אים, אים אַ שנעל געטון אין נאָז אַריין, און אָפּגעריסן, סתּם אין דער וועלט אַריין, אַ לאַך געטון. עס האָט אומגערן דערמאָנט לעאָן דאָס הירזשען פון אַ יונגן, ערשט פון שטאַל באַפרייטן לאָשיקל. מיט אַ שטיפערישער מינע האָט זי אים אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— נו, איצט... איצט...

— וואָס איצט!

— דערצייל מיר....

— דערציילן דיר — וואָס?

— אַלץ.

— אַלץ?

— אַלץ.

— איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר... 189, אין...

— אָ, ס׳אַראַ חכם!.. — מיט אַ קאָקעטיש־פאַרכמורעטן פּנים

האָט זי זיך אָנגעבויגן צו אים און מיט איר וואַרעם הענטל אים פֿאַרמאַכט די ליפּן.

אַן עלעקטרישער שטראָם איז אים פּלוצלינג דורכגעלאָפֿן אי־בערן לייב. ער האָט אַ וואָרף געטון זיין קאָפּ אין אַ פּאָרויסיקער ריכטונג און געוואָלט מיטן מויל אַ כאַפּ טון די האַנט. נאָר עלסי האָט זי שנעל צוריקגעצויגן. איר פּנים האָט אָנגעהויבן צונטערן.

— אַך, דו... שלעכטער!

— וואָס איז דען?

— נישט דאָס מיין איך.

— „אַלץ"?

— נו, ווי אַזוי האָסטו פֿאַרבראַכט די לעצטע צייט? איך האָב דיך דאָך שוין עטלעכע וואָכן נישט געזען. געדענקסט? זינט... זינט...

— יאָ... זינט, זינט... נו יאָ, זינט דעם לעצטן מאָל!

זי האָט זיך שטיפעריש פונאַנדערגעלאַכט.

— נו, וואָס־זשע טוסטו די גאַנצע צייט?

— ווי געוויינלעך. איך עס, טרינק, שלאָף, גיי אין אָפיס אַריין.

— נו, און וועגן מיר טראַכסטו דאָך אוודאי נישט, — אַזוי איז טאַקע גוט.

— יאָ, און וועגן דיר טראַכט איך דאָך נישט, ווייל דאָס איז דאָך גוט אַזוי.

זי האָט דערפילט דעם סאַרקאַזם פון זיינע ווערטער, האָט זיך נענטער צוגערוקט צו אים.

— אין אָוונט, אַז דו ווערסט פֿאַרטיק מיט דיין טאָג אַרבעט.

— יאָ.

— דו האָסט דאָך נישט יעדן אָוונט אַ ראַנדעווו מיט אַ מיידל...

— נו, אוודאי ניין! נישט יעדן אָוונט

— אין די פרייע אָוונטן דאַן, אַז דו קומסט אַהיים — וואָס טוסטו — לייענסטו?

— ניין.

— אָ, דו שרייבסט עפּעס אוודאי! וואָס?

— ניין. איך שרייב נישט.

— פֿאַרוואָס נישט?

— ווייל איך מאַך איצט פֿאָרבעריייטונגען פֿאַר מיינע צוקונפֿטיקע שרייבעכצן.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, איך קלויב מאַטעריאַל. נייעם שיינעם מאַטעריאַל...

— ווי אַזוי?

— איך טראַכט פֿון דיר...

— אָ!

— ...די וואַרשיינלעכע טעמע פֿון מיינער אַ צוקונפֿטיקער נאָוועלע...

— דאָס איז אַלץ, הייסט עס, וואָס איך בין פֿאַר דיר?

— נו, וואָס־זשע דען קאָן איך... וואָס זשע אַנדערש וועט פֿון דעם אַלעם אַרויסקומען...

עלסי האָט געשוויגן. זי האָט זיך פֿאַרטראַכט, געגלעט דעם ברוין־געלעכן פֿליוש. מיטאַמאָל האָט זי זיך שטיפֿעריש פֿונאַנדערגעלאַכט.

— נו, און פֿאַרוואָס פֿרעגסטו עפּעס מיך נישט? ווי אַזוי פֿאַרברענג איך די צייט?

און נישט וואַרטנדיק אויף זיין ענטפֿער:

— דו ווייסט, איך האָב ביי קלאַראַן ערגעץ אין אַ ווינקל, אין אַ פֿאַרשפּינוועבטן שראַנק, געפֿונען אַ גאַנצע קופּע רוסישע ביכער. קלאַראַ, דו ווייסט דאָך, קאָן קיין רוסיש וואָרט נישט. ווי אַזוי קומען די ביכער אַהינצו — דאָס איז אַ שאָטנדיקע מיסטעריע... בואו־או... בואו־או... שרעק זיך איבער... קלאַראַ ווייס נישט פֿון וואָס צו זאָגן. נעבעכקע אומשולדיק. וואַרטן שוין דאָרטן, אפֿנים, אויף מיר לאַנג, לאַנג, לאַנג... איך כאַפּ מיך צו צו דעם — ערשט עס זענען פֿאַר צען יאָריקע אויסגאַבן פֿון דער מאָנאַטלעכער ביילאַגע צו דער „ניוואַ". וואָס קנייטשסטו די נאָז? נאַרעלע, אַז איך נעם דאָס אין האַנט אַריין שלאָגט אויף מיר אָפּ מיט אַ שטראָם פֿון אַ שוין לאַנג נישט געפֿילטער וואַרעמקייט... פֿון היימישער זוניקייט... און איצטער, אין די לאַנגע זומערדיקע נאָכמיטאָגס, אַליין אין אַלע חדרים באָד איך

זיך אין דער זוניקער שטילקייט פון דעם פּאַרלאַר, איך קנויל מיך צונויף אין אַ ווינקל זאָפאַ אָט־אַזוי־אָ, און לייען, און לייען, און לייען.

— אַ לאַנגע, לאַנגע, לאַנגע דערציילונג...

— ... „עפּל״... לאַנג און נודנע, און גוט אַזוי...

עס האָט געהערשט אַ קליינע פּויזע.

— גוט, האָבן מיר שוין באַזאָרגט, דאַנקען גאָט, דעם טאָג... און אין אָוונט.

— און אין אָוונט... אין אָוונט קומט אַלעקס פון דער אַרבעט. יאָ, צו ערשט, ווייכטו דאָך, ווי געוויינלעך, אַהין, אַהער...

— אַהין־אַהער... אין אָוונט... ווי געוויינלעך...

— און דערנאָך זיצן מיר צוזאַמען און לייענען.

— איר ביידע...

— יאָ, מיר ביידע.

לעאָ האָט ניט געקוקט אויף איר. ער האָט גערעדט ווי אין זיך.

— אין אָוונט... די לאָמפּ ברענט... אין צימער איז וואַרעמע שטילקייט. דער ווירט איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט. ער רוט זיך אָפּ מיט דער ווירטין...

עלסי האָט געשוויגן. אַ פּאַרדרוס אויף לעאָן האָט אָנגעהויבן שטייגן פון דער טיפעניש, זיך אויפגעהויבן אין האַלז. זי האָט געפילט דעם באַהאַלטענעם מיין פון זיינע ווערטער. פאַרוואָס מאַכט ער דערפון אַ גאַנצע טראַגעדיע. זי האָט פאַרביסן די ליפּן, זיך געפילט געקרענקט.

— יאָ... מיר לייענען צוזאַמען... איז וואָס...

און, ניט געבעטענערהייט האָט זי אַרויסגעפּלאַצט מיט אײנפּאַר־מאַציעס:

— ווייסט, איך לערן אים רוסיש...

און האָט גלייך חרטה געהאַט. זי האָט געפילט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען זי האַקט איצט איינגאַנצן איבער דעם דאָזיקן אָנגעצויגענעם שמועס, נאָר עס איז שוין געווען פאַרפאַלן.

— אָ, ווי קלוג פון דיין זייט... רוסיש...

נאָר זי האָט שוין, קענטיק, סיווי ניט געהערט זיינע ענטפערס.

— און דערוויל בלעטערט ער איבער די בילדער און אילו־סטראַציעס אין דער „ניוואַ"...

— יאָ, עס איז זייער שיין... די בילדער און אילוסטראַציעס..

— זיי געפעלן אים. זייער... אַלעקס איז אַ גוטער. ווייסט, ער איז דאָך אַזאַ גוטער! ער פרעגט זיך תמיד נאָך אויף דיר...

— אָ... אַזוי.. ער פרעגט זיך תמיד נאָך אויף מיר... ווי וווּנ־דערלעך... ווי פיין... ווי נאָבעל פין זיין זייט.

— יאָ. „פאַרוואָס, פרעגט ער, קומט לעאָ קיינמאָל ניט אַרויף? וואָס האָב איך אים אַזוינס געטון? מסתם האָסטו, עלסי, אים באַליי־דיקט... אויב דיר וועט אויסקומען אים אַמאָל זען, עלסי, פרעג אים!" נו, פרעג איך טאַקע איצט: פאַרוואָס קומסטו קיינמאָל ניט אַרויף צו אונז?

— פאַרוואָס קום איך קיינמאָל ניט אַרויף צו אייך...

5

ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, פון ערגעץ ווו האָט זיך אַ שטילקייט אַריינגעשלייכט און ווי אַ שפּאַניש ווענטל זיך אַנידערגע־שטעלט צווישן זיי. עס וואָלט פאַר זיי ביידן שווער געווען צו זאָגן ווילאַנג די דאָזיקע אומבאַקוועמע און פאַרלעגנהייט אַריינברענ־גענדיקע שווייגעניש האָט געדויערט. עלסי האָט געטראַכט: „צוליב וואָס פרעג איך אים? שוין זשע ווייס איך אַליין נישט..." לעאָ האָט מיט עטוואָס־פאַרזשמורעטע אויגן אָנגעשטרענגט געקוקט אויף דעם בלוי־גרינעם טעפּיך. ער האָט געטראַכט וועגן די מאָדנע פאַרהעלט־נישן צווישן אים און עלסי וואָס דויערן שוין אָט אַ צוויי יאָר.

עס האָט זיך צו דעם גאָר קיין סוף נישט געזען. סיידן ער זאָל מיט דעם אינגאַנצן איבעררייסן. איר, אפנים, אַרט עס נישט זייער שטאַרק. זי האָט אַ מאַן, אַ היים. זי האָט אים ליב, אַלעקסן. זי מאַכט פון דעם קיין סוד נישט. זי איז מיט אים און פאַר אים, אינגאַנצן פאַר אים, פאַר אַלעקסן... ווערט איר דאָרט לאַנגווייליק... וויל זי עפּעס פרישס, נייס, אויפציטערנדיקס, וואָס זאָל איר עגאָ־יסטיש הערצל מאַכן צאַפּלען און אויפשוידערן... קומט זי דעמאָלט

צו אים, צו דעם „פּאָעט״, וואַרפט אים צו אַ ברעקל, אַ שטיקל ליבע צום אַנדענקען...

יאָ, ער, לעאָ, ווייס עס שוין פון לאַנג. אָבער דידאָזיקע לאַנ־קעס גליק ווערן דאָך פאַרטרונקען אין דער מדבר פון דער גרויער און ליידיקער צווישן־צייט...

די שיף איז געגאַנגען איר וועג. האָט געקרעכצט און געסאָ־פּעט. דאָס וואַסער האָט געפּלוסקעט אָן די שיף־ווענט. וואַסער־שפּריצן, ווי פּערל אין דער זון לויכטנדיקע, זענען פון צייט צו צייט געפאַלן אויפן קאַיוטע־פענסטערל. פון דער מאַשין־אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון זייער קאַיוטע, האָט זיך גע־טראָגן אַהער אַ רעגלמעסיק סוויסטשען און קלאַפּן פון דעם מאָטאָר, און עס האָט זיך שוין דאָ געדאַכט צו זען אין דער לופט דאָס ריטמישע וויגן זיך און שווינגען פון די בלאַנקענדיקע מעשענע שטאַנגען אין דער צעהיצטער לופט פון דער מאַשין־אָפּטיילונג.

אַ ליכט־זייל האָט מיטאַמאָל אַריינגעשלאָגן דורכן קליינעם קיי־לעכדיקן פענסטערל און באַלויכטן די אינזל פון פאַראומערטקייט און זיך־זעלבסט־פּייניקנדיקער גראַבלעניש, וואָס איז געווען אַרויסגע־וואַקסן אין דעם אַרומיקן ים פון זוניקייט און ליכטיקער פרייד, פון וועלכער דער דאָזיקער ליכט־זייל איז געווען בלויז אַ שמאָלער וואַסער־צונג. און די דאָזיקע קליינע, מיטן אַרומיקן נישט הארמאָ־נירנדיקע אינזל — די אינזל מיט בלויז אָט די צוויי, באָך זון און ליכט לעכצנדיקע, פלאַנצן אויף איר — זי איז שוין איצט געווען אין גרויס געפאַר.

די ליכט־פאַרפלייצונג האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער געהויבן און געשטאַרקט, און די ווייסע פון טרויער איז שוין אינגיכן נישט געווען: אויף איר פלאַץ האָט זיך באַלד פריידיק געצויגן אַ שטיק גרין דורכזיכטיק וואַסער, דורכגעשפּיזט דורך די זיך איבערברעכנ־דיקע זון־שטראַלן.

און לעאָ האָט זיך שוין איצט אין דער שטיל געזידלט, זיך פאַרגעוואָרפן „די דאָזיקע פאַרדאַמטע פרינציפּן־טרייע פעסטקייט זיינע, דעם דאָזיקן פאַרעלטערטן ליבע־מאָניזם, די דאָזיקע עכט־הע־ברעישע אומפעיקייט זיינע צו פרייען זיך מיט דעם פאַרביילויפנדיקן

מאָמענט.״ זיין כּעס אויף זיך אַליין איז וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער געוואַקסן. ער האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ.

— ווידער האָט ער זיך אָפּגעלאָזן, געוואָרן שוואַך... רבונו של עולם, נאָך וואָס דער דאָזיקער שטענדיקער טראַגיזם אין זיין טון, די דאָזיקע אומפאַרמיידלעכע און צו־געוויסנהאַפטיקע צונויפ־קייטלונג פון דעם, זיכערן „איצט״ מיטן האַלב־אָפּגעמעקטן „געווען״ און דעם גאַנץ צווייפלהאַפטן „וועט זיין״? ווארום, לאָמיר זען: וואָס געשעט דאָ אייגנטלעך? אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך: „דער אייביקער דריי־עק״... און פאַרוואָס איז עס זיין „עק״ דער שלימסטער?

אָ, לעאָ האָט זיך איצט קיינע פאָרוורפן נישט געשפּאָרט: וואָרום אים אַנטקעגן איז איצט געזעסן עלסי, די נידריק-וווקסיקע און טונקל־הויטיקע, מיט די רויט-ציטערנדיקע, זיך קוים באַוועגנדיקע ליפּן. קוקנדיק אויף זיי האָט ער געהאַט אַן אומווידערשטיילעך געפיל, צוצופאַלן צו זיי אָנהויבן בייסן, זויגן... זי האָט געהאַלטן איין אין באַכאַנאַנדיקן קוקן אויף אים מיט אירע פרעך־שמייכלענ־דיקע אויגן... און עס איז אים שווער געווען צו פאַרטייטשן דעם מיין פון איר שמייכל: האַלב-פאַרשטייענדיק אים, האַלב-צוזאָגנדיק...

זי איז געזעסן אַנטקעגן אים און אים דורכגענומען מיט איר בליק. לעאָ האָט זיך אונטער אים געשמאָלצן, געפילט נאָכגיביק.

— עס איז שוין איינס אַ זייגער... עס ווערט אומדערטרעגלעך הייס. אַ הייסער נאָכמיטאָג אויף אַ דאַמפּער. גאָט, דערבאַרעם זיך אויף אונז!... איך וועל באַשטעלן אַ פלאַש וויין!

און ער האָט שוין געהאַלטן ביים אָנקלינגען.

נאָר זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. ווי אַ קליינע, פאָרזיכטיקע, קלוגע חיה איז זי געווען אויף דער וואַך.

— מען דאַרף ניט... צוליב וואָס וויין?

און האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז קלאָר וואַסער פון דעם גראַפין, וואָס איז געשטאַנען אויפן טישל. לעאָס פּנים האָט זיך אָנגעכמורעט.

— אירע צערעמאָניעס... אַך, פאַרדאַמט!...

עלסי האָט עס באַמערקט. זי האָט אַרויפגעלייגט איר וואַרעמע האַנט אויף זיינער.

— נו, מיין ליבער, זיי „אַ גוד באָי״... מוזט דאָך ניט ווערן

אַזוי גיך אין כּעס. עס וועט שוין אַלץ גוט זיין.

און האָט מיט אַן אויסגעלאַסן-גנבהשן בליק אים עטלעכע מינוט אָנגעשטרענגט געקוקט אין די אויגן אַריין.

נאָר באַלד האָט זי שוין מיט אַ געוויינלעכער אָפּגעקילטער, כּמעט פריינדלעכער, שטים צוגעגעבן:

— איבעריגנס, עס איז דאָך שוין מיטאָג-צייט. לאָמיר אַרויפגיין אין עס-סאַלאָן. וועלן מיר שוין דאָרטן טרינקען וויין אויך. ניט אַזוי?

גערעכט איז זי געווען. עס איז שוין געווען ווייט נאָך איינס דער זייגער. דער פעטער נעגער, מיטן שוויס-איינגעטונקטן פנים און שניי-ווייסן אַנצוג, האָט שוין לאַנג פייערלעך דורכגעברומט זיין ערנסטן, סאַפּנדיקן און אסטמאַטישן:

— „פוירסט קאָל פאר דינער“!*)

עלסי האָט עטוואָס פאַריכט אירע האָר. זי האָט געהאַלטן אַ האָר-נאָדל צווישן אירע ווייסע שאַרפע ציין. און געמאַכט האָט זי איצט דעם איינדרוק פון אַ קאַץ, וועלכע האָט מורא, מען זאָל ביי איר דאָס וואַרעם-צאַפּלענדיקע פויגעלע פון מויל ניט אַרויסרייסן. עפּעס ווילדס חיהדיקס האָט ווי אַ ציטערדיקער הויך מיטאַמאָל אַ פלאַטער געטון אַרום די האַלב-צונויפגעמאַכטע ליפּן און גליווערנדיקע ציין. זי האָט אַ שטיק צייט געקוקט אַזוי אויף לעאָן מיט אַ, דאַכט זיך, איבן-אויפיקן, שיינבאַר-אומבאַשטימטן און אָפּוועזנדיקן בליק. נאָר פון די ווייטע פאַרטיפערונגען פון דעם דאָזיקן בליק האָט אויף לעאָן אַ שפּאַר געטון אַ בלוט-קילנדע, זיך-צאַפּלענדע פרעכהייט, אַ פיל-פאַרשפּרעכנדע נאַקעטקייט...

ער איז אַזוי געשטאַנען אַ שטיק צייט, אָנגעשפּאַרט אָן טישל, האָט אָבער מיט זיכערקייט נישט געוווּסט פון וואָס ער טראַכט איצט.

ווען דער צווייטער רוף פאַר מיטאָג האָט זיך דערהערט, האָט עלסי שוין געהאַט פאַרענדיקט איר טואַלעט. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום עס-זאַל.

---

*) ערשטער רוף פאַר מיטאָג.

6

די וואַרעמע גערויטלטקייט, וואָס האָט באַלויכט, על־סיס באַקן ביים אַרויסגיין פון זייער קאַבינע און וועלכע האָט געשיינט, אפשר דורך אַן אָפּטישער אילוזיע, אויף לעאָס זייט — איין גאָט ווייסט, ערשט מיט אַ פּאָר מינוט פריער זענען זיינע אויגן געווען מיט אַ נעפּלדיק הייטל פאַרצויגן—צו זיין ניט אַזוי אַן אייגנטימלעכער אט־ריבוט פון די באַקן גופא, נאָר ווי אַ דינע נעץ אַרום זיי, אַ זיידע־נער טיול, אַ ווייכע סאַמעטענע אַרויסשטראַלונג, ווי דער הויך פון צייט־ווערנדיקע פלוימען—אָט די דאָזיקע גערויטלטקייט איז שוין ניט פאַרשוווּנדן פון אירע באַקן די גאַנצע צייט פון דער מיטאָג־מאָל־צייט.

זי איז געזעסן אַנטקעגן אים, אַ צופרידענע און אַ שמייכלדיקע און האָט מיט לאַנגזאַמע, שוואַכע און ווייכע באַוועגונגען פון אירע בלייך־ראָזעווע באגאפּלטע פינגער געטונקען חלקימלעך האַליבוט־סטייק אינם שאַרפן סאָליס טאַרטאַר־סאָוס, און זיי, די דאָזיקע חלקימלעך סטייק, אין אַ דיאַגאָנאַלער ליניע—אפנים שטאַרק הנאה האָבנדיק פון די דאָזיקע באַוועגונגען גופא,—פאַמעלעך טראַנספּאָרטירט אין מויל אַריין.

דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט אַ וואַלץ: אַ „נאַכמיטאָג אין וויען״.

זיי האָבן ווייניק וואָס גערעדט צווישן זיך, און אויך ווייניק געטראַכט. אַ נאָכמיטאָג־דושנעקייט האָט אָנגעפילט דעם גרויסן עס־זאַל. די לופט איז געווען אינגאַנצן צונויפגעוועבט פון זון שטיקער און אויגוסט־וואַרעמקייט. לעאָ האָט נאָכאַנאַנד געשלונגען סאַלאַד. שטיקער קילן און פייכטן סאַלאַד, וואָס האָט דערמאָנט אָן לאַנגע נאַסע בייטן גרינס נאָך אַ רעגן. אָבער ניט די סובסטאַנס פון דעם סאַלאַד און ניט די קילנדיקע דערמאַנונג האָבן אים פיל געהאָלפן, עס איז גע־ווען גוואַלדיק דושנע.

די מוזיק האָט געהאַלטן אין איין שפּילן. די לופט איז געווען פול מיט אַ מעשענער וואַרעמקייט, ווי ווען דאָס מעטאַל פון די שיף־טרייבערס איז צעשמאָלצן געוואָרן פון דער אייגענער היץ, האָט זיך אויסגעדאַמפט און שווער אָנגעפילט די לופט.

לעאָ און עלסי האָבן זיך פון צייט צו צייט איבערגעקוקט מיט מידע בליקן און שמאַכטנדיקע שמייכלען,—אַזוי סתּם אין דער וועלט אַריין. דאָס געשפּרעך וועגן דעם לעצטן קאָנצערט פונם סימפאָנישן אָרקעסטער אין צענטראַל־פּאַרק — אַ געשפּרעך אויף וועלכן זיי זענען, אַפּנים, אַרויפגעפירט געוואָרן דורך די שאַלנדיקע טענער פון שיף־אָרקעסטער,—וועלכן זיי האָבן שוין איייניקע מינוטן, אומבאַוווסט פאַר זיך אַליין, אָנגעהאַלטן, האָט זיך איצט זייער אָפּגעצערט פון דער גרויסער היץ, האָט זיך פּאַמעלעך געשלעפּט.

דער געדיכטלעכערווירציקער בענעדיקטין, וואָס זיי האָבן איצט געטרונקען, האָט, ווי אַן אייליקע, אַ שלעפעריקע און באַטויבנדיקע פליסיקייט זיך געגאָסן זיי אין די אָדערן. זיי זענען אויף גיך פאַרטיק געוואָרן מיטן מאָלצייט און אַרויס אויפן דעק.

דאָרטן ערשט האָבן זיי פרייער אָפּגעצויגן דעם אָטעם. די זון איז געשטאַנען איצט כּמעט אינם מיטל־פּונקט פון בלענדנד־בלויען הימל. מיט כּוונה און געטערישער ערנסטקייט האָט זי געברענט און געבראָטן, ווי זייענדיק פעסט באַשלאָסן ביי זיך אָפּצולעקן אַלץ און אַלעמען פון דעם אָנגעזיכט פון דער ערד. נאָר, אַפּנים, אַן אַנדערע גאָטהייט האָט, אויף צו להכעיס דער ערשטער, פון בלויזן פאַרלאַנג צו ווידערשפּעניקן, פון ערגעץ געשטויסן אַהער אַ קילן, ווידערוויליקן ווינטל. און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך רייען־ווייז געפונען אין זייער מאַכט.

אויפן העכסטן דעק, וווהין עלסי און לעאָ האָבן זיך גלייך אַרויפגעקליבן, זענען געשטאַנען אַ היפּש ביסל פּאַסאַזשירן. זייערע צעשויבערטע האָר האָבן זיך געכוואַליעט אין דער לופט, ווי דאָס וואַסער אונטן אין טייך ביי די ווענטלעך פון שיף. דער פייער־באַל אין דער הויך, אויפן בלענדנדיקן הימל, וועמען עס איז אוממעגלעך געווען אָנצוקוקן, נאָר וועמעס זיכערע אָנוועזנדיקייט ערגעץ אין די העכערע לופט־שיכטן מען האָט שווער געפילט, האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט אין איין שמעלצן, אין איין שטראַלן־שפּייען. אַ בריענדיקע היץ האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן לאַוור־מרחב.

די בלויקייט איז געווען טיף און בלענדנדיק — איין גרויסער שפּריצנדיקער פייערווערק. און עס האָט געהערשט איצט ביי די

פּאַסאַזשירן אַ שטאַרקער, אַן עקשנותדיקער פאַרלאַנג זיך אַרונטערצו־גליטשן פונם שיף, זיך אַרונטערטוקן אינם וואַסער און כאַטש דאָרטן דערטרונקען ווערן אין דער קילקייט.

די נאָכמיטאָג־קלאַנגען האָבן זיך איצט קוים געהערט. זיי זע־נען פאַרגליווערט געוואָרן אין דער אַרומיקער שווערקייט — אין איר געדיכטקייט איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר זייער הילך. שטיל איז די שיף געשווומען אינם ברייטן וואַסער־פאַל פונם האדסאָן, צווישן די צוויי באַרגיקע באַוואַלדערטע ברעגן. די שיינקייט פון דעם אַרומיקן לאַנד, וואָס ווערט אַזוי גע־יימט אין די קאָלירטע און איי־לוסטרירטע וועג־ווייזערישע ביכלעך, האָט אַרויסגעמאַניעט אַלע רייזנ־דע. זיי האָבן אָנגעפילט אַלע דעקן. זיך געשטויסן ביי די בארטן.

עס איז געווען זוניק און שטיל. דער אַרום האָט איצט שטאַרק דערמאָנט אָן אַן אַלט־גריכישן נאָכמיטאָג־יום־טוב... ניו־יאָרקער ביר־גער און בירגערינס, פאַרנומענע ביזנעס־לייט, האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זייער אייביקע פאַרהאָרעוועטקייט, האָבן אָנגעפילט אַ שיף, שווער אָנגעלאָדן זי מיט מתנות, און אינם הייסן זומער־טאָג האָבן זיי זיך געלאָזט וואַנדערן אין דער ווייט,—פאַרבענקטע זון־מתפּללים. איצטער שווימען עס זיי מיט פאַרטרוימטע בליקן צו אַ ווייטן אויפן־וואַסער־טעמפּל, ווו זיי וועלן פרום דאַווענען צו דער זון...

די שיף איז איצט פאַרבייגעשווומען די קייט פון די בער־גע־בירג. דער באַוואַלדערטער קאָפּ פון דעם ס ע י נ ט א נ ט א נ י האָט זיך געטונקלט געגן בלויען הימל. אין די אַרומיקע וועלדער האָבן זיך אויפגעהאַלטן פאונען און סאַטירן, מיט קויטיק־ברוינלעכע פעלן, באַהאָרטע און באַבאַרשטעטע, מיט קלייניקע קיצלדיקע הערנלעך. זיי האָבן זיך דאָרט איצט צווישן די געדיכט־צווייגנדיקע שאָטנדיקע בוימער נאָכגעיאָגט נאָך כמעט־נאַקעטע מיידלעך, זיי געכאַפּט אַרום די טאַליעס, זיך געפּאָרעט אַרום די באַקעס און קיצלדיק געשמייכלט. אַ שטיל לאַכן האָט זיך דערטראָגן צום שיף.

די פּאַסאַזשירן זענען געוואָרן מיד. עטלעכע פון זיי האָבן איצט גע־קוקט דורך זייערע שפּאַקטיוון אויף אַ ווייטן הידראפּלאַן, וועלכער האָט איצט געמאַכט די לעצטע פאָרבערייטונגען אויף זיך אויפצוהויבן אין דער לופט. ער איז זיך צו ערשט פונאַנדערגעלאָפן איבער דער

װאַסער-פֿלאַך און דערנאָך זיך גראַציעז, אין אַן אַלכסונדיקער ליניע, אױפֿגעהױבן אין דער בלױער לופֿט — אַן אומגעהױרער טראָפּישער פֿױגל. די מידע, צעהיצטע מוחות פֿון די פּאַסאַזשירן האָבן קױם געקאָנט פֿאַרשטײן, נאָך װאָס די אומבאַקאַנטע באַװױנער פֿון אָט יענעם הידראָפּלאַן האָבן זיך אין אַזאַ טאָג פֿרײַװיליק אָפּגעשײדט פֿון דעם קילן קװיקנדיקן װאַסער און זיך געלאָזט צו דער גאָר-װײַטער בלענדנדיקער זון.

װאָרום אַ פֿאַרשמאַכטקײט און אַ נאָכמיטאָג-פֿאַרחלשקײט האָט געהערשט אױף זײערע פּנימער. אַ שטאַרקער, נישט-אונטערדריקבאַרער פֿאַרלאַנג זיך פֿונאַנדערנעמען, זיך פֿונאַנדערשטימען און זיך אױפֿלײזן אין דער אַרומיקײט. די פּאַסאַזשירן האָבן אײנציקװײַז און פֿאַרלעכװײַז פֿאַרלאָזן די דעקן. עס איז געװען איצט די סיעסטאַ-שעה. אױך לעאָ און עלסי האָבן באַלד שװײַגנדיק זיך אַרונטערגעלאָזן אין זײער קאַיוטע.

7

„די אומאַנגענעמקײט, די לעקישעװאַטיקײט פֿון דער לאַגע" — פֿלעגט לעאָ געװײנלעך טראַכטן, האָבנדיק אין זינען די לעצטע שטײַגונג-מאָנאַטן פֿון אַ ליבע, װען דער אײז פֿלעגט דאָך סוף כּל סוף מוזן געבראָכן װערן. דער אומנױטיקער, פֿאַרמעלער קאַמף פֿון אָפּװערן זיך; די, דאַכט זיך, גאַנץ דײַטלעכע כּװנה פֿון אײן זײַט און דער גאַנץ אומנױטיקער שלײער פֿון דער צװײטער זײַט — דאָס אַלץ פֿלעגט זיך אים אױסװײַזן, װען אַפֿילו אומפֿאַרמײַדלעך, אָבער דאָך היפּש לעכערלעך, נאַריש און קינדעריש. און ערגעץ אין אַ װינקל פֿון זײַן באַװוסטזײַן פֿלעגט אים אָפּטמאָל רײצן נײַגעריק די פֿראַגע:

— װעט ער אױך דאַרפֿן דורכמאַכן די דאָזיקע נאַרישע, כּלומרשט-רױבערישע פּראָצעדור מיט עלסין?

אַז זײ זענען אַרײַנגעגאַנגען אין קאַיוטע, האָט זי זיך אַ מידע גלײַך אַנידערגעװאָרפֿן אױף דער פּליושענער סאָפֿע; פֿאַרװאָרפֿן די הענט אונטער איר האַלז. די אַרבל האָבן זיך אַרונטערגעקאַטשעט. בלױע אָדערלעך האָבן זיך דורכגעלױכטן דורך איר דינער אײדעלער הױט. לעאָ, װעלכער האָט זיך צוערשט געהאַט אַװעקגעזעצט אױף אַ

שטול עטוואָס נישט ווייט פון איר — נייטראַל, הייסט עס — האָט באַלד אויסגעפונען די אומבאַקוועמקייט און נאַרישקייט פון זיין איזאלירטער פּאָזיציע. ער איז אַריבערגעגאַנגען צו איר אויף דער סאָפע. זי האָט אויף אים געקוקט אי מיד, אי אויפאָדערנדיק. עס האָט אים געריצט. איין גאָט ווייס צוליב וואָס ער האָט מיטאַמאָל אַרויסגעפּלאַצט.

— אין אַ שעה אַרום וועלן מיר שוין זיין אין פּ א ו ק י פּ ס י...

עלסי האָט אים שטיפעריש אָנגעקוקט. אירע אויגן האָבן זיך ברייט־פרעסעריש פונאַנדערגעעפנט און געבליצט. זי האָט שטיל געלאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

ער האָט אָנגעהויבן אינגאַנצן צו ברענען. ער האָט ממש געפילט, ווי אַזאַ מין שטאַרק־שווערע וואַרעמקייט שטראַלט פון אים אַרויס.

— דיינע געאָגראַפישע קענטשאַפטן... ווי פּינקטלעך... ווי עקזאקט... דו'סט געדאַרפט ווערן אַ קאַפּיטאַן...

זי האָט אים אַ שנאָל געטון אין נאָז אַריין. זי האָט אים פאַרשטאַנען, און ווי פאַרשטאַנען. איר שמייכל איז וואָס אַמאָל געוואָרן שטילער, שטילער און איז אינגיכן אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן.

לעאָ האָט דערפילט אַן ענגקייט, אַן אָנגעצויגנקייט אין אַלע זיינע אָדערן, ווי איינער וואָלט מיט עפּעס אַ קאַלטן געגנשטאַנד געמישט דאָרט זיין בלוט און אַ בלוי־ווייטלעכע פּיענע אויפגעשוימט אויף דער אויבערפלעך. ער האָט פאַרביסן זיינע ליפּן און האָט זיך, ווי אַן אונטערגעקאָסעטער, אַ וואַלגער געטון צו איר. מיט אַ הייסן אומברחמנותדיקן ד־אַנג האָט ער אַוועקגענומען אירע הענט. זיי האָבן זיך שוואַך אַראָפּגעלאָזן ביי די זייטן פון איר טונקל בלויען טאַפטע־קלייד. זי איז געבליבן ליגן שטיל.

8

אַ צוויי שעה שפּעטער האָט שוין דער טאָג־ענד זיך געשפּרייט אין דער בלייכלעכער לופט.

די זון האָט שוין זייט אַ קורצער צייט געבאָדן זיך אין אירע

אייגענע שקיעה־פלאַמען. דאָס וואַסער אינם שטיל-געוואָרענעם טייך איז געווען גליענדיק רויט, זיך אָנגעזאַפּט מיטן בלוט פון אַ ריזיקן גוססדיקן לויתן.

כמעט אַלע עקסקורסיאָניסטן זענען געווען איצט פאַרזאַמלט אויף די שיף דעקן. זייערע פּנימער זענען פייערלעכער געוואָרן אינם אָנגעזיכט פון דעם רויטן ליכט אין דער בין־השמשותדיקער שטילקייט פון די האָדסאָן־ברעגן.

די שיף איז שוין געווען איצט אויפן וועג צוריק — אויפן וועג קיין ניו-יאָרק.

לעאָ און עלסי זענען נאָך געזעסן אין זייער קאַיוטע. זיי האָבן גערעדט איצט פון פרעמדע גלייכגילטיקע זאַכן, פון זייערע באַקאַנטע אין ניו־יאָרק און נאָך אַנדערע נישט-וויכטיקייטן. דאָס גע־שפּרעך איז געווען קיל און איידל-פריינדלעך. עלסי האָט אָבער די גאַנצע צייט געטראַכט פונם הויכן אַכצן־שטאָקיקן בנין אויף דער 12-טער גאַס, פון דעם גרויסן פיל־צימערדיקן שאָפּ, ווו אַלעקס, איר מאַן, איז פאַרמאַן; זי האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז איצט גייט מען שוין אַוודאי אַהיים; אַלעקס טראַכט אַוודאי וועגן איר. עס איז שוין געווען שפּעט. צו שפּעט.

איר האָט עפּעס געקילט אין האַרצן און פאַרדראָסן, נאָר עס איז שוין געווען פאַרפאַלן און אָפּגעטון.

און מיטאַמאָל האָט לעאָ אַרויסגעפּלאַצט:

— אַז מיר וועלן קומען קיין ניו־יאָרק... דו פאָרסט דאָך גלייך אַהיים?

— נו יאָ, אוודאי.

אַ קורץ שווייגן.

— נו יאָ, דו פאָרסט אַהיים. אוודאי פאָרסטו אַהיים. געוויס. אָבער — אפשר וואָלסטו געקאָנט פאַרברענגען מיט מיר נאָך אַ שעה־צוויי אין שטאָט? מיר וואָלטן אַריין אין אַ קאַפע אָדער אין אַ רעס־טאָראַן און האָבן אַ לייכט אָוונט-ברויט!

— ניין.

— ניין... אוודאי ניין... ס'וואָלט אייגנטלעך אַפילו קיין סך ניט

געדויערט, בלויז איין שעה... הא? און אפשר ווייניקער. איך וואָלט דיך דערנאָך אָפּגעפירט אַהיים אין דער בראנקס.

זי האָט אָנגעכמורעט דעם שטערן.

— ניין.

— נו יאָ, ניין, איז ניין... דוס׳ט גיין אַהיים. אוודאי וועסטו גיין. איך וועל דיך אפילו נישט באַגלייטן. דאָס הייסט, אַז דו ווילסט דאָך עס קיין מאָל אַליין נישט... אָדער — ווילסטו עס אפשר איצט יאָ?

ער האָט זיך פאַרלוירן און אונזיניק עפּעס געבאַלאַמעטשעט. נאָר עלסי האָט מער נישט געוואָלט רעדן, איז ער אויך אַנטשוויגן געוואָרן.

אין קאַיוטע איז שוין געוואָרן גאַנץ טונקל, און קליינע וואַסער־מענטשעלעך מיט פאַרמאַסקירטע פּנימער האָבן זיך אַריינגעגנבעט פון דעם טייך דרויסן, וואָס האָט איצט אָן חשק און שלעפעריק געקלאַפּט די ווענטלעך פון דעם שיף.

עס איז שווער געווען צו וויסן פון וואָס עלסי טראַכט איצט. די ליניעס פון איר גוף האָבן זיך אָפּגעווישט. בלויז דאָרט, ווו איר פּנים האָט געזאָלט זיין, האָט אַ בלייכער פלעק, ווי אַ וואַקסן ליכט שוואַך באַלויכטן אין דער פינסטער. לעאָ איז שוין אָבער גראָד יאָ געווען אויפמערקזאַם אויף זיינע אייגענע געדאַנקען: „ער מאַכט זיך צום נאַר... ער האַנדלט, ווי יעדער נאַרישער פאַרליבטער... סאַראַ חרפּה, ער מאַכט זיך אַזוי נישטיק אין אירע אויגן!"

ער האָט שוין געוואָלט שווייגן די איבריקע צייט, נאָר עפּעס אַ צו-להכעיס׳דיק טייוועלע אינווייניק אין אים האָט אים געשטויסן, אים געשלעפּט פאַר דער צונג און ער האָט זיך אונטערגעגעבן:

— דו האָסט דאָך אים ליב...

אין איר ענטפער האָט זיך געהערט אַ פאַרביטערונג און אַ צערייצטקייט:

— נו יאָ, אוודאי האָב איך אים ליב. זיכער האָב איך אים ליב... ער, אַלנפאַלס, דערקוטשעט מיר נישט... ער עסט מיר נישט אויף דאָס לעבן מיט קרייץ־פראַגן. ער איז צופרידן מיט זיין חלק. ער איז דאָך אַזאַ גוטער, אַזאַ נאָכגעביקער. אַזאַ גלויביקער... ווי זאָל איך אים נישט ליב האָבן? וואָס ווילסטו...

ער האָט שוין, אפשר, גאָרנישט געוואָלט. ער האָט אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט געשוויגן. עמעצער אָבער האָט פון אים און פאַר אים גערעדט.

— איך האָב געדענקט, אַז דו „קערסט" פאַר מיר...

עלסי האָט דערפילט אַזאַ מין אומבאַהאָלפענעם פאַרדראָס אין זיין שטים — ווי אַ קליין קינד וואָלט זיך באַקלאָגט. אינם פאַרנאַכט האָט זי געזוכט און דערטאַפּט זיין האַנט. זי האָט אים געגלעט:

— שור *) האָב איך דיך ליב... דו האָסט „געדענקט"... ווייסט נאָך אַלץ נישט? אַך, דו אונדאַנקבאַרער...

און יענץ טייוועלע האָט ווידער געענטפערט:

— און דאָך ווילסטו נישט גיין צו מיר, זיין מיט מיר אַלע מאָל.

— מיר וואָלטן זיך דערעסן איינער דעם אַנדערן, נאַרעלע... מיר וואָלטן פאַרלוירן דעם אינטערעס איינער צו דעם אַנדערן. אַלץ וואָלט דעמאָלט געוואָרן אויפגעדעקט, קלאָר, איינפאַך, פאַרשטענדלעך און — דערעסנדיק... גאַר זיך ייט: וואָס וואָלסטו פאַר מיר דעמאָלט זיין און מיט וואָס וואָלסטו מיך דעמאָלט צוגעהאַלטן, נאַרעלע דו... אַלעקס איז אַ ווילדער יונג, אַ גוטער, אַ נאָכגעביקער מאַן. ער איז מיין טאָג־טעגלעך ברויט. מיין אינדערוואָכן. אָבער דו — דו ביסט דאָך מיין שבת...

9

עס איז געווען עפּעס ענלעכס צו דעם געהויבענעם געדאַנק וועגן „דעם אייביקן ווידערקום פון זאַכן", וואָס האָט געמוזט איצט אָנפילן דעם מוח און דאָס געמיט פון דאָס רוב פּראָסטע און פאַר־ביזנעווע עקסקורסיאָניסטן, ווען די שיף האָט זיך געהאַלטן אין דערנענטערן צו ניו־יאָרק.

— ווידער דאָס פריערדיקע, ווידער דאָס שוין איין מאָל דורכ־געלעבטע...

---

*) געוויס.

עס האָט זיך געפּאָדערט אַ באַזונדערע אָנשטרענגונג און אָר־גאַניזירונג פון דעם געדאַנקען-אַפּאַראַט, כּדי צו פילן קלאָר, אַז דער פּאַרגאַנגענער טאָג איז נישט געווען נישט מער ווי אַ חלום.

מאָרגן ליכט האָבן זיך געשאָטן פון די ריזיקע טורמדיקע דורכויס־באַלויכטענע געביידעס אויף ביידע ברעגן האָדסאָן. זיילן פייער האָבן זיך קיל געטוקט אין טייך. אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט זיך גע־שפּירט ביים געדאַנק, אַז אָט־אָט דערנענטערט מען זיך צו ניו־יאָרק, און אַז די אייגענע פּערזענלעכקייטן און „איך"־פאַרשטעלונגען, ווען עס איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט זיך פונאַנדערברייטן און פונאַנדערגליען אין דעם זוניקן מרחב פון דרויסן־שטאָט — זיי וועלן זיך מוזן באַלד ווידער איינשרומפּן, ווידער איינגעקנוילט ווערן, ווידער פאַרשלונגען ווערן אינם פּאַרמלאָזן אומגעהויער פון ניו־יאָרק...

לעאָ און עלסי זענען, אינם געדראַנג פון די איבריקע פּאַסאַ-זשירן, געשטאַנען איצט אויפן דעק, האַרט און וואַרעם איינער נעבן דעם אַנדערן, די וואַליזקעס ביי זייערע פיס. זיי האָבן טיף געשלונ־גען דעם פייכטן וואַסער-ריח פון דעם געזאַלצענעם ים-ווינט, גע־ווירצט מיטן שאַרפן ריח פון קלעמס, אויסטערס און ים-גראָזן, וואָס האָט זיך דערטראָגן אַהער דורך דער שטילער אָוונט-לופט פון דעם נידריקן ניו-יאָרקער ים־אויסגוס.

די פייערן און ליכטער, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון די פענס-טער און דעכער, פון די וואָלקן-קראַצערס און שיף-מאַסטן; די פּראַכט-פולע בלויע פּראָזשעקטאָרס, — ווי לאַנגע זיילן פון אַ שפּריי־רעגן פון בלוילעכן ליכט, — וואָס האָבן אומדערוואַרט אַרויסגעשאָסן פון עטלעכע ווייטע געפּאַנצערטע קריגס-שיפן, וועלכע זענען איצט געווען געאַנקערט אינם האדסאָן — דאָס אַלץ האָט אָנגעפילט די אָוונטיקע לופט מיט אַ שטימונג פון די לעצטע שעהן פון עפּעס אַזאַ גרויסן יום־טוב, פון עפּעס אַ מאָדנע — רייכער אילומינאַציע, וואָס ווערט איצט געפּראַוועט לכּבוד אַ שטאַרק-ווירדיקן און אַלגעמיין־באַליבטן נשיא...

זיי האָבן די גאַנצע צייט אַלץ ניט גערעדט: בלויז געשטאַנען שטאַרק נאָענט איינער לעבן דעם אַנדערן. די דאָזיקע שווייגעניש איז איבערגעריסן געוואָרן ערשט שפּעטער, ווען זיי האָבן שוין געהאַט

אַראָפּגעשטיגן פון דעם שיף, און לעאָ האָט איר באַגלייט צו דער סטאַנציע פון דער שטאָדט־באַן

איר קורצער, געאיילטער און וואַרעם־פריינדלעכער „גוטע נאַכט, מיר וועלן זיך נאָך זען", וועלכער איז נישט פאַרהילכט געוואָרן אפילו פון דעם ווייטן, טויבלעכן גערויש פון דער גרויסער שטאָדט, האָט זיך אָבער באַלד אַריינגעגאָסן און צונויפגעמישט מיט דעם נידריקן איינטאָניקן און גלייכגילטיקן רעדערן פונם אָפּגייענדיקן צוג:

— טיק־טאַק... טיק־טאַק... עס איז געווען אַ יום־טוב... עס איז געווען אַ יום־טוב... אַ יום־טוב פון אַזאַ קורצן דויער... ער איז זיך פאַריבער... בלויז איין טאָג...

1917

אָקעאַן

דער דר. ווייסגאַל איז טאַקע יאָ געקומען. מרס. לאַמדין, וועלכע האָט זיך שוין אויפגעהערט ריכטן אויף אים, איז אַ שטראַלנדיקע אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ היימיש־מאַכנדיקן שמייכל.

אַ ליבלעכע איז זי געווען — איר שמייכל וואַרעמער, ווי אַן אייגענע היים.

אַ באַוואַקסענער, אַ שווערער, מיט אַ זיך־גרויענדיקער דיקער וואָנצע און קורץ־געשוירענע שפּיציקע האָר — נאָך שוואַרצע; מ'האָט אָבער געוווסט, אַז דאָס פאַרבט ער זיי. ער האָט פון דעם אַליין קיין סוד נישט געמאַכט: אַ שיינע אָפּנאַרעריי איז דאָך בעסער פון אַ מיאוסן אמת?

אַ נידעריק־שווערער איז ער געשטאַנען ביי דער טיר. זיין פּנים איז געווען רויט־צעפלאַמט פונם שטאַרקן, האַרבסטיקן ים־ווינט אין דרויסן.

איבערן דאָזיקן צעפלאַמענדיקן ים־ווינט דרויסן האָט זיך עס דאָך טאַקע די מרס. לאַמדין מיאש געווען פון דעם, אַז דר. ווייסגאַל זאָל קומען היינט אָוונט. נאָך איצט, זיצנדיק אין דער קליינער ווייס־געפאַרבטער, פאַנעלירטער באַנגאַלאָ *), וואָס אויף אַ פאַרוואָרפענער גאַס אין ווייט־ראָקאַוויי**), האָבן די דינע ווענטלעך נאָכאַנאַנד אויפגעציטערט. אַזוי פייפנדיק־שאַרף און פאַרביסן איז געווען דער ווינט — הויך, שטאַרק, נידעריק, שוואַך, — מיט אַ וויין־לאַכנדיקער

---

*) אַ זומער־הייזל ביים ים.

*) אַ ים־קוראָרט אונטער ניו־יאָרק.

צורה — מיט נאַסע קאָלטענעס — ווילד־צעשפּרייטע נעגל — ליב — שווייגנדיק — רעווענדיק.

— דער אָקעאַן...

ער איז געווען גאָר נאָענט פונם הויז, דער אָקעאַן. דער ווינ־טער אויך. ס׳איז שוין געווען שפּעט־נאָוועמבער.

נאָ. אַבי ער איז יאָ געקומען. וועט טאַקע זיין פריילעכער. די לאַמדנס — מרס. און דר. לאַמדין — האָבן געהאַט די איינציקע באָנגאַלאָ אויף דער שוין אָפּגעליידיקטער גאַס, די איינציקע באָנגאַלאָ, וואָס איז נאָך געווען באַוווינט.

אַלע זומער־איינוווינער זענען זיך שוין געהאַט צעפאָרן.

אַרום און אַרום — פּוסטע, ליידיקע הייזער. ריינע, טויט־שווייגנדיקע גאַסן. מילך־פלאַשן האָבן זיך אויף זיי אַרומגעוואַלגערט — ליידיקע מילך־פלאַשן. צעבראָכענע קינדער־וועגעלעך. נאָר אַ סך דיקע אילוסטרירטע זשורנאַלן, אָנגעוואָרפענע אין קופּעס פאַר די אויסגע־ליידיקטע הייזער. די שיינע, גלאַנצנדיקע פאַרשוינען פון דער העכס־טער געזעלשאַפט (געווען אויך קאָלירטע, דורך אַ כראָמאָ־פּראָצעס) האָבן זיך געלאָזט שטעכן דורך די בייסנדיקסטע ווינטן: זיי האָבן זיך דאָך נישט געקאָנט העלפן...

און נאָך איינס:

אויף אַן אומגעזעענעם פאָדעם, ווי אַ שפּינוועבס, פאַרטשעפּעט אויף אַ פאַראומערטן טעלעגראַף־סלופּ, איז געפלויגן אַ „שלאַנג", — אַ פּאַפּירענע שלאַנג, וואָס האָט זיך געריסן צום סוף־הערבסטיקן הימל.

— אונזער פערטע האַנט איז שוין אַלזאָ אויך דאָ — האָט זיך שטיפעריש אומגעקערט מרס. לאַמדין צום נידעריקן יונגנמאַן, ווען זי איז געזעסן וויזאַווי, ווען דר. וויסגאַל איז אַריינגעקומען.

דער יונגערמאַן האָט מיט אַ צוריקגעהאַלטענער העפלעכקייט זיך אויפגעהויבן און באַגריסט דעם אַריינגעקומענעם.

דער יונגערמאַן איז געווען נידעריק־געפּאַקט, טונקלהויטיק, מיט לאַנגע, זיך־פאַרקרייזלענדיקע ווייס און שוואַרצע ברעמען — סאמע־

טענע פלעגן זיי די מיידלעך, זיינע פּאַרערערנס, אָנרופן. די אויגן זיינע זענען די מייסטע צייט געווען אַרונטערגעלאָזן, און אַן אומע־טיקייט און אַ האַרבקייט איז געווען אַרום זיי, — די האַרבקייט און אומעטיקע דערדריקטקייט פון שווערע חלומות. פון זיין גאַנצן גאַנג, פון זיין באַנעמען זיך, פון דער צוריקגעהאַלטענער איידלקייט פון זיינע רייד, פון די פילע מאַנעריזמען אין זיין שפּראַך און ענגלישער אויסשפּראַך — פון דעם אַלץ איז געווען צו זען, אַז אָט דער יונגערמאַן, שוין אויף דער גרענעץ פון די מיטעלע יאָרן, — מסתמא אַ יאָר זיבן, אַכט און דרייסיק — האט היפּשלעך געהאַלטן פון זיין אייגענער פּערזאָן און זייער גוט געוווסט זיין אייגענע ווערט. איז ער דאָך געווען דער באַרימטער שריפטשטעלער — און באַרימט געוואָרן אַזוי יונגו זיינע ווערק זענען שוין אַפילו איבער־געזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן; ער האָט געפילט, אַז זיין נאָמען איז שוין גוט באַקאַנט, זיין רעפּוטאַציע איז שוין געמאַכט, און ער האָט זיך שוין דעריבער געצווונגען בּיסלעכווייז אָוועקוואַרפן די העזה פון זיינע ייִנגערע יאָרן. פון זיין גאַנצן האַלטן זיך איז געווען צו זען די שרייענדיקע באַשיידנקייט פון אַ מענטשן „מיט פּאַרדינסטן".

ער האָט זיך גערופן קריינין, גבריאל־אורי קריינין.

— אַ שטאַרקער ווינט דרויסן, וואָס?

— ס'פּלאַמט אַזש...

אַן אומבאַקוועם שווייגן, וואָס איז געווען טראַגעדיק מיטן זוכן פון נאָך ווערטער, — ווערטער, וועלכע נישט איז, אַבי אונטערצו־האַלטן אַ געשפּרעך...

— איר פאָרט דאָך שוין באַלד אַוועק אין דער סויט*)?

— יאָ. מ'קלייבט זיך שוין אין וועג.

בשעת די הויזווירטן האָט ליבלעך אַזוי אויסגעפרעגט דר. ווייסגאַלן וועגן פאַרשידענע זאַכן, האָט אים קריינין פון דער זייט באַטראַכט

---

*) דרום.

נישקשה, דער דאָזיקער דאָקטאָר, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז שוין געווען איבער פופציק יאָר אַלט, האָט זיך נאָך זייער גוט אויפגעהאַלטן. זיין ברייטע, געזונטע פיגור, זיין רויטער, האַרט־אָרומגעשווירעוער קאַרק, זיינע פלאַמענדיקע באַקן — אַ שטאַר־קער יונג געווען, און אַ הצלחהדיקער. ער האָט זיך טאַקע, אמת, אַ היפּש ביסל געפּלאָגט — ביז אפילו גאָרנישט לאַנג צוריק, — איי־דער ער איז געוואָרן דער מזלדיקער, אומעטום באַקאַנטער דאָקטאָר, וואָס נעמט נישט ווייניקער פון צען דאָלאַר אַ וויזיט (ביי זיך אין שטוב; ווען ער פאָרט צו יענעם, לאָזט ער זיך באַצאָלן מער). אָבער איצט איז ער רייך — שטיין־רייך. ער האָט אייגענע הייזער. צוויי אויטאָמאָבילן. איינער פון זיי — אַ פופצן־טויזנט דאָלערדיקער „ראָלס־ראָיס*) !

און דער עיקר, ווי אָט דער מענטש פאַרשטייט עס, ווי אַזוי צו לעבן! אַ גאַנצן ווינטער וווינט ער אינם דרום, ווו ער האָט זיין אָפיס און זיינע רייכע פּאַציענטן צווישן די ווינטער־טוריסטן. אַז ס'קומט דער פרילינג, אין אַפּריל, פסח-צייט — פאָרט ער צוריק צפון-צו, קיין ניו־יאָרק, ווו ער לעבט ביזן שפּעטן האַרבסט ביים ים. און דעמאָלט — ווידער קיין מיאַמי, פּאַלמביטש אָדער דזשעק־סאָנוויל**)

און אַמאָל, טאַקע ווינטער-צייט, פאָרט ער זיך אַריבער קיין קי־וועסט, און פונדאָרטן, איבערן ליכטיקן פּאַס ים, קיין האַוואַנאַ... אָ, קובאַ! קובאַ! די טונקלהויטיקע, ברענענדיקע קובא!

דער היציקער, ענטוזיאַסטישער קריינין האָט זיך שוין צעפּאַנ־טאַזירט:

דאָס געמישטע בלוט פון שפּאַניער און אַפריקאַנער, דאָס איי־ביקע גרינס; די פאַרשיידנאַרטיקע פּאַלמען — טייטל־פּאַלמען, און קאָקאָניס-פּאַלמען, און קעניג־פּאַלמען, און קאַרליק־פּאַלמען... — און די מאַטאַנאַנען (קריינין האָט עפּעס אַמאָל געהערט פון אַזאַ זיסער

---

*) אַזאַ אויטאָמאָביל־מאַרקע.

**) שטעט אויפן האַלב־אינזל פלאָרידאַ.

פּרוכט, וואָס וואַקסט דאָרט; די ווייס־זייליקע מאַרמאָר־הייזער, דאָס שטענדיקע זוניקע ליכט; די ווילדע, רייכע, רעגנבויגנדיקע פאַרב פון בלוט און עקזאָטישער אַרומיקייט... און ענדלעך — די פרויען פונם לאַנד, וועמעס ojos negros *) שיינען אוודאי אַזוי בליציק אויף ביים אָנבליק פון דר. ווייסגאַלס ojos azules **)...

קריינינען האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער איז נאָך דאָרט קיינמאָל נישט געווען און וואָס, מיט זיין גאַנצן שרייבערשן ערפאָלג, האָט ער אַלץ נישט קיין מעגלעכקייטן צו פאָרן אַהין... און ער וואָלט דאָך פון זיינע אימפּרעסיעס און דאָרט געבוירענע זעאונגען אַזעלכע חלום־ווערק געקאָנט אויסה׳עבן!

אַ שאָד... אַ שאָד...

ער האָט זיך בלויז געטרייסט מיט דעם, וואָס אויף דעם דר. ווייסגאַל איז עס דאָך סיי־ווי־סיי אַלץ אַרויסגעוואָרפן... ער ז ע ט דאָך סיי ווי גאָרניט...

פון דער זייט האָט קריינין געקוקט אויף אים מיט ביטול און פון אויבן אַרונטער — כמעט מיט פאַראַכטונג. ער — ער, ק ר יי נ י ן, וועט טאַקע פאַרבלייבן, זיין נאָמען וועט שוין איצט וואָס אַמאָל אייביקער. אָבער זיי, די ו ו יי ס ג אַ ל ס, זיי וועלן פאַרווישט און אָפּ־געווישט ווערן מיט זייער קורצן לעבן — פאַרפליענדיקער שטויב.

און אומבאַוווּסט פאַר זיך האָט קריינין אויסגעשטערטשעט זיין ברוסט און אָנגענומען אַ חשובע, אַ בכבודיקערע מינע, ווי ער וואָלט איצט געשטאַנען פאַר אַ גרויסן עולם, — פאַר דער גרויסער עדה פון זיינע אומבאַקאַנטע פאַרערער און באַוווּנדערער אין די ווייטסטע פאַררוקטסטע ווינקעלעך פונם לאַנד — — —

אינווייניק איינם הויז, ווו דער לאָמפּ האָט אַזוי אָנגענעם־רויט־לעך געלויכטן, האָט יעדער איינער, לויט דער מאָס און באַפאַרבונג פון זיין פאַנטאַזיע — און אַלע דאָרט איינם הויז האָבן געהאַט פאַנ־טאַזיע — האָט שוין יעדער איינער זיך פאָרגעשטעלט דעם דרויסנ־דיקן ווינטיקן אָוונט אויף זיין אופן.

---

*) שפּאַניש: שוואַרצע אויגן. **) בלויע אויגן.

ליידיקע גאַסן. ס׳פּראָסטלט. קאַלטע, גלאַנציקע שויבן פון פוסטע הייזער. פאַרפרוירענע, קאַלט־פלאַמענדיקע צעריסענע שטיקער וואָלקנס אויף הימלען, הימלען, וואָס האָבן היינטיקע נאַכט אויסגעזען העכער דורך די איינצלנע שטערן, וואָס זענען געווען צעוואָרפן דאָ און דאָרט.

פון דער ווייט דערטראָגט זיך אַלע ווײַלע דאָס רודערן פון אַ צוג — די צוגן זענען נאָך אַלץ געגאַנגען. נאָר איבער די רעלסן האָט זיך שוין געלאָזט הערן יענער טרוקענער, צעריבענער, סקריפּנדיקער קלאַנג, וואָס קומט אַרויס פון אונטער די רעדער אויף רעלסן אין אַ פראָסטיקן טאָג...

און איבער דעם אַלעם — אַ ווינט, אַ גרויסער ווינט, וואָס בייטשט דעם נאַענטן אָקעאַן. דאָס וואַסער איז טונקל. און פון דער טונקל רייסט עס, און גוואַלדעוועט, און וואַרפט זיך, און שליידערט און דונערט.

וואָס ווייטער איז געשען יענעם אָוונט, איז אפשר נישט אַזוי וויכטיק, ווייל אין דעם איז נישט געווען גאָרנישט אויסערגעוויינלעכס.

מען האָט געשפּילט אַ פּינאָקל. מ׳האָט געטרונקען טיי — רויטברוינעם, גאָלדיקן טיי, קריינין האָט היינטיקן אָוונט שלעכט געשפּילט. מרס. לאַמדין האָט זיך געוויצלט אויפן חשבון פון זיין כמעט־שטענדיקער צעטראָגנקייט און פאַרטועכקייט. זייער אָפט, אינמיטן פון אירן אַ געשפּרעך מיט אים, פלעגט זי אירע רייד אָפּהאַקן, אים אָנקוקן אַ שטיקל צייט פאַרשנדיק און דורכדרינגענדיק, דערנאָך אים אָנעמען פאַרן אָרעם און אַ טרייסל טון:

— קריינין, אָ, קריינין! וואָס קוקט איר אַזוי... האָט איר געהערט, וואָס כ׳האָב צו אייך גערעדט?

און קריינין פלעגט זיך שווערן, פלעגט זיך בעטן, פלעגט פאַרזיכערן, אַז ער האָט קיין איין וואָרט נישט פאַרפעלט פון אירע רייד:

— אָט, וועט ער פאַר איר איבערדערציילן אַלץ, אַלץ, וואָס זי האָט אָקאָרשט געזאָגט...

און זי פלעגט אים אָנקוקן וואַרעם־ליבלעך, ווי מען קוקט אָן אַ צעבאַלעוועט, אַ באַליבט קינד... אַלע מאַנסבילן זענען דאָך קינ־דער — גרויסע קינדער, ווילדע קינדער — פלעגט מרס. לאַמדין טראַכטן. ס'איז נאָך גוט, וואָס ס'זענען דאָ פרויען אויף דער וועלט— מענטשן פראַקטישע, מיט מוחות אָפן פאַר די „קליינע" זאַכן פונם לעבן, וועלכע זענען אָבער דער אייגנטלעכער אינהאַלט פונם טאָג־טעגלעכן; מענטשן מיט אָפענע אויגן, מענטשן, וואָס האַלטן זיך נאָענט צו דער ערד.

אָט, זי אַליין האָט דאָך נאָך מיט יאָרן צוריק, נאָך זייענדיק אַ מיידל, ליב געהאַט קריינינגען — ער איז געווען דר. לאַמדינס אַ יוגנט־חבר. — חתונה האָבן האָט זי אָבער געהאַט מיט לאַמדינען... און זי, מיט איר מי, האָט עס געמאַכט אים פאַר אַ דאָקטאָר, אים זייער אַ סך געהאָלפן — מיט איר ווייבערשער נידעריק־ערדישער קלוגשאַפט און פאַרשטענדניש פאַר דער וויכטיקייט פון קלייניקייטן אינם מענטשלעכן פאַרקער—אין עטאַבלירן זיך אַ גרויסע פּראַקטיקע.

און חרטה האָבן האָט זי אויך נישט אויף דעם. ס'איז אמת — קריינין איז טאַקע דערנאָכדעם, מיט יאָרן שפּעטער, געוואָרן באַרימט. זיין נאָמען איז געוואָרן באַקאַנט צו טויזנטער און טויזנטער. אָבער ווער האָט זיך עס דען דעמאָלט געקאָנט ריכטן אויף דעם? מישטיינס געזאָגט, אַ שרייבער... און נאָך אַ יידישער דערצו.. ס'טרעפט דאָך מיט איינעם פון טויזנטער...

און עד־היום, ווען זי זעט אים, קריינינגען, האָט זי עפּעס אַ מאָדנע געמישט געפיל:

אי זי האָט נחת פון דעם, וואָס זי איז נישט געווען קיין נאַריש מיידל אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, ווען זי האָט קריינינגען ליב געהאַט:

זענען דאָך אירע אַמאָליקע האָפנונגען און גלויבן נישט גע־ווען קיין פוסטע קינדערייען פון אַ נאַרישער, פאַרליבטער מיידל... ער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן שרייבער!

און אי עס פאַרדריסט איר, וואָס ער איז יאָ געוואָרן

ערפאָלגרייך — אַך, ווען זי וואָלט עס דעמאָלט געוווּסט, אַז אַזוי וועט זיך אויסלאָזן, וואָלט זי דאָך מיט איך חתונה געהאַט..

זי האָט זיך געפייניקט מיט דעם, וואָס ס'האָט געזאָלט, געקאָנט זיין — און איז נישט געווען. יאָ, אוודאי — זי האָט זיך געפרייט צו זען, ווי עס וואַקסט אַלץ קריינינס ערפאָלג און רום, און אָבער מיט דעם איז אויך געוואַקסן איר ווייטיק און פאַרדראָס.

קריינין אָבער פלעגט נישט קומען צו אָפט צו די לאַמדינס אין הויז. לאַנגע, לאַנגע צווישנצייטן פלעגן אַריבערגיין צווישן איין באַזוך זיינעם און אַ צווייטן. בלויז אין דער צייט פון זיינעם אַ נייעם טריומף ערגעץ אין דער אומבאַשטענדיקער, אומפאַרלאָזלעכער, זיך תמיד־באַנייענדיקער און תמיד זיך־ענדערנדיקער וועלט פון „ליטעראַטור און קונסט”, פלעגט ער זיך פלוצלינג אין אַן אָוונט באַווייזן ביי די לאַמדינס אין הויז. אַ באַשיידענער אַזאַ, אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטער, אַ קלענערער, ווי געוויינלעך, אַן איינגעשרומפּענער, מיט אַ זיך־אַנטשולדיקנדיקן שמייכל, — עפּעס ווי ער וואָלט גאָר אָקאָרשט נישט אַ גרויסן טריומף, נאָר אַ גרויסן דורכפאַל געהאַט, געהערט אַ פאַרניכטנדיקע מיינונג וועגן זיך מצד די אייביקע מבינים.

נאָר מרס. לאַמדין פלעגט שוין וויסן, וואָס עס שטעקט הינטער דעם. זי פלעגט בשעת מעשה קלוג שמייכלען. מיט אירע ליכטנדיקע אויגן האָט זי געזען, ווי פון זיין עניוות שרייט אַרויס זיין גרויסער ערפאָלג, זיין טריומף — — — זי האָט קלאָר געזען, אַז ער קומט אומישנע אַהער אַרויסווייזן זיין נייעם נצחון — און זאָל עס איר וויי טון...

און דעמאָלט פלעגט עס פּאַסירן, אַז אינמיטן דרינען, מירנישט, דיר־נישט, פלעגט זי אַרומכאַפּן איר מאַן, אַזוי עפּעס פאַרשייטערהייט, מיט אומענדלעכער איידלקייט און ליבשאַפט, אים אָנהייבן האַלדזן און האַלדזן, און וואָרקען אַרום אים, ווי אַ ווייסינקע טייבעלע.

און קריינין פלעגט דערביי שמייכלען. אַז זי וואָלט וויסן, ווי אים האָט דאָך עס גאָרנישט געאַרט — לחלוטין גאָרנישט... פאַרקערט: ביי אים איז עס נאָך געווען אַ קרן. פון די ווייטיקן און

װוּנדן פֿלעגט ער דאָך קאָנען דערנאָך אױסשרײַבן די שענסטע זאַכן. נאָך אַלעמען, איז עס גוט, װאָס עס האָט זיך אױסגעלאָזט אַזױ, װי עס האָט זיך אױסגעלאָזט. דורך דעם אפֿשר איז ער דאָך געװאָרן אַזױ גרױס און טיף... דעם, װאָס עס איז נישט פֿאָרגעקומען, האָט ער דאָך אפֿשר צו פֿאַרדאַנקען זײַן גאַנצן ליטעראַרישן ערפֿאָלג.

אין דרױסן האָט אַלץ געװאָיעט דער װינט. נאָך שטאַרקער און שטאַרקער.

די פֿאָרהענגלעך אינװײניק אין הױז האָבן זיך געהױדעט. ס'האָט אױסגעקוקט, װי די גרױסע װינטן דרױסן רוקן זיך אַלץ נענטער אַהער, צום קלײנעם געזעמל מענטשן, װאָס אַרום דעם לאָמפּ, און די מענטשן אין שטוב װאַרטן הילפֿלאָז אױף דער מינוט, װען די װינטן װעלן ענדלעך די באָנגאַלאַ דערגרײכן און זי פֿאַרכאַפּן.

דער פּינאָקל האָט זיך עפּעס נישט אײַנגעגעבן. קרײנין האָט געשפּילט שלעכט. און באַלד, װי אָנגעשטעקט פֿון קרײנינס אָפּגע-לאָזנקײט, האָט דער דאָקטער אױך אָנגעהױבן צו שפּילן שלעכט. האָט מען גאָר אינגאַנצן, מיט אַ שװײַגנדיקן באַשלוס, איבערגעריסן דאָס שפּיל.

מרס. לאַמדין האָט דערלאַנגט נאָך טײ, נאָך צובײַסנס, נאָך אַ לאָמפּ אָנגעצונדן. דר. לאַמדין, אַ געניטער הױזװירט, האָט זיך באַמיט אַרױפֿצופֿירן דאָס געשפּרעך אױף ליטעראַרישע טעמעס, כּדי דערמיט צו נײטראַליזירן די געזעלשאַפֿט און אַרײַנציִען אַלעמען אין געשפּרעך. אַלע אין הױז האָבן זיך דאָך געהאַלטן פֿאַר נישט גאָר פֿרעמד אין אָט דעם ענין. אײן קרײנין האָט אָבער די גאַנצע צײַט אײַנגעעקשנט געשװיגן.

זײַן שװײַגן און זײַן פֿאַרפֿעלן אַרױסצוזאָגן זײַן אײגענע מײ-נונג אין די באַריִרטע פֿראַגעס האָט זײער דײַטלעך געגעבן צו פֿאַר-שטײן, אַז, ערשטנס, געפֿינט ער נישט פֿאַר מעגלעך אַרױסצוזאָגן בײַ דער ערשטער בעסטער געלעגנהײט זײַנע זײער אײגנאַרטיקע מײנונגען... און, צװײטנס, איז, בכלל, דער גאַנצער ענין ליטעראַטור אים נאָך אַזאַ דערעסענער, דאָס ברױט פֿון זײַן טאָגטעגלעכן לעבן און

די אייגנטלעכע לופט זיינע, אַז עס איז אים פּשוט דערווידער צו רעדן וועגן דעם.

דערפֿאַר האָט אָבער דר. ווייסגאַל גערן גערעדט. און גערעדט דווקא אַ סך... זיינע רייד האָט ער געמישט מיט אַ סך באַקאַנטע לי־טעראַרישע ווערטלעך, מיט סטערעאָטיפּע לאַטייניש ווערטלעך און העברעאישע פּסוקים. אָ, ער וועט אַזאַ געלעגנהייט נישט דורכלאָזן... פֿאַר קרייניינען האָט ער דאָך די גאַנצע צייט גערעדט, פֿאַר קריינ־נען. ווײַל ער, דער עלטערער, רייכער דאָקטאָר, האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פֿאַר דעם שרייבער דעם „געזאַלבטן פֿון גאָט״.

טאַקע, נישט אַנדערש, ווי אַ געזאַלבטער פֿון גאָט...

אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער דאָך אַליין געטרוימט צו ווערן אַ גרויסע שרייבערשע „באַרימטהייט״... שוין נישט איין סיפּור און נישט איין מאמר געהאַט אָפּגעדרוקט אין פֿאַרשידענע העברעישע צייטשריפֿטן און זשורנאַלן. אַ העברעאישער קריטיקער האָט נאָך אויף אים מיט דריי־סיק יאָר צוריק געזאָגט, אַז ער וואַקסט אַ צווייטער בראַנדשטעטער, און נאָך מער, ווי ער האָט אָפּגעדרוקט, האָבן זיך אים אינם יונגן צעהיצטן מח געראָיעט אָן אַ שיעור גאָלדענע פֿאַנטאַזיעס, ליכטיקע פּלענער און פֿיל־קאָלירנדיקע איינפֿאַלן...

נאָר אָט איז ער געקומען קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער אַ לאַנ־גע צייט שווער געקעמפט פֿאַר זיין חיונה, האָט גלײַך געמוזט אויפֿ־געבן אַלע זיינע שרייבערישע אַמביציעס — „אויף דערווײַלע״, האָט ער זיך אַלץ געטרייסט — און זיך אויסלערנען אַ פּראָפֿעסיע, אַ „מלאכה המפרנסת את בעלה״*). און דערנאָך האָט ער שוין געהאַט איין איינציקע אַמביציע:

— האָבן אַ „פֿינאַנציעלן ערפֿאָלג״...

און ווען ער איז שוין סוף־כּל־סוף געוואָרן אַ רייכער דאָקטאָר מיט אַ שטאַרקער געזיכערטער פּראַקטיקע, איז ער שוין געווען אַלט. ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי פֿאַר אַזאַ—דאַכט זיך: גאָר קורצע!— צייט, זענען אַנדערע שוין אויפֿגעשטאַנען אין דער ליטעראַרישער

---

*) אַ מלאכה, וואָס גיט פּרנסה.

פון אים וואָלט מען איצט זיכער חוזק געמאַכט. און אויסערדעם — דורכן משך פון אָט די לאַנגע יאָרן איז ער שוין געוואָרן אויסגע־וועפּט, אַלט און צעבראָכן. יאָ... ס'איז אים אַוודאי אָנגעקומען היפּש שווערלעך דער פינאַנציעלער ערפאָלג.

איז פון שרייבן האָט שוין איצט קיין רייד ניט געקאָנט זיין— קיין לעבנס־זאַפט. קיין שעפערישקייט איז שוין מער אין אים ניט געבליבן. איצט האָט ער געוואָלט בלויז איין זאַך, האָט געהאַט בלויז איין פאַרלאַנג: ער האָט געוואָלט, אַז די איבערגעבליבענע פּאָר יאָר פון זיין לעבן זאָלן דורכגיין גרינג און זאָרגלאָז, ענדלעך הנאה האָבנ־דיק פון די פילע שווערע יאָרן אַרבעט זיינע, פון זיין אַזוי שווער און מיט אַזוי פיל קרבנות דערגרייכטן ערפאָלג.

און לאַנג הנאה האָבן פון דעם איז אים שוין ניט געבליבן.

קיינער, אויסער די גאָר נאָענטסטע פון זיין פאַמיליע, האָט דאָך ניט געוווּסט, אַז דאָס פאָרט ער אין דער סוף יעדן ווינטער ניט צוליב ווילטיק־וועגן און ניט צוליב זיינע רייכע פּאַציענטן. ער האָט אַזוי געמוזט, ער האָט געליטן שוין אַ שטיק צייט פון אַ זעלטענער קרענק אַזאַ,—אַ קרענק מיט אַ לאַטייניש נאָמען. עס האָט געקלונגען, ווי דער נאָמען פון עפּעס אַן אויסטערלישן, זעלטן־שיינעם באָטאַנישן מוסטער, וואָס מע זעט אויסגעמאָלט שוואַרץ אויף ווייס אויף ברעט־לעך, צוגעקלאַפּטע צו די בוימער און פלאַנצן פון אַ באָטאַנישן גאָרטן...

אָט די קרענק האָט אָנגערירט הויפּטזעכלעך זיין האַרץ און זיין האַלז—דאָס האַרץ איז אים וואָס אַמאָל פאַרטרוקנטער געוואָרן און איינגעשרומפּענער. און די רייד־סטרונעס אין זיין האַלז זענען אים וואָסאַמאָל געוואָרן אַלץ שוואַכער, ווי איבערגעבּרענטער. איבער דעם האָט ער עס געמוזט אומבאַדינגט פאַרברענגען דעם קאַלטן וועטער אין דער סוף. זיין אָרגאַניזם האָט זיך גענויטיקט אין אַ באַזונדערער טעמפּעראַטור. אַ טעמפּעראַטור, וואָס האָט זיך געפונען צווישן גענוי באַשטימטע קליינע נומערן, העכער און נידעריקער פון נול פאַרענ־הייט. זיין גוף האָט זיך גענויטיקט אין אַ גענוי אויסגערעכנטן

אַטמאָספערישן פּייכטקייט־אינהאַלט — נישט צופיל נאַסקייט און נישט צופיל טריקנקייט, נישט צו הייס און נישט צו קאַלט, נישט צופיל זון און נישט צו־ווייניק זון. אָט אַזוי: געמעסיקט. רויק. פאַרנאַכטלעך. וועט ער אפשר קאָנען דערציען נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר.

די צאָל יאָרן, וואָס זענען אים נאָך פאַרבליבן צום לעבן, האָט אים געקלעקט בלויז אויף די פינגער פון איין האַנט.

מיט קנאה האָט ער תמיד געקוקט אויפן גליקלעכן, באַרימט־געוואָרענעם קרייניבען... אָט דאָס איז עס, וואָס ער האָט באַדאַרפט ווערן! אין קרייניבען האָט ער תמיד געזען זיך, — דאָס, וואָס ער, דר. ווייסגאַל, האָט געזאָלט זיין...

ער איז איצט געזעסן פאַר אים אַן אַרונטערגעפאַלענער, אַ בילקערער, אַ דערדריקטער, אַ פאַרפאַלענער — אַ מענטש, וועלכער האָט צעטרענצלט זיין לעבן אויף גאָרנישט, אויף געלט־זאַכן: אַ מענטש, וועלכער האָט פאַרשווינדלט זיינע בעסטע טעג אין אַ הבל־הבלימדיקער יאָגעניש — אַ יאָגעניש צו ווערן אַ „פינאַנציעלער ערפאָלג״.

און דר. ווייסגאַל פלעגט זאָרגפעלטיק נאָכפאָלגן קרייניבס וואַקסן, זיין שטייגנדיקן רום. עס פלעגט אים אַלעמאָל פרייען צו הערן — פונקט ווי ער האָט זיך געפרייט עס צו הערן היינטיקן אָוונט — פון קרייניבס אַ נייעם ערפאָלג. קרייניבס אַן ערפאָלג — וועלכער האָט דאָך אים זיכער געבראַכט חוץ דעם אויסערלעכן רום, אויך אַ טיף־אינערלעכע באַפרידיקונג — איז פאַר דר. ווייסגאַלן געווען אַ באַשטעטיקונג, אַ ווייטיקדיקע באַשטעטיקונג, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג, וועלכן ער, דר. ווייסגאַל, האָט געדאַרפט נאָכפאָלגן... און כאָטש ער האָט אים אין דער שטיל מקנא געווען, האָט ער אים דאָך געוווּנשן אַ ווייטערדיקן וואַקסן — פונקט ווי ער וואָלט דאָס אין קרייניבען געוואַקסן...

נאָר ער אַליין איז דאָך טאַקע נישט געוואַקסן. בלויז איין זאַך איז אין אים געוואַקסן, — געוואַקסן איז אין אים נאָכאַנאַנד זיין מיסטעריעלע קרענק צוזאַמען מיט דער וואָס אַמאָל אַלס צייטיקער ווערנדיקער איבערצייגונג, אַז זיין לעבן איז געווען אַ דורכפאַל.

און נאָך עפּעס איז אינאיינעם מיט דעם אַלעם געוואַקסן, — עס איז געוואַקסן די איינגעשרומפּנקייט זיינע, די אָפּשטאַרבונג... ער איז אָפּגעשטאָרבן ביסלעכווייז פון אינעווייניק אַרויס.

ס'איז געווען שטיל. אין דער שטילקייט האָט זיך נאָך שטאַרקער געהערט דאָס וואָיען פונם אָקעאַן. יעדערער, אין דער וואַרעם־באַלויכטענער שטילקייט, איז געווען פאַרטיפט אין זיך.

מיטאַמאָל האָבן זיך אַלע אומגעקוקט, און שטאַרק־פאַרוווּנדערט אָנגעשטעלט די בליקן אויף דאָס רויט־באַלויכטענע, שטאַרק־געזונטע פּנים פון דר. ווייסגאַל. ווייל פון דאָרט האָבן זיך עס די אומדערוואַרטעטע ווערטער געלאָזט הערן:

— גלויבט איר, מר. קריינין, אין דער אומשטערבלעכקייט פונם... פונם מענטשן... פונם מענטשן בכלל?

קריינין האָט געמישט מיטן לעפעלע זיין גלאָז טיי, ניט אויפגעהויבן די אויגן און האָט פאַרקרימט די ליפּן:

— נו, כ'ווייס... וואָס פאַלט אייך פּלוצים איין...

דר. לאַמדין האָט זיך פאַר קריינינען פאַרשעמט איבער ווייסגאַלס נאַרישער פראַגע, ער איז אַזש רויט געוואָרן. אָבער קריינינען האָט עס, אַפּנים, אָנגעהויבן אַמוזירן... איין אויג האָט ער נאָך אַלץ פאַראַכטלעך געערגערט געהאַלטן אויף דער גלאָז טיי. נאָר דאָס צווייטע אויג האָט ער עטוואָס אויפגעהויבן, עס נייגעריק אָנגעשטעלט אויף דר. ווייסגאַלן און אים באַטראַכט מיט אַן אָפענער נייגעריקייט, — באַטראַכט אים מיט אומפאַרשעמטער העזה, ווי עפּעס אַ מאָדנע זעלטענע באַשעפעניש...

— אַזוי, הייסט עס, אומשטערבלעכקייט ווילט זיך אים אויך. רייכקייט, געזונט, הצלחה, ערפאָלג — און נאָך אַ קאַפּיטשקע אומשטערבלעכקייט דערצו... גאָר נישקשהדיקע חזרים, די דאָזיקע ווילדע מענטשן...

איראָניש האָט ער אַרויסגעזייעט:

— ערלויבט, הער דאָקטער... איר זאָגט: אומשטערבלעכקייט... וואָס פאַראַ?.. די אומשטערבלעכקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, אָדער גאָר — פונם גוף?

— פונם גוף! — דער דאָקטער איז עקשנותדיק אויסגעגלייכט געוואָרן, איז געוואָרן נאָך רויטער, פון די אויגן האָבן פונקען זיך געשאָטן. — פונם גוף! פונם גוף!

דר. לאַמדין האָט אים אָנגעקוקט. קריינין האָט אויפגעהויבן דאָס צווייטע אויג. כאַ־כאַ, דעם אַלטן איז דאָס שוין איצט, אַפּנים, בעגאַנגען אין נצחון!

— ערלויבט... קוקט מיך נישט אָן אַזוי... דאָ איז נישטאָ קיין שום מעטאַפיזיק... איר, דר. לאַמדין, דאַרפט דאָך זיכער וויסן דערפון! מיר ווייסן דאָך אין דער מעדיצין פון אַזעלכע פאַלן! ס'איז דאָך נישט איינמאָל געלונגען אויפצוהאַלטן די לעבעדיקייט פונם האַרץ אַ היפּש שטיקל צייט נאָך דעם, ווי דער מענטש איז שוין געשטאָרבן, — פּשוט: קינסטלעך פּאָמפּענדיק בלוט דורכן האַרץ! ס'איז דאָך געלונגען, נישט איינמאָל אויפצוהאַלטן די לעבעדיקייט פונם מוסקול־געוועב פאַר אַ גאָר לאַנגער צייט שוין נאָכן אָפּשטאַרבן פונם מענטשן אינגאַנצן, דורך דעם, וואָס מען האָט באַזונדערס געשפּייזט די מוסקול־געוועב... ווייסט איר דאָך פון די בייסטע אָפּעראַציעס, ווו מען האָט איבערגעפלאַנצט די טהיראָיד־דריזן פון אַ יונגער חיה אין אַן עלטערן מענטשן — און דער עלטערער מאַן האָט צוריקגעקריגן זיין יוגנט? האָט איר דאָך געהערט וועגן דעם, אַז אַפילו די געשלעכט־דריזן ווערן אויך איבערגעפלאַנצט פון אַ יונגערער אין אַן עלטערער פּער־זאָן, און די עלטערע פּערזאָן קריגט צוריק איר געשלעכטלעכע קראַפט? היינט פאַרוואָס־זשע...?

קריינין האָט אים אָנגעקוקט נאָך אַ ווײַלע, ער האָט אים אָנ־געקוקט קאַלט, פון דער זייט, פרעמד. ווי אַ בוים ערגעץ אין פעלד, אַ פלוצלינג־אָנגעטראָפּענער בוים אויף אַ רייזע דורך אַ פרעמד פעלד. און דערנאָך איז שוין דער בוים נישטאָ. און קיין זכרון פון זיך לאָזט ער אין קאָפּ אויך נישט איבער. — — —

ער האָט באַלד פאַרדראָסיק פאַרדרייט דעם קאָפּ אָן אַ זייט. דאָס אַלץ האָט אים אָנגעהויבן דערעסן. ער האָט געמאַכט אַן אָפּ־דאַכל מיט דער דלאָניע איבערן מויל, און האָט אַ גענעץ געטון אָן אַ זייט. דר. לאַמדין האָט דאָס באַמערקט, האָט זיך צו אים צוגע־רוקט — ווי איבערבעטן, איינגעמען אים.

— ווי געפעלט אייך, ווי ער רעדט דאָס נאַרישקייטן... ער ווערט שוין אַלט און עבר-בטל... וואָס איז דאָ די וויכטיקייט... נאָך אַ פּאָר יאָר, נאָך אַ פּאָר יאָר... צום סוף וועט זיך דאָך אַלץ דאָסזעלבע איבערחזרן: אז ס׳וועט קומען צו ד ע ם, צום שטאַרבן, וועט ווערן אומעטיק... קאַלט... און לעבן אייביק—אין דער איצטיקער געשטאַלט, אין דער, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט.—וואָלט נאָך זיכער געווען אַ גרעסערע קללה, ווי דער איצטיקער טויט... מענטשן וואָלטן זיך סוף־כּל־סוף אַליין גענומען בעטן, מע זאָל זיי צונעמען פונדאַנען... דעריבער זאָג איך: דער גוף, ווי דער גוף! וואָס ס׳איז אונז אָבער יאָ נויטיק—איז דער ג ל ו י ב ן... דער גלויבן אין דער אִ י ד ע ע פון אומשטערבלעכקייט, אויב איר ווילט.,. לאַכט נישט!.. יאָ, יאָ!

קריינין האָט גאָרנישט געלאַכט. ער האָט בלויז געגענעצט.

און דר. לאַמדין האָט נאָך עפּעס גערעדט — גערעדט פאַרטיפט און זייער וויכטיק. קריינין האָט זיך צו זיינע רייד ניט צוגעהערט— ער האָט בלויז געקוקט אויף זיינע ליפּן, ווי זיי באַוועגן זיך. רויטלעכע, בלוטיקע, פייכטע, בחורשע. איז ער אויך געוואָרן פאַרטיפט— אין באַטראַכטן יענעמס ליפּן. נישט אומזיסט, הייסט עס, האָט זי אים אויסגעקליבן... ביידע האָבן זיי דעריבער נישט געהערט, וואָס מרס. לאַמדין, וועלכע האָט זיך גאָר נאָענט צוגערוקט צו דר. ווייסגאַלן, האָט ביי אים אַזוי בעטנדיק-גיריק אויסגעפרעגט:

— דאָקטאָר... דאָקטאָר... זייט אַזוי גוט, דאָקטאָר, דריקט זיך אויס קלאָרער... וואָס מיינט איר — העלפט עס טאַקע? אינדעראמתן? האָט עס טאַקע שוין געהאָלפן? דאָס הייסט, ווי מען פלאַנצט איבער אין דער עלטערער פּערזאָן די געשלעכטלעכע דריזן פון אַן אַנדערן, אַ יונגערן מענטשן, אָדער גאָר פון אַ חיה? און איז דער עקספּערימענט געמאַכט געוואָרן אויף פרויען אויך? זייט אַזוי גוט, דאָקטאָר דריקט זיך אויס קלערער...

זי איז שוין געווען מיט אַ היפּשע פּאָר יאָר עלטער פאַר דר. לאַמדינען, איר מאַן.

אין דרויסן האָט געמוזט איצט פאָרקומען מיטן-נאַכטיקער אָקעאַן־וויכער.

דאָס וואַסער האָט אַזוי שטאַרק געפּאַטשט און זיך געשליידערט אין אָקעאַן, אַז מע האָט דאָ אין הויז אַלץ קלאָר געהערט, אַז מע פּלעגט נאָך ריידן, איז געווען צו דערליידן. ווי אָבער דאָס געשפּרעך פּלעגט אויף אַ ווײַלע שוואַכער ווערן, פּלעגט דער שטורעם זיך דורכ-ברעכן דורך די דינע באַנגאַלאָ-ווענטלעך. אַ פּייפן, אַ בייסנדיקע נאַס-קייט, אַן אומהיימלעכער, זיך-פאַרדרייענדיקער וואָיען אין אַן אומ-סופיקן שלשלת.

האָט מרס. לאַמדין, כּדי אָנצעווייען מער היימישקייט, דערלאַנגט נאָך טיי, נאָך צובייסנס, נאָך אָפּיציעלע פריינטלעכקייט... פון דעם לעצטן האָט מרס. לאַמדין פאַרמאָגט גאָר אַ רייכן שפּייכלער. זי האָט שוין איצט אַזוי קלוג געררודערט דאָס געשפּרעך, אַז עס זאָל אַרויפ־קומען אויף רייזן. אומגעפער אַזוי: שטורעם, אָקעאַן, שיפן באַנאַכט, שיפבּרוך,—לאַנגע רייזן... נסיעות איבער אייראָפּע, אַמעריקע, דרום־אַמעריקע...

און באַלד האָט שוין דר. ווייסגאַל, פאַרטרוימט, קיינעם פון די אַרומיקע ניט זעענדיק און עפּעס דאָך זעענדיק—געזעדט פון זיין יערלעכער נסיעה נאָך פלאָרידאַ.

— ער׳ט פאָרן מיטן שיף?

ניין, ער איז שוין פאַר דעם צו אַלט... ער וועט עס מוזן מאַכן, וואָס שנעלער, מיטן דרומדיקן עקספּרעס.

דר. לאַמדיק האָט זיך אָנגערופן:

—אַך, ווי עד וואָלט איצט געוואָלט אָנהויבן רייזן... רייזן אַזוי יאָר־אַיין, יאָר־אויס... ער דערמאָנט זיך. ער האָט איינמאָל געמאַכט אַ קורצע, האַלב־יאָריקע נסיעה קיין אייראָפּע... און ער קאָן זאָגן: יעדער טאָג פון זיין נסיעה איז פאַר אים געווען, ווי ער וואָלט גע־לעבט אין חלום, געלעבט אין אַ זוניקן לאַנד... יעדע נייע שטאָט—אַ נייע זעאונג...

קריינין האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שמייכלעלע פונאויבן אַרונ־טער, ווי אַ קינד—ווי אַ קלענערן פון זיך:

— נו, איך בין זיכער, אַז איר וואָלט דאָך נישט געוואָלט אַרומרייזן יאָר־איין, יאָר־אויס, יאָר־איין, יאָר־אויס! וואָלט אייך דע-מאָלט נישט געמוטשעט דער געדאַנק, אַז אַלע אייערע שיינע חלומות,

אַלע אייערע זעאונגען וועלן אַזוי צעשווומען ווערן, צערונען ווערן, אָן דעם, אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן — פאַרבלייבן כאָטש פאַר אייך? אָדער פאַרבלייבן פאַר עמעצן אַנדערש?

דר. לאַמדין האָט אים אָנגעקוקט פאַרווונדערט. ער האָט פּראָטעסטירט.

—וואָס ווילט איר... אַז מיך גייט גאָרנישט אָן דאָס שרייבן! אַז מיר גייט גאָרנישט אין לעבן, אַז עמעצער אַנדערש זאָל וויסן פון דעם, וואָס איך לעב דורך און זע... פאַר מיר וואָלט גענוג געווען דאָס, וואָס איך אַליין לעב דורך אַלע מיינע טעג און זעאונגען — וואָס איך אַליין פיל יומטובדיק־אַרומפאָרנדיק מיין גאַנץ לעבן! — — אַז ביי אייך איז אַלץ שרייבן!

קריינין האָט אַ פאַרקרימטן שמייכל געגעבן. אין געדאַנק האָט ער איצט געמאַכט איינע פון זיינע קלוג־ביטערע באַמערקונגען:

— זיי, די, וועלכע מען רופט „סתם־מענטשן", — זיי ווייסן דאָך גאָרנישט, וואָס דאָס לעבן איז! און דאָס לעבן ווייסן זיי ניט, ווייל זיי רעפלעקטירן נישט וועגן אים... ווייל ווייסן דען חיות, בוימער, שטיינער זייער לעבן, מעג מיט זיי כ'ווייס וואָס פאַסירן? אַז זיי זענען אומבאַלעבטע זאַכן... שטיינער...

ער האָט אַ קוק געטון פון אויבן אַרונטער אויף די דריי אַרום טיש. אָ, ער האָט זיך איצט — און תמיד — אַ סך, נישט אין ערך אַ סך געפילט העכער פון זיי!

און, דעם אמת געזאָגט, האָבן עס די דריי אַרום טיש אויך שטאַרק געפילט, ווי קריינין טורעמט איבער זיי. זענען זיי דעריבער גאָר אַנטשוויגן געוואָרן.

דאָס געשפּרעך האָט זיך נאָך אַביסל אַזוי געשלעפּט, געשלעפּט פאַמעלעכקע, מיט אָפטע איבעררייסונגען, ביז וואַנען עס איז אָן כוחות אויסגעגאַנגען.

קריינין האָט זיך אויפגעהויבן. עס איז שוין שפּעט. ער האָט דאָך געוווינט ווייט פונדאַנען — אַזש אין די בראָנקס.

די באַלעבאַטים האָבן אים שטאַרק געבעטן פאַרבלייבן דאָ נאָך אַביסל. „וווהין וועט איר גיין? אַזאַ שטורעם, אַזאַ קאַלטע פינסטערניש

דרויסן...״ גאָר זיי זענען געווען פונדעסטוועגן צופרידן, וואָס ער האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדן.

אַז ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, האָבן זיי, ניט אויסריידנדיק קיין איינציק וואָרט, מסתמא אַלע פאַרבליבענע אין הויז געהאַט דעמזעלבן געדאַנק.

— ס׳איז שווער צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון אַ גרויסן מענטשן... ער דריקט—סיי מיט זיין רעדן, און סיי—און נאָך מער—מיט זיין שרייענדיקן שווייגן.

קריינין האָט ניט געגוי אויסגערעכנט די צייט. אַז ער איז צוגעקומען צום קליינעם דיפאָ*), איז שוין דער צוג געהאַט אַוועקגעגאַנגען מיט אַ צען מינוט צוריק.

אין ט אינם שפעט-אָוונט און שפעט האַרבסט, פלעגן די צוגן גיין זעלטן. ביזן צווייטן צוג איז אויסגעקומען צו וואַרטן נאָך אַ גאַנצע שעה, אומקערן זיך צו די לאַמדינס האָט ער זיך געשעמט. ס׳איז אים דעריבער גאָרניט אַנדערש איבערגעבליבן, ווי זיך לאָזן גיין איבער די גאַסן.

זיי זענען געווען ליידיקע, די גאַסן. ליידיק, פונקט ווי די הייזער מיט די פאַרקלאַפּטע טירן, פאַרשלאָסענע לאָדנס אָדער שוואַרץ-בלאַנקענדיקע פענצטער. פאַפּירן האָבן זיך געדרייט אינדערלופט. אַלץ האָט דער ווינט אַרומגעדרייט.

ער האָט זיך איינגעצוירעט. ס׳איז געווען קאַלט.

ס׳האָט אים שטאַרק געערגערט. נאָך אַ גאַנצע שעה—און דערנאָך גאַנצע צוויי שעה ביז וואַנען ער וועט קומען אַהיים. צוויי שעה מיט אַ שפעט-נאַכטיקן צוג... פע. ער וועט, הייסט עס, אויפשטיין מאָרגן גאָר שפעט. דער מאָרגנדיקער טאָג וועט שוין זיין ביי אים, הייסט עס, אַ פאַרפאַלענער. ווייל ער קאָן טון זיין שרייבערישע אַרבעט בלויז אינדערפרי.

— שאַ, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, וועט ער ניט אַרבעטן איין טאָג!

---

*) װאָקזאַל.

דאָס איז צו אים געקומען, ווי אַ פלוצלינגדיקע דערליידונג, אַן אומדערוואַרטער אויסוועג, אויף וועלכן ער האָט זיך גאָרנישט גע־קאָנט ריכטן. אָך, ס'איז דאָך אַזוי פשוט... אין אַזעלכע איינפאַכע ווערטער... און פונדעסטוועגן האָבן זיי אים געקלונגען מאָדנע, אַזוי ליכטיק — אַן אומדערוואַרטע בשורה פון באַפרייונג...

אָבער באַלד האָט זיך ווידער אַ יאושדיקע קאַלטקייט גענומען רוקן אויף אים:

— וואָס דען... וואָס אַנדערש וועט ער דען טון?

ווייל אַלעמאָל, נאָכדעם ווי ער האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט אַ ליטעראַרישע אַרבעט, פלעגט, נאָך דער קורץ־דויערנדיקער צייט פון באַרויקנדיקער באַפרידיקונג, אָנקומען אויף אים תמיד עפּעס אַ מין פוסטקייט, אַן אויסגעליידיקטקייט, אַ דערשעפונג... ער פלעגט זיך אַ שטיק צייט נישט וועלן אַפילו צורירן צו דער פען, צוגיין צום שרייבטיש. ס'האָט אים פשוט געעקלט דערפון. און אַפילו אַליין די אָפּגעטונענע אַרבעט איז אים שוין איצט געווען פרעמד, ניט זיינס— פאַר פרעמדע, פאַר פרעמדע איז זי שוין איצט באַשטימט געווען, — אַ ווערק אַ פרעמדס, מיט אַן אייגן, זעלבשטענדיקן לעבן!

יאָ... איצט וואָלט ער געדאַרפט נויטיק ווי דאָס לעבן, ערגעץ אַוועקפאָרן: זיך דורכלופטערן, זיך אָפּרוען, אָנקלויבן נייע איינ־דרוקן — — —

אָבער וווהין וועט ער פאָרן? זיין אַרבעט, אָדער די אומאויפ־הערלעכע און באַשטענדיקע צוגרייטונגען פאַר איר, האָבן אים תמיד אינגאַנצן איינגעשלונגען און אים כמעט נישט דערלאָזט זיך צונויפ־קומען מיט אַנדערע מענטשן אין יענע קליינע, אומבאַדייטנדע „גע־זעלשאַפטלעכקייטן", אין יענע מענטשלעכע צוגעלאָזנקייטן, וועלכע זענען נייטיק, כדי צו פאַרבינדן אַ פריינטשאַפט. האָט ער בלויז געהאַט אויבנאויפיקע באַקאַנטשאַפטן — און קיינע פריינט. ער איז געווען אַליין.

אָדער זאָל ער גאָר גיין צו די יעניקע טויזנטער פאַרערער זיינע — וועלכע ער קען נישט און וועלכע זענען אים אַזוי פרעמד? וואָס בינדט אים דען צו צו זיי, — די פרעמדע, די זייטיקע.

אַך, ווי ער וואָלט איצט גערן פאָרגענומען אַ רייזע ערגעץ...

אָבער מיט וואָס פאַרא מיטלען? טפו, זיי האָבן דאָך טאַקע אַלץ, אָט די דר. ווייסגאַלס, און קריינין האָט זיך הונגעריק און קנאהדיק אָנגעכאַפּט אָן איינעם פון זיי — אָן דעם רויט־געזונטן דר. ווייס־גאַלן, וועלכן ער האָט געקענט. אין אַזאַ קורצער צייט — ווי ער איז געוואָרן שטיין־רייך... פאַרט יעדן ווינטער קיין פלאָרידאַ. ער האָט נאָך אַוודאי אַ גאַנצן אָוונט געמוזט קוקן אויף אים, אויף קריי־נינען, פון אויבן אַרונטער און באַטראַכטן אים, דעם דאָזיקן לא יוצלח, מיט באַדויערן, וואָס, מיט זיין גאַנצן שרייבערישן „ערפאָלג" איז ער דאָך פאַרבליבן אַ קבצן, אַ קבצן... יאָ, ער, ווייסגאַל, האָט זיך טאַקע גאַנץ פרי אומגעזען, וואָס עס איז גוט און ריכטיק פאַר איי־נעם צו טון אין לעבן, ער האָט געכאַפּט דעם ריכטיקן שניט אין לעבן: ער האָט אויפגעגעבן באַצייטנס זיינע שרייבערישע אַמביציעס, ער איז געוואָרן רייך — און גליקלעך.

אַ פראָסט האָט זיך געקליבן אויף מאָרגן.

שטיקער רויט־פאַרפרוירענע וואָלקנס זענען געהאָנגען איבער־הויך, רויט־ליכטיקע וואָלקנס. ס'איז אָבער נישט געווען צו זען, פון וואַנען זיי האָבן געקריגן זייער רויטע ליכטיקייט. ס'האָט אויסגעזען: ס'האָט קאַלט געברענט אויף יענער זייט הימלען.

די וועלט איז געווען פוסט.

אויף אַ ראָג גאַס האָט קריינין דערזען, ווי עפּעס אַ ברייטע פיגור האָט זיך פאַרקערעוועט און זיך געלאָזט גיין צום אָקעאַן. זיין האַרץ האָט מיטאַמאָל אויפגעקלאַפּט צום פרעמדן, — אַזוי איז אים געווען איצט אומהיימלעך, נאָר די טריט זענען באַלד פאַרשטאָרבן אינם זאַמד.

ס'האָט אים געסמאַליעט דאָס פּנים פונם פראָסטיקן ווינט.

מינוטן זענען פאַרלאָפן נאָך מינוטן, דער צוג האָט שוין באַלד געדאַרפט אָנקומען. קריינין איז אָבער מיטאַמאָל געוואָרן גלייכגיל־טיק צו דעם. אים האָט אָפּגענומען דער חשק זיך אומקערן אַהיים, זיך אומקערן צו זיין איינציקן חדר, — צווישן די פרעמדע מענטשן, אין דער אייגענער וווינונג, האָט ער זיך געלאָזט צום וואַסער־צו.

אַריינקומענדיק אין גאַס, וווּ די לאַמדינס האָבן געוווינט, איז

ער גייך אַריבערגעגאַנגען אויפן אַנדערן טראָטואַר, זיך געהאַלטן דאָרט האַרט ביי די ווענט, אַז מען זאָל אים צופעליק נישט באַמערקן דורך די פענסטער ביי די לאַמדינס.

דאָרט איז נאָך אַלץ געווען ליכטיק. און אין דער אויפרעגונג, וועלכע איז איצט געשטיגן אין קריינינען, האָט זיך אים פאָרגע־שטעלט, ווי זיי ביידע דאָרט באַרעדן אים איצט. און אינדערצאַמתן: וואָס-וואָס, די מרס. לאַמדין האָט טאַקע געמאַכט אַ גוטן בייט. זי האָט געקריגן אַ מאַן, ביי וועמען זי איז דאָס ווילטיקסטע אינם לעבן — דאָס ערשטע. און ער, קריינין — ער איז פאַרבליבן מיט גאָרנישט, — נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד, נישט קיין היים, נישט קיין אייגן ווינקל. אומעטום איז ער באַקאַנט, אומעטום—אַן אָנגענומענער גאַסט, און אומעטום—אַ פרעמדער...

ער איז, נישט פילנדיק אַליין, אַ שטיק צייט שוין אַזוי שטיין געבליבן אויפן טראָטואַר. ער האָט זיך געוואַרעמט קעגן דעם לייכטנ־דיקן פענסטער אויף יענער זייט גאַס. ער האָט גאָרנישט געפילט דעם פראָסט. אַרום און אויף זיינע וואָנסן האָבן אָנגעהויבן אָנ־וואַקסן גרויע, האָריקע אייז־ליכטלעך.

דאָס פענסטער האָט זיך פלוצלינג אויסגעלאָשן... נאָר ער איז נאָך אַלץ געבליבן שטיין אויפן פראָסט... און באַלד האָט זיך אים געגומען פאָרשטעלן, ווי די צוויי אויף יענער זייט פענסטער, האלו־בען זיך איצט, הנאה־האָבנדיק איינס פונם אַנדערן אין דער קאַלטער נאַכט. און ווער ווייסט... אפשר טראַכט זי איצט נקמהדיק פון אים, קריינינען. — זי לאַכט אָפּ פון אים, בשעת אירע ליפּן שמייכלען פאַרקרימט אונטער דר. לאַמדינס קושן.

— אַז מען וויל, האָט ער, קריינין, דאָך אַפילו קיינמאָל נישט ליב געהאַט אויף אַן אמת. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט אַזויפיל געשריבן וועגן ליבע, שרייבן. זיין גאַנץ לעבן איז פאַר־לאָפן אין שרייבן...

אים האָבן איצט נאָכגעיאָגט און געהייצט לאַמדינס ווערטער: „אַז ביי אייך איז דאָך אַלץ שרייבן". אמת, ביי אים איז אַלץ גע־ווען שרייבן, אָדער פאָרבערייטונגען צום שרייבן. אַלץ איז געווען אַן אָפּנאַרעריי. פונם לעבן גופא, ווי אַ „געוויינלעכער" מענטש, האָט

ער דאָך קיינמאָל נישט הנאה געהאַט. און אין דעם פּרט איז ער אוודאי געווען אָרעמער פון אַלעמען, איינער פון די אָרעמסטע...

ס'האָט אים איצט הנאה געטון צו ערגערן זיך, צו שניידן זיך פּאַסנוויז, צו געפינען אַלץ מער באַווייזן, אַז זיין לעבן איז געווען — כ'ווייס וואָס! דאַן האָבן אים זיך מיטאַמאָל דערמאָנט די ווערטער פון זיינער אַן אַמאָליקער געליבטער, פון איינער אַ פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט (אין יענע צייטן, ווען ער האָט ערשט אָנגעהויבן שרייבן, האָט ער נאָך געקאָנט ליב האָבן) און וועלכע איז געווען גרייט צו טון פאַר אים אַלץ. ער האָט איר אָבער געהאַט געזאָגט, אַז זיי מוזן זיך פונאַנדערגיין, ווייל זי איז אים אַ שטערונג: איר ליבע, הייסט עס, פילט צו־פיל אויס זיין אינערלעך לעבן... און איר ליבע לעבט אין אים אויפן חשבון פון זיין שרייבן, — זי גענומט בײַ אים צו זיין שרייבן.

דאָס מיידל האָט אים דעמאָלט געענטפערט:

— גוט, לאָמיר זיך פונאַנדערגיין. פאַרן פונאַנדערגיין זיך וויל איך דיר אָבער זאָגן איין זאַך. איך בין דיר איצט אויך נישט קיין פיינט. איך ווינטש דיר דאָס, וואָס דו ווילסט אַזוי שטאַרק — אַ ליטעראַרישן ערפאָלג. אָבער מער גאָרנישט.

און ער האָט איצט, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם, געפילט, ווי איר ווונטש, איר קללה איז מקוים געוואָרן... טאַקע, ער האָט מער גאָרנישט געהאַט. ער איז בלויז געווען ליטעראַרישער ערפאָלג.

אַ דערדריקטער, אַ ליידיקער, מיט אַ רייסנדיקן געפיל פון אַליין-זיין אויף דער וועלט — איינער אַליין צווישן מיליאָנען פרעמדע — האָט ער זיך ענדלעך כמעט מיט גוואַלט אָפּגעריסן פונם אָרט, ווו — ס'האָט זיך אים געדאַכט — ער האָט עפּעס איבערגעלאָזן, און זיך געלאָזט גיין ווייטער דורך די ליידיקע גאַסן, צום ברעג-צו, צום אָקעאַן.

ליידיקע בלייכקייט פונם זאמדיקן אָקעאַן-ברעג האָט זיך בלויז געהעלט און דערנאָך טיפער, טונקל. און אינם טונקל האָט זיך

שוין פאַרגעשטעלט: שטורעם, טויבער גערויש. דאָס מאָלן פון אומגעהויערע מיל־שטיינער. דאָס קלאַפּן פון וואַסער־וואַלן אָן פעלזיקע ווענט. וואַסערן אויף וואַסערן. וואַסער־בערג איבער וואַסער-בערג. נאַכט. וואַסער. אָקעאַן.

אַזוי ווי אין דער אַרומיקער טונקל איז נישט געווען קיין איין און איינציקע זאַך, וואָס זאָל קאָנען צוציען זיין בליק, האָט ער אַ קוק געטון אין דער הויך, אויפן הימל־סופיט, — אַ זאַך, וועלכע ער פלעגט זעלטן טון. ווייל שוין אַ לאַנגע צייט, אַז ער האָט דאָרט גאָרנישט געזען: ער איז דאָך געווען צו-קלוג און צו-ניכטער פאַר אַזעלכע סענטימענטאַליטעטן.

פינטעלעך, פינטעלעך. גאָלדענע, בלייכע. שטילע, ציטערנדיקע. אָט איז דער רויטער געזונטער שטערן מיטן נאָמען, וואָס האָט גאָרנישט געמיינט פאַר קריינינען. ער איז געווען אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע שטערן מיט אַ היפּשער ליידיקער בלויקייט, מיט אַ שטאַרקערער שוויינדיקער ליכטיקייט, — די קאַנטן זיינע שאַרפער אָפּגעגרענעצט קעגן רויקן טיף-בלוי. אָט דער דאָזיקער שטערן — האָט קריינין זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אַמאָל וועגן דעם געלייענט—איז זיבן און צוואַנציק מאָל אַזוי גרויס ווי די זון. אַ סך לבנהס דרייען זיך אַרום אים, סאַטעליטן... ער, דער דאָזיקער שטערן, איז אַזוי ווייט פון דער ערד, אַז עס נעמט זיינעם אַ שטראַל, וואָס „פאָרט“ דורך דער לופט מיט דער גיכקייט פון זעקס און אַכציק טויזנט מייל אַ סעקונדע, גאַנצע הונדערט און פופציק יאָר, ביז ער דערגרייכט די אויבערפלאַך פון דער ערד... און קריינין האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך פאָרגעשטעלט די קאַלטע ערד-לופט און די וועלט-פוסטקייט, וואָס אַרום דער ערד-לופט, און ער האָט געזען, ווי דער שטראַל פאָרט, פאָרט אַזוי אומענדלעך און אייביק...

אַ מידער האָט זיך קריינין אַנידערגעזעצט אויף אַ קאַלטן, פייכטן פעלז. און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, ווי ער האָט אָנגעהויבן ווערן קלענער, ער האָט עפּעס אַזוי ווי אָנגעהויבן איינוואַקסן, איינשרומפּן, וואַקסן אויף צוריק... ער איז אַזש געוואָרן אַ קליינע מילב, וואָס דאָס אומגעהויער גרויסע אויג פון דער וועלט קאָן קוים זען דורך אַ פאַרגרעסערונגס־גלאָז פון מילי־מיליאָסן שטאַרקייט...

ער איז געוואָרן אַ גאָרנישט, אַ גאָרנישט, — פּונקט, ווי דאָס גאַנצע אַרומיקע לעבן איז אויך גאָרנישט—אַ דמיון בלויז, אַ חלום פון אַ—עמעצנס?—אָפּגעוואָרפענער פאַנטאַזיע—אפשר — האָט ער ווייטער געטראַכט, שאַרנדיק מיט די שפּיץ שיך די שטיינדלעך אויפן אָקעאַן-ברעג—זענען צו איינעם פון יענע ווייטע שטערנס אויך צוגעקלעפּט אַזעלכע מילבן-מענטשלעך, ווי דאָ צו דער ערד, און זיי רעגן זיך אויך אויף פון אַלערליי נאַרישקייטן און קלייניקייטן, און באַטראַכטן אויך די גאַנצע וועלט, ווי זי וואָלט דערעיקרשט פון זיי, פון די מילבעלעך, אַרויסגעגאַנגען, און פון זיי איר לעבן גענומען... און יעדעס מילבעלע דאָרט שפּילט אויך זיך דורך דאָס לעבן אויף איר אופן, מיט אַזאַ גוואַלטיקער ערנסטקייט, פּונקט ווי זי וואָלט אויסגעפּילט די גאַנצע וועלט... און די דאָרטיקע מילבעלעך פּלאָנטערן זיך אויך איינער דעם אַנדערן אין וועג, פאַלן אויך אָן איינער אויפן אַנדערן און שטעכן זיך מיט די הערנערלעך...

אין דער הויך האָבן אַלץ שטיל געשיינט די שטערן און ווייניק אַכט געלייגט אויפן רוישיקן אָקעאַן אונטן. די אָנוועזנהייט פון אַזויפיל פרעמדע וועלטן האָט נאָך קריינינען געמאַכט פיל נישטיקער און ווערטלאָזער. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, ווי ער האָט איינמאָל געהערט—קלוגע, קיינמאָל נישט רועוודיקע מענטשן! — אַז ס'וועט אַמאָל אפשר מעגלעך זיין פאָרן פון איין שטערן צום צווייטן אויף אַזעלכע לופט-באַנען. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי גוואַלטיק ער האָט זיך דעמאָלט געפרייט, ווען ער האָט וועגן דעם צום ערשטן מאָל געהערט. נאָר אים האָט עס איצט נישט געפרייט מער—אים האָט אָט די דאָזיקע טרייסט אויסגעזען נאַריש, איז וואָס דעריבער? לופט-באַנען פון שטערן צו שטערן—פּונקט ווי די דראָטלאָזע אַפּאַראַטן און די אָקרענטן פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט. זיי פאַרגרעסערן בלויז די אומרויקייט און דאָס פונאַנדערפאַלן, דאָס פונאַנדערפליען און דאָס פונאַנדערשטויבן פונם מענטשן—אין אַ דינעם שטויב, וואָס וועט זיך דורך יאָרן און יאָרן צעשפּרייטן איבערן גאַנצן וועלטאַל. צוזאַמען מיטן חרוב ווערן פון דער וועלט.

און אפשר—האָט קריינין מיט קילן אומעט ווייטער געטראַכט—אפשר וועט עס נישט פאָרקומען אַזוי פאַמעלעכן, אַזוי שטיל-נאָכאַנאַנד. נאָר

גאָר פֿלוצלינג... אפֿשר גייט שוין איצט זיכער זיין אָנגעצייכנטן וועג אינם פֿירמאַמענט יענער שטערן, וועלכער וועט זיך אַמאָל שטעלן אין וועג דעם גאַנג פֿון אונזער ערד — און דעמאָלט וועט עס נעמען מיטאַמאָל אַן עק, און, שטויבעלעך, וועלן מיר זיך ווידער אַרומדרייען אין דער וועלט-פּוסטקייט, פּונקט, ווי פֿאַר וועלט-באַשאַף.

און אַלע זיינע פֿאַרדרוסן, און זיינע ערגערנישן פֿון היינטיקן אָוונט און פֿון זיין גאַנץ לעבן האָבן אים מיטאַמאָל אויסגעזען אַזוי נישטיק, אַזוי הבל־הבלימדיק, אַזוי קליין — אַזוי מיאוס־קליין און אַזוי ווייטיקדיק-אומפֿאַרמיידלעך.

און דער אָקעאַן האָט דאָרט אַלץ געְרוישט אין דער טונקל — גערוישט נאָכאַנאַנד, אָן אויפֿהער.

אייביק האָט ער זיך אַלץ געגאָסן אויף דער ערד, דער אָקע-אַן, וואַסער און טונקל אויף דער ערד. קריינין איז דאָ, אויפֿן ווייטן און פּוסטן אינזל-ברעג, געווען איין מענטש,—איין מענטש צווישן פֿרירנדיקער ערד און פֿאַרפֿלייצנדיקן וואַסער.

ער האָט זיך ווידער געלאָזט גיין. נאָר באַלד, אַ מידער, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ צעפֿוילטן קלאָץ, אָן וועלכן ער האָט זיך אין דער פֿינסטער אָנגעשלאָגן. — גוט איז אויך אָט דער קלאָץ, — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט זיך אויף אים אַנידער־געזעצט. און באַלד איז אויף אים אָנגעקומען אַ באַרויקונג.

ער האָט זיך מער נישט געפֿילט דערדריקט—ער האָט זיך גע־פֿילט שווייגנדיק. ער האָט אָנגענומען די זאַכן, ווי זיי זענען. וואָס איז דער חילוק—אַלץ איז אַ שפּיל.

ס'האָט זיך דערהערט אַ שאָרכן איבער די שטיינדלעך אויפֿן ברעג. קריינין האָט זיך אומגעקערט. ער האָט דערזען אַ ברייטע, געזונט־פֿלייציקע פֿיגור, וועלכע האָט זיך פֿאַראומערט דערווייטערט פֿונם ברעג, מיטן קאָפּ אַרונטערגעלאָזן. אָן דעם אויסשניט פֿון דער פֿיגור, אַנטקעגן דער בלוי פֿון דער נאַכט, האָט קריינין דערקענט דר. ווייסגאָלן. יענער האָט זיך דערווייטערט פֿונם ברעג מיט אַזעל-כע יאושדיקע טריט און מיט אַזאַ פֿאַרפֿאַלענעם אויסדרוק פֿון זיין סטולפּעוואַטער, געבויגענער פֿיגור, ווי ער וואָלט דאָ ביים ברעג אַ שטיק צייט געשטאַנען, אַרויסגעקוקט אויף זיינע אָקרענטן, וועלכע

האָבן זיך פון ערגעץ אַ ווייטער נסיעה געדאַרפט צוריקקערן, און ענדלעך האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן...

קריינין האָט זיך אַ ווײַלע געוווּנדערט, ווי אַזוי ערנאָך דער דר. וויסגאַל האָט אויך געפונען דאָ אַהער דעם וועג. נאָר קיין סך וווּנדערן זיך האָט ער נישט געקאָנט. ער איז געווען מיד. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. און אונטער די אויגן האָט ער געפילט, ווי דער אָקעאַן רוקט זיך אַלץ ווייטער אויף דער יבשה... אַלץ איז שוין אונטערן וואַסער. קריינין איז שוין אויך אונטן. נאָר איבער אים איז געווען אָקעאַן און נאַכט—און רו.

1920

װעלװל אַגרעס

א

— װעלװל אַגרעס.. װעלװל אַגרעס...

אין דער זוניקער שטילקייט פונם פאַרלעגענעם אָזערע-ברעג האָט ער פאַרנומען שטילע מיידלשע קולות, װעלכע האָבן אַרויסגעשעפּטשעט זיין נאָמען. און אפשר האָט זיך עס אים נאָר אויסגעדאַכט, און קיינער האָט אים גאָרנישט גערופן ביים נאָמען. װייל װעלװל אַגרעס איז געװען אַ מענטש אַ מאָדנער און אַ פאַרטראַכטער, — אַ מענטש מיט אַ קליינעם, מאָגערן גוף און מיט אַ גרױסן הויך-שטערנדיקן קאָפּ. און אונטערן הויכן שטערן זיינעם האָט זיך געראָיעט אַ װעלט אַ גאַנצע, — פאַר אַלעמען אַן אומגעזעענע װעלט, — אַ װעלט מיט ליכטיקע מעשיות, און גאָלדענע פאַנטאַזיעס, און געזאַנגען.

יאָ... איז אפשר האָט זיך עס אים בלויז אויסגעדאַכט... אָבער טאָמער טאַקע נישט?

זיין לייכט-אויפציטערנדיקער און גרינג-זיך-אָנצינדנדיקער מוח האָט אים מיטאַמאָל פאָרגעשטעלט:

— װער װייס... עס קאָן דאָך זיין דאָס, װאָס ביי אים איז נאָך אומזיכער, איז שוין ביי אַנדערע אַ געװיסהייט.

זיין נאָמען, הייסט עס, װאָס ער האָט אָקאָרשט געהערט פון צװישן די בּרייט-בלעטערדיקע קאַשטאַנען-בוימער אַרויס, האָט דאָך געקאָנט קומען פון עטלעכע באַקאַנטע שטאָטישע מיידלעך, װעלכע זענען אויך װי ער, אַרויסגעפאָרן צום „באָקאַי"-אָזערע איבערן זונטיק.

די דאָזיקע מיידלעך זענען אַוודאי איצט הינטער אים איבערן שליאַך געגאַנגען, אַרויפגעקוקט אויף די געלע שטעכעדיקע קאַשטאַ-נען-שיידלעך, ווי קליינע לעמאַנדלעך, און פאַר זיך אין שטיל אַזוי געטראַכט:

—וועלוול אַגרעס... וועלוול אַגרעס... ער איז דאָך, אייגנטלעך, אַ ווילער מענטש און אַ האָרעפּאַשנער אַרבעטער... האָט תּמיד אין זינען בלויז זיין ווייב און זיינע קינדער, און באַהאַנדלט זיי אויפן בעסטן אופן... דאָס ווייב זיינס, זאָגט מען, האָט ער נאָך איצט אויך שטאַרק ליב — ממש ליב, ווי אַ חתן האָט ליב זיין כלה אין דער לעצטער וואָך פאַר דער חתונה.

איז וואָס נאָך, וואָס מער קאָן זיך דען אַ מיידל פאַר דער חתונה פאָרשטעלן וועגן איר צוקונפטיקן מאַן?

און איין מיידל האָט דעמאָלט אָנגעהאָנגען אַ פאַרוווּנדערטן, אַן אויפוואַרפנדיקן בליק אויף דער צווייטער מיידל. דער דאָזיקער בליק האָט געזאָגט:

— נו... איז וואָס זאָגסטו... דאַרף נאָך אַ ווייב ביי אַזאַ מאַן זינדיקן? כ'בעט דיך, וואָס זאָגסטו אויף איר קאָפּ, האַ?

אין דעם פאַרטראַכט-ווייטלעכן בליק, וואָס די צווייטע מיידל האָט געוואָרפן אויף די ליכטיקע אָזערע-פלעקן, וואָס האָבן זיך דורך די בוימער דורכגעלויכטן — שטיקער בלויקייט דורך טיף-גרין — האָט זיך געלייענט אַ נישט-אַרויסגעזאָגטער ענטפער:

— אַך, ווען איך וואָלט... ווען איך וואָלט אַזאַ מאַן געהאַט!

און אין דעם זעלביקן פאַרטראַכטן בליק האָט מען געקאָנט איבערלייענען נאָך אַן אומעטיקן, נאָך אַ פאַרטראַכטן געדאַנק:

— יאָ...

אַזוי איז עס שוין: קיינער שעצט נישט דאָס, וואָס ער פאַר-מאָגט.

ב

וועלוול אַגרעס איז געגאַנגען מיט פאַרגיכערטע טריט, ער האָט זיך מיט אַלע כחות איינגעהאַלטן ניט אומקוקן זיך אויף הינטן.

— טאָמער דערזעט ער טאָקע דאָרט צוויי מיידלעך, וואָס קוקן

מיטליידנדיק אויף אים?

זיין פּנים איז רויט געוואָרן, זיך צעפלאַמט. אַ סך קליינע האָמערלעך האָבן אים אָנגעהויבן קלאַפּן אין האַרצן און אין די שלייפן.

— אוי, גאָט! אוי, דערבאַרעם זיך...

ער האָט געבעטן ביי אים, ביי גאָט, בסך־הכל אַ קלייניקייט: ער זאָל ביי אים צונעמען די דאָזיקע אַלע ביטערע מחשבות און ספקות.

— איז עס מעגלעך, אַז פרעמדע רעדן שוין וועגן דעם? און דער עיקר, — אַז זיי ווייסן?

יאָ... עס קאָן זיין, אַז זיי ווייסן טאַקע — אַלע ווייסן... אַך, ווען ער וואָלט אויך געוווּסט... געוווּסט אויף געוויס!

ער האָט אָבער נישט געוווּסט. און איצט האָט ער זייער שטאַרק וועגן דעם נישט געוואָלט טראַכטן. צוליב דעם איז ער דאָך, אייגנטלעך, אַרויסגעפאָרן אַהער, אינם פּאַרק, איבערן זונטיק. זיין פרוי האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן מיט אים. זי האָט זיך געפילט עפּעס נישט געזונט. פון דערווייטנס, פונם טאַנץ־פּאַווילאָן, האָט זיך געלאָזט הערן מוזיק־שפּילן און אַ דערווייטערט שאָרכן פון פיס. פון אַלע זייטן האָבן זיך מענטשן געצויגן אַהין. איז ער אויך אַהינגעגאַנגען, כאָטש ער האָט נישט געטאַנצט.

און אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך שטיל געפרייט מיט דער זון אינם פּאַרק, מיט די לאַכנדיקע קולות פון די דורכגייער און מיטן געלן זאַמד אויפן אָזערע־ברעג. און ער האָט אַלץ געוואָלט, אַז דער טאָג זאָל זיך ציִען און ציִען... אַז ער זאָל דאַרפן גיין אַהיים שפּעטער, שפּעטער, אַלץ שפּעטער... קליינע פליגעלעך און פיל־פיסיקע אינסעקטן זענען אַרומגעשפּרונגען איבערן וואַסער־פלאַך און מיט זייערע דינע, געבויגענע פיסעלעך אויסגעדרייט משונהדיקע טענץ אויפן וואַסער־ליילעך. פון צווישן די בוימער אויף דעם קעגנאיבערדיקן ברעג האָט זיך אַ ווייס הויז אַרויסגעלויכטן. און וועלוול אַגרעס איז באַלד אַריינגעפאַלן אין חלומות, — פונקט אַזוי ווי עס האָבן דאָרט געחלומט די ווייסע הייזער אַרום דער אָזערע, די הייזער, וואָס האָבן זייערע געשטאַלטן אָפּגעשיילט פון זיך, זיי אין וואַסער אַריינגעוואָרפן,

און דערנאָך בענקענדיק אַרויסגעקוקט אויף זיי, אויף די אייגענע דער־ווייטערטע געשטאַלטן.

אַזוי ביז פאַרנאַכט; ביז אָוונטיקייט און טונקלקייט האָבן דאָס וואַסער פאַרצויגן. דאָס ווינטל, וואָס האָט זיך דורכן גאַנצן הייסן טאָג אויסגעבאַהאַלטן צווישן די בוימער-געדיכטקייט, האָט מיטאַמאָל, מיט אַ שטיפעריש דערשרעקנדיקן שפּרונגל, זיך אַ לאָז געטון אויף די מענטשן ביים וואַסער.

— אָטאָ... אָט בין איך ווידער דאָ.

און וועלוול אַגרעס האָט אַ ציטער געטון. איז עס געווען בלויז פון קאַלטקייט?

דער זונטיק איז שוין געווען פאַריבער. דאָס ביסל אָפּגעגנבעטע אַריינגענאַרטע רו איז באַלד צערונען, ווי אַ חלום. אין דער מחשבה האָבן זיך שוין אַרויסגערוקט, איינס נאָך איינס, די זעקס אָנקומענ־דיקע וואָכעדיקע טעג. טעג מיט וואָכעדיקייט, און אומקלאָרקייט, און אומרויקע ספקות.

ג

נאָך פאָרנדיק אינם צוג, וואָס האָט זיך געצויגן צו דער נאָ־ענטער שטאָט מיט אַן איינגעקשנטקייט — אַ שוואַרץ-נעקייטלטער לאַנגער צוג דורך דער בלויער בין־השמשות־לופט — האָט זיך צו וועלוול אַגרעסן אומגעקערט דאָס, פון וואָס ער איז אַנטלאָפן דורכן טאָג.

און אָט: ער האָט שוין געזען זיין שטוב פאַר זיך... אַ פוסטע און אַן אָוונט־ליידיקע, מיט זומערדיק-פונאַנדערגעעפנטע אומבאַלויכטענע פענסטער. קיינער איז אין שטוב נישטאָ, נישט ער און נישט זי. די קינדער, נישט קיין אויסגעטועטע און הונגעריקע, שלאָפן האַלב־ויצנ־דיקערהייט אויף די שטולן...

אָבער אַז וועלוול אַגרעס איז ענדלעך אינב שפּעטלעכן אָוונט אַהיים אָנגעקומען, איז עס געווען פונקט פאַרקערט: עס האָבן אים די וואַרעם-באַלויכטענע פענסטער באַגעגנט מיט היימישקייט. די קינ־דער זענען געשלאָפן אין די בעטן, אויסגעטועטע, אַרומגעוואַשענע און אָנגעקאָרמעטע. אַ שטילער רויקער קינדערשער אָטעמען, ווי אַ

גרינגפליקן וואַסערל, האָט זיך געטראָגן אַהער פון שלאָף-צימער.

ער איז טאַקע אין שטוב נישט געווען. נאָר זי, די ווייב זיינע, אַ ריין־אָנגעטוענע און אַ היימיש־פּאַרפּוצטע, איז געזעסן בײַם געגרייטן טיש און געוואַרט, אַ פּאַרטראַכטע. דאָס ווייב זיינס האָט, הייסט עס, געוואַרט אויף זיין אָנקומען...

יאָ, אין שטוב האָט געשמעקט מיט איינגעהאַלטענער דערוואַרטונג. אָדער אפשר — מיט דער נאָגנדיק־פּוסטער שטילקייט, וואָס ציט זיך פון די ווינקלען פון אַ חדר נאָכדעם, ווי אַ נאָענטער איז פון דאָרט אַוועקגעגאַנגען.

ניין, אַגרעס האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלייבן אין דעם מיין פון דער איצטיקער שטילקייט פונעם חדר.

ער האָט געזאָגט גוט אָוונט און זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש. געדאַכט האָט זיך אים, אַז ער עסט.

— וואָס ביסטו געקומען אַזוי שפּעט? די קינדער האָבן געוואַרט און געוואַרט און זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דיר. אַ גאַנצן אָוונט האָב איך מיך מיט זיי אומישנע אַרומגעשפּילט, כּדי זיי זאָלן דיך קאָנען זען פאַרן שלאָפן — און צום סוף געמוזט זיי פּאָרט לייגן שלאָפן. ס'איז שוין געוואָרן שפּעט.

איר שטילע שטים האָט אויפגעטרייסלט די לופט אַרום אים, אַרום וועלוול אַגרעסן, און דאָס האַרץ אין אים: עס האָט ווידער שטאַרק געקלאַפּט... ווער האָט עס דען בײַ איר געפרעגט, ווער? פאַרוואָס דערציילט זי עס אים, אַז זי האָט זיך אַ גאַנצן אָוונט אַרומגעשפּילט מיט די קינדער? צוליב וואָס גיט זי עס אים אָנצוהערן, אַז אַליין, אָן די קינדער, איז זי אין הויז נישט געווען? קעגן וואָס פאַרטיידיקט זי זיך?

די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט בלוט. ער האָט זי שוין באַלד גאָרבישט געזען. אָ, ווען ער וואָלט שוין זיי באַלד אין הויז נישט געטראָפן — ביידן אין הויז נישט געטראָפן! וואָלט אים דעמאָלט אַ סך גרינגער געווען... ער האָט איצטער געבענקט נאָך דעם אין געווונשן, אַז עס זאָל האָבן אַזוי פּאַסירט. נאָר איצטער, אַז יענעם איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פריער, טאָ וואָלט זי כאָטש געשוויגן! און אים האָט געשראָקן די דאָזיקע געטריישאַפט, וואָס זי

האָט אים איצט אַרויסגעוויזן.

ער האָט אויף איר געוואָרפן אַ סקאָסנעם בליק, געוואָלט עפּעס אין איר דערקענען.

אַ בלייך־פאַרטראַכטע איז זי געזעסןביים טיש און אַריינגעקוקט אין לאָמפּ. ס׳איז קלאָר: זי האָט דאָך אפילו נישט געהערט דאָס, וואָס זי האָט אים געזאָגט... זי האָט גאָר געטראַכט איצט וועגן עפּעס אַנדערש, ווען זי האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער. זי נאַרט אים אָפּ אפילו איצט, אין דער זעלבער מינוט. וואָלט זי שוין גע־שוויגן בעסער...

געוווסט האָט ער, וועלוול אַגרעס, אַז דאָס גלייכסטע איז, ווען ער פרעגט ביי איר מער גאָרנישט.

צו וואָס דאַרף ער נאָך האָבן די טאָפּלטע מוטשעניש פונם גע־דאַנק, אַז אויב אפילו זי באַרויקט אים, איז דער ענטפער אירער סיי ווי נישט קיין אמתער? און ס׳וועט אים נאָך דערצו דעמאָלט אויך פאַרדריסן, וואָס ער האָט זי הושד געווען אומזיסט...

יאָ, ער האָט פאַרשטאַנען, פרעגן וועגן אַזעלכע זאַכן, מיינט גיין אויף אַ גליטשיקן וועג. אָבער, ווען ער האָט עס פאַרשטאַנען, איז שוין די פראַגע געווען אויף יענער זייט פון זיינע ליפּן:

— זאָג נאָר, זאָשע... וואָס האָב איך, הייסט עס, דיך געוואָלט פרעגן... יאָסל... איז יאָסל געווען דאָ היינט נאָכמיטאָג?

ד

ער האָט שטאַרק צוגעדריקט זיין ברוסט צום שאַרף פונם טיש. עס איז געווען אַ סגולה, אַז דאָס פאַרשטאַרקטע האַרץ־קלאַפּן זיינס זאָל נישט דערגרייכן צום זייטיקן אויער.

די אויגן האָט וועלוול געהאַלטן בשעת־מעשה אַרונטערגעלאָזן, ערשטנס, כּדי ער זאָל מיט זיין נאָכאַנאַנדיקן פאָרשנדיקן בליק נישט אַרויסקריגן פון איר קיין געצוווּנגענעם ענטפער. ער וויל, זי זאָל אַליין, מיטן פרייען אייגענעם ווילן ענטפערן! צווייטנס, טאָמער וועט זי שוין מוזן זאָגן אַ ליגן, זאָל ער זי כאָטש נישט פאַרשעמען.

און אונטער דער רויקייט פונם פּנים מיט די אַרונטערגעלאָזענע אויגן האָט ער שוין אויך פאָרויס געהערט איר ענטפער: „ניין“. און

ער האָט שוין באַצייטנס אָנגעהויבן פילן, אַז עס איז אַ ליגן, אַ ליגן.

— יאָ, — האָט זי אָבער געענטפערט, און אַזוי גלייכגילטיק געענטפערט — ער איז דאָ געווען דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, יאָסל, ער איז ערשט אַוועקגעגאַנגען מיט עטלעכע מינוט פריער, איידער דו ביסט אָנגעקומען.

וועלוועלען האָט איר ענטפער געקלונגען אין די אויערן, — מיט גרויסע קלאָרע, זומערדיקע ווערטער. יאָ, ער איז דאָ געווען, דעם גאַנצן נאָכמיטאָג. און זי האָט עס אַזוי רויק אַרויסגעזאָגט... אַזוי רויק, אַזוי ריין... ביין, ס'איז אַלץ גאָרנישט.

נאָר נאָך איידער וועלוול האָט צייט געהאַט צו האָבן די פולע פרייד פון אָט די שטילע, פרייע רייד, זיין ווייבס, האָט זיך שוין אויף זיי אַרויפגעכאַפּט אַ שאָטן.

— אָן, פאַרוואָס האָט ער אויף איר נישט געקוקט, בשעת זי האָט אים געגעבן דעם ענטפער?...

דאָס, וואָס זי האָט גערעדט מיט אַזאַ געוויינלעך־גלייכגילטיקן טאָן, איז אים שוין איצט אויסגעקומען אויפפאַלנד. עס איז זיכער אַן אָפנקייט, אונטער וועלכער עפּעס באַהאַלט זיך. עס איז אַן אַרויפּ־געצווונגענע גלייכגילטיקייט... יאָ, זי טראָגט אויף זיך אַ מאַסקע.

ער האָט איצט שוין נישט געוואַגט אויף איר אַ קוק צו טון. אפשר—אפשר וואָלט ער אין איר איצט עפּעס דערקענט? אפשר—אפשר האָט זי גאָר בשעת־מעשה געשמייכלט?...

און אַז ער האָט סוף־כל־סוף זיין בליק פונם טעלער שטשאַוו אויפגעהויבן, האָט ער דערזען: איר בליק איז אין טעלער געווען דערטרונקען — שטאַר אַזוי און שטייף, ווי שוין פון אַ לענגערער צייט. אפשר, נאָך פון באַלד נאָכדעם, ווי זי האָט אים אָפּגעענט־פערט — איז וועלוועלען איינגעפאַלן. זיינע געוויינלעך־פאַרטראַכטע שמאָלע מאַנדל-אויגן האָבן אויף זיך איצט אָנגענומען אַ שאַרפקייט, אַ בייזע דורכדרינגלעכקייט. פונאַנדערגענומען האָבן זיי זיך איצט ברייט און גרויס און ווייט, וועלנדיק אַרויסרייסן אַ ווידוי פונם פאַר־הוילענעם האַרץ פונם דאָזיקן נאָענט־פרעמדן באַשעפעניש, אַרויסזויגן די פאַרבאָרגענע געדאַנקען פון איר מוח אַרויס.

נאָר זאָשע האָט אירע אויגן פונם טעלער אַלץ נישט אויפ־געהויבן.

— פון וואַנען האָט זיך עס צו אים, דעם פאַרחלומטן, אין־זיך פאַרטיפטן מענטשן, גענומען איצט אַזאַ שטאַרקייט און איינגע־שפּאַרטקייט?...

נאָך אַלעמען, האָט זי געטראַכט, זענען דאָך אָט די סאָרטן מענטשן, ווי איר מאַן, אַזעלכע אומבאַקאַנטע און אומגעוויינלעכע: זיי האָבן אַלע מאָל עפּעס אַ מין פּרעמדקייט און נייקייט אין זיך, אַן אומדערווייטערטקייט, — ווי זיי וואָלטן זייער אָפּט אויף איבער אַ נייס באַשאַפן געוואָרן.

איר פּנים איז פאַרבליבן בלייך־אויסגעצויגן, אָנגעשטרענגט.

און דאָ, זיין לעפּל פאַרשטעקט צווישן די ציין, וועלכע האָבן זיך נישט באַוועגט, האָט וועלוול דערזען: זי לייגט אַוועק איר לעפּל אויפן ווייסן טעלער־ברעג, נישט פאַרענדיקנדיק דאָס עסן. זי הויבט זיך אויף פון טיש, גיט אַ פויל־זיסן געגעניץ און ציט פונאַנד'ער אירע הענט, ווי אַ צלם אין ביידע זייטן. דערנאָך באַהעפט זי זיי, אירע הענט, איבער איר קאָפּ, — עס קוקט אויס, ווי צוויי גענז וואָלטן זייערע העלזער אויסגעשטרעקט איינס צום אַנדערן און זיך באַהעפט מיט די שנעבעלעך. איר ברוסט, אַ פולע און אַ וואַרעמע, רוקט זיך דורך אָט דער באַוועגונג אַרויס היפּש פאָרויס פאַר איר. אַ ווייך־שלעפעריקער שמייכל ליגט איצט אויף איר פּנים.

— איך בין אַזוי מיד, וועלוול... איך האָב אַזש קיין כּוח נישט פאַרענדיקן מיין סאַפּער... אַ גאַנצן טאָג זיך אָנגעהאָרעוועט מיט די קינדערלעך... איך גיי אַרויף אין דער הויך זיך לייגן שלאָפן. וועסט דאָך באַלד אויך אַרויפקומען, וועלוול?

ער האָט איר נאָכגעקוקט מיט שטילקייט און מיט וווּנדער.

שוין זייענדיק ביי דער טיר, וועלכע האָט געפירט אין דער הויך, האָט זי זיך אומגעקערט צו אים מיט איר פולן געשטאַלט. אַ ווײַלע איז זי אַזוי געשטאַנען, אַ הויכע און אַ פול־ברוסטיקע, באַ־לויכטן מיט דעם בלוי־געלבלעכן גאַז־ליכט. אַ פרעמדע אַזאַ און אַן אומבאַקאַנטע, אַ דערווייטערטע און אַ שיינע. אַגרעסן האָט אַזוי גע־קלאַפּט דאָס האַרץ; אפילו פון דער ווייטן וואָלט מען עס געקאָנט

הערן, אין שטוב איז געווען שטיל. זי איז דאָרט אַ ווײַלע געשטאַנען שווייגנדיק אַזוי, און ער, וועלוול אַגרעס, האָט פונדערווייטנס זי באַטראַכט און געוואַרט... אויף וואָס האָט ער געוואַרט, וועלוול אַגרעס האָט געוואַרט, אַז פון אירע ליפּן זאָל באַלד אַרויסקומען אַ לעצט וואָרט, אַ וואָרט, וואָס זאָל באַשטימען זיין גורל! נאָר זי האָט בלויז געזאָגט:

— זאָלסט נישט פאַרגעסן, וועלוול, אויסדרייען די לאָמפּן, אַז דו וועסט אַרויפגיין שלאָפן! און קום באַלד אַרויף, וועלוול, עס איז שוין שפּעט...

אַ זיס-מידלעכער שמייכל האָט אירע ליפּן פונאַנדערגעעפנט, ווי אַ רויטלעכער שניט פון אַ וווּנד. אירע אויגן זענען איצט געווען פאַרצויגן מיט דער מאָדנער פאַרן-שלאָף-ליבשאַפט, וואָס ער האָט גוט געדענקט פון גאָר די ערשטע טעג פון נאָך זייער חתונה, און אַגרעסן האָט דאָס האַרץ באַלד אויפגעהערט קלאַפּן. אַ קילער שוידער איז אים דורך איבערן לייב.

ה

זיי זענען געווען פאַרהייראַט שוין פון אַ לענגערער צייט; שוין צוויי קינדערלעך געהאַט. וועלוול איז געווען אַן איבערגעגעבענער שטילער מענטש. ער האָט אַלעמאָל געדאַנקט גאָט פאַר דעם, וואָס ער האָט אים באַשערט. אויף זיין קליינעם גוף איז געזעסן אַ קאָפּ מיט גרויסע פאַנטאַזיעס און אינם גוף — אַ גרויס האַרץ. איז אַמאָל, בשעת דער אַרבעט, ווען ער פלעגט זיך שטאַרק פונאַנדערקלאַפּן מיטן האַמער אויף אַ פּאָדעשווע — ער איז געווען אַ שוסטער—פלעגט זיך אויך שטאַרק פונאַנדערקלאַפּן זיין האַרץ: דאָס בלוט פלעגט זיך אין אים פונאַנדערשפּילן... זיין מוח פלעגט צעהיצט ווערן מיט מאָדנע פאָרשטעלונגען, און אַלץ אין אים פלעגט אָנהויבן זינגען. אַזאַ מין סאָרט מענטש איז ער געווען.

איז בשעת דער אַרבעט האָט ער דאָך קיין צייט נישט געהאַט. און אַ חוץ דעם: ער פלעגט דאָך זיינע געזאַנגען און פאַנטאַזיעס במילא אַרויסזינגען פון זיין בלוט, קלאַפּנדיק מיטן האַמער אויף די פּאָדעשוועס גאַנצע טעג. דערפאַר אָבער אין די פרייע מינוטן, ווען

ער פֿלעגט דאַרפֿן גיין איינקויפֿן לעדער אָדער שטיפֿטלעך, אָדער וואַקס, אָדער גאָר נאָכן טאָג אַרבעט, שפּעט ביינאַכט, — דעמאָלט פֿלעגט ער מיטן פּען זיינע בלוט-געזאַנגען אויפֿן פּאַפּיר אויסדריקן. צוליב זיך און צוליב אַנדערע: ס׳פֿלעגט אים אַמאָל געלינגען זיי אָפּדרוקן אין אַ יידישן טאָג-בלאַט, וואָס איז ערשינען אין דער נישט-וויטער גרעסערער יידישער שטאָט — אין קליוולאַנד.

אמת טאַקע. — קיין גרויסער שרייבער איז ער נישט געווען. און ווי וואָלט זיך אַזאַ איינער אָנגעזען אין ניו־יאָרק! ער איז גע־ווען אַ שטילער, אַ באַשיידענער מענטש; צווישן מענטשן, עטוואָס אַ דערשראָקענער. אָבער ווער האָט עס אים געקאָנט פֿאַרווערן צו האָבן גרויסע, מאָדנע חלומות און פֿאַרלאַנגען?

אָט האָט זיך אים, אַ שטייגער, געוואָלט, אַז זיין ווייבס ליבע צו אים זאָל אָנהאַלטן אַלעמאָל, דורך לאַנגע יאָרן, דורך זיין גאַנץ לעבן, וואָס דאָס איז דאָך אינגאַנצן אוממעגלעך. און דאָס האָט דאָך אויך בלויז באַוויזן, וואָס פֿאַר אַ פֿאַנטאַזיאָר ער איז געווען, — אַז ער האָט קיינמאָל נישט געלעבט אין אַ גרויסער שטאָט, צווישן מאָ־דערנע, געבילדעטע לייט, וועלכע ווייסן זאַכן בעסער, און זענען קליגער.

יאָ.

זיין פֿרוי האָט ער זייער ליב געהאַט. און עס איז געווען איר געשטאַלט, וועלכע פֿלעגט אים זיין בלוט אין די טעג און אין די נעכט אויפֿזינגען. אָבער דאָס פֿלעגט דאָך אַלץ זיין אין דער שטיל, ווען ער האָט זי געבענטשט און ווען ער האָט צו איר געזונגען. איז וואָס־זשע איז דער וויב זיינער פֿון דעם אַרויסגעקומען? ער פֿלעגט דאָך צו איר קיינמאָל נישט רעדן וועגן זיין ליבע, נישט חנפֿהנען איר פֿרויען-אַמביציע, און זי קיינמאָל נישט פֿאַרשיכּורן מיט רעגנ־בויגנדיקע ווערטער.

אָט, דערפֿאַר זיין ברודער — ער איז שוין גאָר געווען אַן אַנדער מענטש... ער איז געווען אַ היינטיקער, אַ מענטש פֿון אונ־זערער אַלץ-ניכטער־זעענדיקער צייט, אַ מענטש, וואָס נעמט זיך גאָר־נישט צום האַרצן. און ער איז אויך געווען אַ פּאָעט — טאַקע אַן אמתער פּאָעט. אַ פּאָעט מיט ווייכע, זיך חנדלדיקע באַוועגונגען,

מיט אַ ווייכער, מיידלשער, זיסער מינע אויפֿן פּנים, מיט שעמעוודי־קע, בלייכע הענט, מיט אַ גרויסער גריווע האָר און גרינע אויגן. אַך, וואָס איז דאָ צו רעדן — יענער איז שוין זיכער געווען אַ פּאָ־עט, — יענער האָט אין דער ווייטער שטאָט ניו־יאָרק געוווּנען גרויסן רום נאָך בײַ זײַן לעבן און זייענדיק נאָך גאָר אַ יונגערמאַן!

יאָ, אַז איינעם איז באַשערט.

און דערפֿאַר האָט וועלוול, מיט עטלעכע חדשים צוריק, מיט גרויסער פֿרייד געלייענט זײַן ברודערס בריוו, ווו עס איז געשטאַ־נען, אַז ער, יוסף, קלויבט זיך צו קומען צו אים, אין דער קליינער מיטל־וועסטלעכער שטאָט, אויף אַן אומבאַשטימטע צײַט.

זײַנע געשעפֿטן, הייסט עס, זענען דאָרטן, אינם גרויסן יידישן וועלט־כּרך, נישט געגאַנגען כּשורה... קיינמאָל נישט געהאַט קיין שטענדיקן „דזשאָב". אַ ליד דאָ, אַ ליד דאָרט, אָדער גאָר איבערזע־צונגען פֿון בעבעלן, צי ענגלס, צי קאַרל מאַרקס — אַ שוידערלעכע, טרוקענע, פּ ר ע מ ד ע אַרבעט. און מיד איז ער שוין, קענטיק אויך געווען פֿון דעם גרויסשטאָטישן לעבן, און אין כּעס איז ער, אַפּנים, דאָרט געווען אויף אַ גאָר היפּשער צאָל מענטשן, וועלכע האָבן זיך שוין צו אים געהאַט צוגעווּינט, און אים מער נישט אָפּגעגעבן זײַן ערלעך־פֿאַרדינטן, שרײַבערישן כּבוד. יאָ, ניו־יאָרק איז טאַקע אַ גרוי־סער כּרך, און פֿאַר וועמען ער איז אַ וווּנדערלעך־פֿלאַמענדיקער טרוים — אָבער פֿאַר אים, פֿאַרן באַוווּסטן פּאָעט יוסף אַגרעס, איז ער שוין געווען צו־ענג.

ווען ער איז אַרונטערגעקומען צום ברודער, האָט ער בסוד אויך געהאַט באַהאַלטן נאָך אַ געדאַנק, — אַ שטענדיק־אומרויקן און תּמיד־אויפֿבליענדיקן געדאַנק. דאָ, אין דער שטילער פֿרעמדער שטאָט, וועט אים געלינגען אָנשרײַבן אַזעלכע וווּנדערלעכע, נײַע פּאָעמען, וואָס וועלן שטום מאַכן די מײַלער פֿון זײַנע לעצטע פֿײַנט און אויפֿ־ברויזן זײַנע פֿײַנטס אויגן מיט גרינער קנאה.

ער איז גאָרנישט ענלעך געווען אויף זײַן ברודער, יוסף — כאָטש קינדער פֿון איין טאַטן. אַ הויכער איז ער געווען, און אַ גלייכער. אַ קאָפּ האָט ער טאַקע געהאַט אַ קלענערן, ווי בײַ וועל־וולען. אַ קליין, פּלאַטשיק קעפּל, ווי דאָס קעפּל פֿון אַ שלאַנקער,

בויגיקער, פּראַלטיק־הויטיקער־שלאַנג. אָבער נאָך זיינע אויגן — זיי האָבן געבלישטשעט, ווי ביי אַ גנב; זיי האָבן געלויכטן, ווי ביי אַן אונטערצינדער... און אַז ער פלעגט רעדן צו אַ פרוי, פלעגט ער שמייכלען בשעת מעשה אַזוי הילפלאָז און אומשולדיק, ווי אַ קינד.

ער האָט זיך גלייך באַזעצט ביים ברודער ווו עסן און טרינ־קען האָט אים דערווייל גאָרנישט געקאָסט. און אַזוי ווי בעסערס האָט ער נישט געקאָנט טון, האָט ער מיטאַמאָל אַנטדעקט אין זיך אַ פּע־דאַגאָגישן טאַלאַנט: ער איז געוואָרן אַ לערער אין דער אָרטיקער תלמוד־תורה.

ו

עס האָט זיך אָנגעהויבן די וואָך.

די אונטערשטע סאַליע, וואָס גייט אַרויס צו דער גאַס צו, איז געברויכט געוואָרן פאַר אַן אַרבעטער־צימער. אין סאַליע איז געווען תמיד אָנגעוואָרפן. אויפן געשטעל, וואָס האָט וועלוועלען אָפּגעטיילט פון די אַריינקומענדיקע קונים, זענען געווען איצט, ווי תמיד אָנגע־וואָרפן שיך, שטיוועלעך, קאַמאַשן מיט איבערגעקערטע צעריסענע זוילן, מיט צעדרייטע נעזער, אַ ריח פון ניי לעדער, וואָס האָט זיך געווייקט אין שפּעלעך וואַסער, האָט אָנגעפילט די לופט. פון צייט צו צייט פלעגט זיך הערן דאָס גיך־גיכע דראָבנע קלאַפּן פון דער שטעפּ־מאַשין.

אין אַ הינטערשטן חדר פלעגט זיך דאָ אין הויז אַרומדרייען וועלוולס פאָטער, דער אַלטער אָרע אַגרעס. אַלט, אויסגעקרימט, איינ־געבויגן — אַן אַלטער, שוין צוריק אין דער ערד וואַקסנדיקער סענ־קעוואַטער עפּל־בוים. ר׳ אָרע איז שוין לאַנג געווען עובר־בטל, האָט געלעבט אין אַ צושטאַנד פון אַ האַלב־אָפּגעשטאָרבענעם, און מיט קיינעם כמעט קיינמאָל נישט גערעדט. און אָט דאָס, דאָס תמידע נישט רעדן זיינס, איז אפשר געווען דאָס קליגסטע אין אים, — דאָס האָט פאַראַטן, אַז אונטער דער אָפּשטאַרבנדיקער, צעשפּאָלטענער און פאַר־מאַכטער קאָרע גליט נאָך עפּעס, ברענט נאָך דאָס ליכט פון לעבנס־חכמה, אָנגעקליבן ביסלעכוויז דורך יאָרן און יאָרן. ער האָט שוין, הייסט עס, איצט פאַרשטאַנען די איבעריקייט און נישט־גענוגזאַמקייט

פון רייד: זיי פאַרטונקלען בלויז, פאַרדעקן, און מאַכן זאַכן אומקלערער... זיי מאַכן די פאַרפּלאָנטערטע מענטשלעכע מאָטיוון נאָך פאַרפּלאָנ-טערטער.

און דאָך האָט וועלוול זיך געפילט אַ סך גרינגער, ווען דער אַלטער פלעגט אַריינקומען אין אַרבעטס-צימער. ווען אין אַרבעטס-צימער זע-נען נישט געווען קיין קונים, פלעגט ר׳ אָרע אַריינגיין, פלעגט אָבער בשעת־מעשה אַלץ נישט אויפהערן צו דאַוונען און צו זאָגן. און אַלץ אויף אויסווייניק. אין די קעסטעלעך פון זיין זכרון זענען שוין ביי אים געלעגן אויסגעלייגט דער סידור און דער חומש, דער פרק און דער תהילים.

— נו, טאַטע, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס אויף דער וועלט?

דער אַלטער גיט אַ הויב די אַקסלען, אַ קוועטש מיט דער נאָז אַהין, אַהער, מיט אַ ביטולדיקן און אַוועקמאַכנדיקן אופן, וואָס האָט געזאָלט איבערגעבן זיין געדאַנק, אַז עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי נייעס אויף דער וועלט.

— וואָס זאָל זיך הערן נייעס? אָי, אָי, אָי... גאָרנישט נישטאָ, מיין קינד, גאָרנישט נישטאָ.

און דערנאָך האָט ער ווייטער געזאָגט, און געזאָגט, און גע־זאָגט... גיך, גיך, ווי אַ מיל:

— מור־מור־מור... אשר נתן לשכוי בינה... בלילה... מור-מור־מור... כוכבי בקר... מור-מור־מור־מור.

ז

אַ זייגער דריי פלעגט יאָסל אַרונטערקומען פון זיין צימער אויפן אויבערשטן שטאָק, גרייט צו גיין אין דער תלמוד־תורה אַריין. געוויינלעך פלעגט ער דורכגיין דורכן הויז אָן איינגעבויגענער, גיך. די מייסטע צייט פלעגט ער שווייגן, פילנדיק זיך טאַקע אפשר איינ-זאַם, אָבער דערעיקרשט: לאָזנדיק אַלעמען פילן, אַז ער איז דאָ אַ פאַרוואָגלטער, אַ פאַרוואָרפענער... אַ מענטש, נישט אויף זיין אָרט — אַ פּרינץ אין אָפּקומעניש, וועמען די גאַנצע וועלט איז שולדיק אַ גרויסן חוב.

נאָר הייַנטיקס מאָל האָט ער זיך דווקא אויף אַ ווײַלע אָפּגע-

שטעלט, אָבער בלויז אויף אַ קלײנער װײַלע, ער איז סוף־כל־סוף געװען אין גרויס אײַלעניש. און אָט, אין אָט דער װײַלע האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ זונטיק־בלאַט פון אַ ניו־יאָרקער ײדישער צײַטונג, זי פונאַנדערגעשפּרײט פאַר װעלװולען אויפן געשטעל

— נאַ, װעלװול, אַן אינטערעסאַנטער נומער... אַ זונטיק־נומער... ערשט הײַנט אָנגעקומען... מעגסט איבערלײענען... אָט דאָ אין דער הויך—זעסט? אָט דאָ איז זײער אַ שײנער אַרטיקל.

דער אַרטיקל האָט געהײסן: „פּאַרװאָס מעל װערט טײַערער, װער איז אין דעם שולדיק און װאָס די אַרבעטער קאָנען טון קעגן זײערע אויסבײַטער". נאָר װעלװול האָט באַלד נעבן דעם דאָזיקן אַר־טיקל דערזען זײַן ברודערס אַ נײַע סעריע לידער. דער נאָמען יוסף אַגרעס, אין שװאַרצער פּײקע, האָט באַשײדן און שמאָלץ אויף אַלע־מען געקוקט. יאָסל האָט אַ קוק געטון אויפן ברודער פון אויבן אַרונ־טער, זיך איבערצײַגט, אַז יענער האָט דערזען דאָס, װאָס מען האָט געדאַרפט דערזען, און איז באַלד נישט געװאָרן.

מער איז שוין דאָ נישט געװען, װאָס צו זאָגן.

אַהײמקומען פלעגט יאָסל אַ מידער, אַ דערשעפּטער אַ דענער־װירטער. ער איז געװען פול מיט כּעס אויף דער גאַנצער װעלט, װאָס איז שולדיק אין דער אומנאָרמאַלער לאַגע פונעם ײדישן פאָלק, װאָס האָט נישט קײן מענטשלעכע קינדער־דערציונג; ער איז געװען אין גרויס גרימצאָרן אויף די אַמעריקאַנער ײדישע קינדער, װאָס האָבן פײַנט און מאַכן חוזק פון די ײדישע לימודים; און צום סוף איז ער געװען מלא רציחה טאַקע אויף זיך אַלײן, װאָס ער האָט בײַ זיך גאָר געקאָנט פועלן צו װערן אַ לערער אפילו אויף אײן טאָג.

— אַז די גאַנצע זאַך איז דאָך אַ נאַרישקײט... אַז מיר נאַרן דאָך אָפּ אײנער דעם אַנדערן... מיר שפּילן זיך דאָך דאָ בלויז אין ײדישער קינדער־דערציונג...

ס'האָט געהײסן לויט יוסף אַגרעסן, אַז די עלטערן װײסן שוין פון זײער אײגענער דערפאַרונג און פון דער דערפאַרונג פון אַנדע־רע, אַז אַמעריקאַנער ײדישע קינדער װעלן קײנמאָל נישט קענען קײן „ײדישקײט" און װעלן קײנמאָל אין לעבן דאָ נישט נוצן קײן

יידיש און נישט קיין העברעיש... אַז די דאָזיקע קינדער, ווי נאָר זיי ווערן אַ ביסל עלטער, הויבן אָן קוקן אויף דעם גאַנצן ענין פון אויבן אַרונטער, מיט ביטול און פאַראַכטונג... אַז די גאַנ־צע אַרבעט איז אַן אַרויסגעוואָרפענע, אַ פאַרלוירענע...

— פרעגט זיך דעמאָלט: צוליב וואָס, האַ? גיי מאַך פון דעם ים אַ יבשה...

זאָשע האָט אים געגעבן וועטשערע, נישט אַרויסרעדנדיק כּמעט קיין וואָרט. אָבער דער יונגער שוואָגער האָט זיך נישט געקאָנט היינט דערוואַרטן אויף דער וועטשערע — ער האָט זיך געאײַלט גיין ערגעץ אויף אַ קאָנצערט. אַ באַרימטע איטאַליענישע אָפּערע־זינ־גערין איז געקומען אַהער, אין דעם קליינעם מיטלוועסטלעכן שטעטל, בלויז אויף איין קאָנצערט.

— אייגנטלעך, האָב איך צווי בילעטן... כ'האָב געדאַרפט גיין מיט מײַנער אַ באַקאַנטער מיידל... נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי קאָן נישט גיין.

נו, ווייסט ער טאַקע נישט, וואָס צו טון מיטן צווייטן בילעט. כאָטש ער האָט איצט געדערט צום ברודער, איז דאָך אָבער די שוועגערין די גאַנצע צייט געווען נאָענט בײַם טיש. אויף זיין פּנים איז דעריבער געווען אַזאַ שעמעוודיקייט און אַזאַ קינדערשע אומשולדיקייט... ער האָט אים פאָרגעשלאָגן דעם בילעט, דער שווע־גערין — דאָס האָט ער געמיינט אַרויסצוברענגען אַ מין שפּאַס, אָנ־רופנדיק זאָשען „שוועגערין" איר אין די אויגן — קווענקלט זי זיך עפּעס... „אַליין, זאָגט זי, וויל זי דיך נישט איבערלאָזן, וועלוול".

זאָשעס פּנים האָט איצט געפלאַמט, און זי האָט אים נידעריקער אַרונטערגעלאָזן. און וועלוול האָט געפילט: נישט נאָר זיין ברודער— נאָר די גאַנצע שטוב האָט איצט אָנגעשטעלט אירע בליקן אויף אים און וואַרט.

און זאָשע שווייגט... פאַרוואָס שווייגט זי, זאָשע? איז זי דען נישט קיין דערוואַקסענע? האָט ער איר דען ווען־עס־איז פאַר־באָטן אַרויסגיין ערגעץ אָן אים, וועלוולען? וואָס עפּעס מיטאַמאָל אַזאַ אָפּהענטיקייט, אַזאַ הילפלאָזיקייט, אַזאַ צוגעלאָזנקייט צום מאַן? אַליין אָן דעם מאַן וויל זי נישט גיין...

...אַט וואַרטן זיי ביידע אויף זיין ענטפער. זיי זענען זיכער, אַז ער וועט זאָגן יאָ. זי וויל נאָך, אַז ער, וועלוול, זאָל זי שטאַרק בעטן... און מיט דעם גופא וועט ער ביי איר ווערן נאָך נישטיקער, שוואַכער: ער אַליין וועט זי שיקן מיטן מאַן, וועלכער נאַרט אים אָפּ... ניין, ניין מען דאַרף זי טאַקע היינט נישט לאָזן גיין... און בכלל: ווער גייט עס מאָנטיק אין טעאַטער.

און יוסף — צוליב וואָס דערציילט ער עס אים, אַז ער האָט געזאָלט גיין מיט אַן אַנדער מיידל... און פאַרוואָס קוקט זאָשע אַלץ אַרונטער מיט אַ פאַרפלאָמט פנים... אוודאי: ווייל זיי זענען זיכער, אַז ער וועט זאָגן יאָ, וועט ער דווקא זאָגן „ניין".

ער האָט אין זיך אַלץ געחזרט „ניין, ניין, ניין", ביז וואַנען אַ גרויס שוואַכקייט איז געפאַלן אויף אים, און ווערטער האָבן זיך שוין מיט זייער אייגענעם כוח פון זיינע ליפּן אַרונטערגעקייקלט:

— הער זיך איין, זאָשע טייערע, פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע נישט גיין? גייסט דאָך אַזוי זעלטן אַרויס פון הויז. אָט, ביסט דאָך נעכטן אויך אַ גאַנצן זונטיק געזעסן אין דער היים. וואָס אַרט דיך, גיי...

— יאָ, אָבער די קינדער... מען דאַרף דאָך זיי אַרומוואַשן, לייגן שלאָפן...

און ווייל זי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי געטריי צו די קינ-דער—זיינע קינדער — און האָט בעסער געוואָלט פאַרבלייבן אין הויז, האָט שוין וועלוולען פאַרדראָסן אויף זיינע פאַרדאַכטן. ער איז געוואָרן נאָך צוגעלאָזענער און איינרעדנדיקער:

— נו, דאָס איז דען אויך א געשעפט... כ'קאָן עס טון אַזוי וויל, ווי דו. גיי שוין, גיכער, טו זיך איבער. עס ווערט שוין באַלד שפּעט.

— גוט, — האָט זי איינגעשטימט. — וויבאַלד אַז דו ווילסט אַזוי שטאַרק, וועל איך גיין.

וועלוולען איז דאָ איינגעפאַלן דאָס האַרץ. אים האָט זיך גע-דאַכט, אַז פון יענער זייט זאָשעס ליפּן באַמיט זיך אַרויסצו-גנבענען אַ שמייכעלע — אַ שאָטן פון אַ גרויסן, נאָך טיפערן גע-לעכטער.

זאָשע, מיט אַן אומצופרידענער מינע, וואָס מען צווינגט זי צו-

גיין, האָט זיך גענומען איבערטון.

— וואָס פאַראַ קלייד זאָל איך אָנטון, דעם ברוינעם טריקאָ-לעט, אָדער דעם בלויען סאַטינענעם?

זי האָט עס געפרעגט ביי יאָסלען. ביי יאָסלען האָט זי עס געפרעגט, נישט ביים מאַן.

ח

זיי זענען אַוועק. וועלוול האָט צוגעקליבן פון טיש, געלייגט די קינדער שלאָפן, און זיך ווידער געזעצט אַרבעטן. אין שטוב איז געווען איצט זייער שטיל. אין דער שטילקייט האָט זיך געלאָזט הערן דאָס ווייכע קלאַפן פונם האַמער אָנם לעדער פון די פּאָדעשוועס. פּארדיקער און פלייסיקער, ווי תמיד, האָט גערעגנט וועלוולס האַ-מערל איבער זוילן און אָפּצאַסן. זיין האַרץ איז איצט געווען פול, פול.

— ס'איז דאָך זיכער אַ נאַרישקייט, וואָס ער אַליין גיט זיי נאָך אַ געלעגנהייט צו זיין צוזאַמען... אמת: איצט קומט טאַקע צווישן זיי גאָרנישט פאָר. זיכער קומט צווישן זיי גאָרנישט פאָר. אָבער ס'קאָן זיך דאָך עפּעס אָנהויבן צווישן זיי, אויב ער וועט זיי אַזוי אָפט לאָזן צוזאַמען

נאַטירלעך, איז ער נישט אַזאַ גראָבער יונג און צוריקגעשטאַ-נענער מענטש, אַז ער זאָל פאַרווערן זיין פרוי, זי זאָל אַרויסגיין מיט אַ פרעמדן מאַן, בפרט נאָך — מיט אַן אייגענעם ברודער. אָבער צוליב וואָס זאָל ער נאָך בידים זי איבערגעבן צו אים? דער ברו-דער איז דאָך אַ יונגער, אַ היציקער בחור... טאַקע אַן אמתער פּאָעט... דאַרף ער, וועלוול אַליין, טאַקע דעם ברודער אויך אָפּהיטן.

– עס שטייט דאָך געשריבן: „און פאַר אַ בלינדן זאָלסטו נישט לייגן קיין שטרויכלונג“...

און מיטאַמאָל, טראַכטנדיק רויק אַזוי, איז וועלוול אויפגעש-שפּרונגען, גענומען אַ דערביילינגדיקן נומער פון אַן אָרטיקער ענג-לישער בלאַט-צייטונג און אָנגעהויבן מישן די בלעטער. געפונען באַלד די טעאַטער-אַנאָנסן. און באַלד ארויסגעלאָזט דאָס בלאַט. אַך, וועלוול איז געווען איצט בלייך, איינגאַנצן בלייך.

דאָס בלאַט האָט געשורשעט אין דער לופט, אַ ווײַלע נישט

געוואָלט פאַלן, און לסוף אַ טרוקענעם קלאַפּ געגעבן אָן דיל.

צווישן די טעאַטער־אַנאָנסן איז נישט געווען קיין סימן אַפילו פון אַן אַנאָנס וועגן אַ קאָנצערט, ווו אַ באַרימטע אָפּערא־זינגערין דאַרף דערשיינען איין־איינציק מאָל. ניין, נישט געווען.

נאַטירלעך, איז עס געווען אַ נאַרישקייט... ס׳האָט דאָך געקאָנט דערשיינען אין אַן אַנדער נאָכמיטאָג־צייטונג. און אפשר איז דער אַנאָנס דערשינען נעכטן... די זעלביקע אַנאָנס האָט דען געמוזט היינט אויך דערשיינען?

שטיל האָט זיך געעפנט די טיר פון די אינווייניקסטע חדרים שטיל, ווי אַ שאָטן, איז אַריינגעקומען דער אַלטער ר׳ אָרע. ער האָט געהאַלטן אין „זאָגן״ איצט עפּעס, ווי געווייינלעך—מעריב, די קריאת שמע, אָדער עפּעס אַנדערש. נישט ווי געווייינלעך, האָט ער גענומען און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול לעבן וואַנט. מיט אַ כמורנעם נישט־צופרידענעם בליק האָט ער אַריינגענומען אין זיך דאָס אַרומיקע, האָט עפּעס אַ שמעק געטון די לופט, נאָר האָט גאָרנישט געזאָגט.

אַ שווייגנדיקער, האָט ער ווייטער עפּעס געמורמלט פאַר זיך אויף זיין אומפאַרשטענדלעכן, עובר־בטלדיקן אופן. ווי אַן אומבאַוועגלעכער, שטיינערדיקער בודדא איז ער געזעסן אויף זיין שטול, און קוים אַרויסגערעדט, ווי בלויז פאַר זיך:

— וואַסער... וואַסער... טיי... מור־מור־מור־מור... המפּיל חבלי שינה... גיב אַ טרונק, זונעניו... אָך־כאָ־כאָ!.. טעאַטער... אַן אייגן ווייב, אַ ווייב... מור־מור־מור־מור...

און ענדלעך איז ער באַרויקט געוואָרן, און, שוין דרעמלענדיקערהייט, פון צווישן די באַטאַבעקטע וואָנסן אַרויסגעבורטשעט:

— ב־נ־נאַ... ס׳איז שפּעט, ס׳איז שון שפּעט. מור־מור־מור. שוין צייט שלאָפן. שלאָפן. שלאָפן. מור־מור־מור. בידך — אפקיד — רוחי.

ט

אַזוי האָט זיך אַוועקגעצויגן דער זומער, און די היצן, און די זוניקע טעג מיט די ווייסע חלומות. הערבסט האָט זיך שוין גענענ־

סערט. טעג זענען געוואָרן קירצער, און נעכט — גרעסער און שוואַרצער. און אַז נעכט זענען געוואָרן גרעסער און שוואַרצער, זענען אויך ספקות געוואָרן גרעסער און פיינלעכער.

וועלוול פלעגט זיין אויף זיך אין כעס, פאַרוואָס ער פאַרדעלטיקט זיי, ווען ער האָט קיין שום זיכערן גרונט נישט פאַר זיינע פאַרדאַכטן. צווישן זיי איז גאָרנישט. און כדי צו דערווייזן זיך אַליין, אַז ער איז טאַקע מיט אַן אמת איבערצייגט אין דעם, אַז צווישן זיי קומט גאָרנישט פאָר, און נישט אַז ער שמועסט זיך בלויז איין אין דעם, אַבי זיך צו באַרויקן — פלעגט ער זייער אָפט אַוועק פון הויז גראד דאַן, ווען קיינער איז אין הויז נישט געבליבן, אויסער זיין פרוי און יאָסל.

און דערנאָך, זיך אָנפלאָגנדיק די גאנצע צייט פון זיין אָפּוועזנהייט פון הויז, האָט ער זיך ענדלעך אַרומגעזען:

— עס איז אומזיסט זיין אָפּנאַרן זיך... זיין רו הענגט די גאַנצע צייט אויף אַ משקולת, און ס׳זעט זיך נישט קיין אויסוועג, ווי אַזוי דאָס אַלץ זאָל זיך ענדיקן.

און, וואָס איז נאָך ערגער:

ער איז שוין אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צו דעם דאָזיקן צושטאַנד פון שטענדיקער צאַפּלעניש, אַז אויב אַן ענדערונג וואָלט מיטאַמאָל פאָרגעקומען, אַן אומדערוואַרטע ז י כ ע ר ק י י ט, אַהער, צי אַהין — וואָלט ער זיך ערשט אויפגעכאַפּט און ערשט רעכט שטאַרק דערפילט דעם ווייטיק... פונקט ווי אַ שלאָפנדיק קינד, אַרום וועלכן מענטשן זיצן און רעדן, כאַפּט זיך אויף, ווען אַרום אים ווערט מיטאַמאָל שטיל.

איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, איז ער געזעסן אַזוי און געאַרבעט. געווען גראד יענעם טאָג אַריינגעפאַלן אַ סך אַרבעט. אין שטוב איז געווען שטיל. זאָשע איז שוין לאַנג געגאַנגען שלאָפן. יאָסל איז געזעסן אַ גאַנצן אָוונט פאַרשפאַרט אין זיין חדר.

די לעצטע טעג איז יאָסל געווען תמיד שווייגנדיק און איינגעשלאָסן. ער איז מסתמא געווען איצט פאַרטיפט אין גרויסע שאַפונגס-

פלענער. אין דער שטילקייט און אָפּגעזונדערטקייט פון זיין צימער האָט ער געשמידט און אויפגעבלאָזן דאָס פייער פון זיין רום.

און ווען ער פלעגט שוין אַמאָל יאָ רעדן צום ברודער, פלעגט ער פאַרמיידן צו קוקן אים גלייך אין פּנים אַריין אָדער פאַרקערט: ער פלעגט עפּעס צו-העזהדיק עפּענען זיינע אויגן און חוצפּהדיק לאַכן אַזוי בשעתן רעדן.

און נאָך עפּעס: לעצטנס האָט ער אויך אָנגעהויבן אָפּט רעדן וועגן אַוועקפאָרן.

— און וואָס איז אים דאָ שלעכט? — פאַרדריסט עס וועלן. — וואָס פעלט אים דען ביי מיר? אַז אַ ברודער קומט שוין איינמאָל צו פאָרן פון אַזאַ מין וויטעניש, ווי ניו-יאָרק...

מיטאַמאָל דערהערט וועלוול עפּעס אַ שאָרכן פון דער הויך, אַ רוקן פון אַ בעט איבער אים, אין זיין ברודערס צימער. ער שפּיצט אָן די אויערן; אים דאַכט זיך צו פאַרנעמען אַ שעפּטשען; פאָרזיכטיקע טריט, אַ קלאַפּן פון טירן, ווידער אַ שעפּטשען.

ער איז אויפגעשטאַנען, געוואָלט אַרויפגיין אויף די שטיגן, פאַר מעלעך אויף די שפּיץ-פינגער, אונטערהערן, כאַפּן! נאָר באַלד האָט ער זיך אַליין פאַרשעמט פאַר זיינע געדאַנקען.

— נאַרישקייטן... דאָס האָט מסתמא דער ברודער זיך געמוזט איצט לייגן שלאָפן.

און ער איז שוין אַזוי געבליבן זיצן, ווי אַ געליימטער. מער נישט: ער האָט געאַרבעט נאָך שטאַרקער און פלייסיקער. אַ שווייס האָט אים אַזש איינגעצן באַדעקט.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. ער איז אַרויף אין דער הויך צו די שלאָף-צימערן. ער האָט געטראָטן שטאַרק, זיבער, קלאַפּנדיק אויף די שטיגן, פאַרטומלענדיק זיינע פאַרדאַכטן, איבערצייגנדיק דערמיט זיך אַליין, אַז ס'איז נישטאָ וועמען און וואָס צו פאַרדעכטיקן. און אפשר—כדי צו געבן מיט אָט דעם טומל אַ וואָרנונג און צייט די יעניקע, וועלכע נויטיקן זיך אין אַזאַ וואָרנונג?...

אין ברודערס צימער האָט נאָך געברענט די עלעקטריע. די טיר איז געווען אַ ביסל אָפן. דורך דער אָפענער טיר האָט וועלוול, פאַר־בייגייענדיק, געזען: זיין ברודער זיצט פלייסיק איבערגעבויגן איבער פּאַפּירן, שרייבט און מעקט, מעקט און שרייבט ווידער. ער איז גע־ווען איצט, קענטיק, אין די צאַפּלענישן פון אַ גרויסער אינספּיראַציע.

אין אָט דער מינוט האָט וועלוול געפילט פאַר אים אַ געוואַל־דיקן אָפּשיי. פּאַמעלעך, אויף די שפּיץ־פינגער, איז ער צו צו זיין ברודערס טיר און זי פאָרזיכטיק פאַרמאַכט. ער האָט געוווסט, אַז זיין ברודער האָט זייער בישט ליב, אַז אַ זייטיק אויג קוקט אויף אים, בשעת ער איז פאַרנומען מיט זיין שרייבערישער אַרבעט, און ער האָט דעריבער זיין טיר תמיד פאַרמאַכט אין אָט דער צייט. אים האָט בלויז געוווּנדערט, פאַרוואָס ער האָט היינטיקס מאָל פאַרגעסן עס צו טון, יאָסל—דער באַוווסטער פּאָעט יוסף אַגרעס.

און מיטאַמאָל איז וועלוול געוואָרן אַזוי באַרויקט, שטיל, פול מיט אַ דאַנקבאַרקייט צו זיין ברודער, זיין פרוי און דער גאַנצער וועלט.

ער איז אַריין אין שלאָף־צימער. ער האָט געוואָלט צו זיין פרוי רעדן איצט, רעדן, אַ סך רעדן, און דערביי פריינדלעך האַלטן איר האַנט, און לאָזן די וואַרעמקייט פון איר האַנט איבערפלייצן אין זיינע, אים רייניקן און אויסוואַשן אין אים אַלע זיינע מיאוסע פאַר־דאַכטן.

נאָר זאָשע איז שטאַרק געשלאָפן, געאָטעמט שווער, אַ ביסעלע אפילו געכראָפּעט. און אין דעם, וואָס זי איז איצט אַזוי שטאַרק־זי־כער געשלאָפן, כאָטש געוויינלעך די לעצטע צייט פלעגט זי האָבן אַזאַ אומרויקן, לייכט זיך־איבעררייסנדיקן שלאָף, האָט וועלוול, גע־פילט בחוש איר ריינקייט און אומשולדיקייט.

ער איז געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע איבער איר בעט אַ פאַרלוי־רענער, אַ זינדיקער. זיין פרוי האָט נאָך אַלץ לייכט אַזוי געאָטעמט, און אים האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט כאָטש פּאַמעלעך אָנרירן זיך אָן איר לייב, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך... נאָר אַז ער איז געשטאַנען אַזוי אַ לענגערע ווײַלע איבער איר און נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד אויף איר געקוקט, האָט זאָשע ווידער, ווי אַמאָל ביים טיש, עטוואָס אויפגע־

עפנט די אויגן און מיט אַ פאַרשלאָפענעם קול אַרויסגעזאָגט:

—דאָס ביסטו, וועלוול? זע, אַזוי שפּעט לייגסטו זיך שלאָפן...

נו, לייג זיך שוין, לייג... דיין בעט איז פאַר דיר אויסגעבעט...

איך בין עפּעס נישט געזונט—און זיך אומגעדרייט אויפן צווייטן זייט, מיטן פּנים צו דער וואַנט.

*

אין איינעם אַ קאַלטן האַרבסטיקן זונטיק-פרימאָרגן איז דער אַלטער ר׳ אָרע אַגרעס אויפגעשטאַנען אויף זיין געלעגער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ טונקעלן ווינקל אינם קאָרידאָר, אויפן צווייטן שטאָק, לעבן די שלאָף-צימערן. ער איז שוין אַ לענגערע צייט נישט געשלאָפן, איז געלעגן אַזוי אין אַ צושטאַנד פון אָפּגעטעמפּטקייט און האַלב-פונקציאָנירנדיקע חושים. אינם עובר-בטלדיקן מוח האָט אים בלויז אַ פּאָר מאָל אויפגעבליצט, אַז אַזוי מוז מען זיך פילן נאָענט פאַרן טויט.

ער האָט געהערט, אַז וועלוול אַרבעט אונטן. קלאַפּט אויס מיטן האַמער אייזערנע קלעפּ אינם פאַרטאָג.

מסתמא, האָט דער פאָטער געטראַכט, האָט ער איצט זייער אַ סך אַרבעט, וואָס ער איז אייפגעשטאַנען אַזוי פרי. היינט איז דאָך זונטיק. אויסער דעם, ווערן די טעג קלענער, און מען מוז שוין אָנהייבן אויפשטיין פריער. נאָר לעצטנס, דאַכט זיך, האָט וועלוול בכלל אָנגעהויבן אויפשטיין זייער פרי פאַרטאָג.

אים אָבער, דעם אַלטן, איז שווער געוועזן אויפצושטיין אַזוי פרי. נישטאָ שוין מער קיין כּוח. קיין ברעקל נישט.—נאָר אַז ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיק, איז ער פונדעסטוועגן אויפגעשטאַנען און זיך גענומען אָנטון.

און זיצנדיק אַזוי אויפן בעטל האָט ער דערזען: זיין שנור זאָשע, אין אַ לאַנגן, בלייכן נאַכט-העמד, גייט אַרויס פון יאָסלס חדר און גייט גיך-גיך אַריין צו זיך אין חדר.

דעם אַלטנס גלידער, וואָס טרייסלען זיך תמיד פון שוואַכקייט, ווערן פאַרגליווערט. ער בלייבט אַזוי זיצן מיט אַן אָפענעם מויל, אַ נאַקעטן לינקן פוס, אויף וועלכן ער האָט בדעה געהאַט אַרויפצוציען

אַ זאַק, האַלט ער אין דער רעכטער האַנט.

ער וואָלט אַוודאי נישט געווען אומשטאַנד אָפּצושאַצן די לענג פון דער צייט, וואָס ער איז אַזוי געזעסן. אין קאָפּ האָט אים די גאַנצע צייט אַזוי גערוישט און דאָס האַרץ האָט נאָכאַנאַנד געקלאַפּט, שוין לאַנג, לאַנג, אַז עס האָט אַזוי נישט געקלאַפּט. צום סוף האָט ער זיך אָנגעהויבן קראַצן, און דאָס איז געווען דער ערשטער סימן פון זיין קומען צום באַוווסטזיין. ער האָט נאָך אַלץ אָבער געקוקט פאַרווונדערט און באַטויבט אויפן אַרום, דערנאָך האָט ער זיך ווי־גישט־איז אָנגעטון. דאָס מאָל אָבער איז דאָס אָנטון זיך אים אָנגעקומען שווערער ווי געוויינלעך, פונקט ווי זיינע הענט האָבן אים איצט געציטערט מער ווי געוויינלעך.

מיט שווערע טריט פון האַלב־פּאַראַליזירטע פיס איז ער אַרונטער די טרעפּ. ער איז, אייגנטלעך, נאָך אַלץ געווען באַטויבט. בלויז איין מחשבה, איין געפיל האָט אים איצט געטריבן, געשטופּט אַרונטער. געיאָגט פאָראויס:

— דערציילן נאָך עמעצן, נאָך עמעצן, נאָך עמעצן, נאָך עמעצן!

ער איז אַריין אין עס־צימער און צו צום פענסטער פון דער טיר, וועלכע האָט אָפּגעטיילט דאָס עס-צימער פונם אַרבעטס־צימער. אַ ווײַלע האָט ער געקוקט אַזוי דורכן גלאָז אויף דער איינגעבויגענער פיגור פון זיין עלטערן זון. ער איז געווען פאַרטיפט איצט אין אַרומפּאָלירן די זוימען פון אַ ניי־אַרויסגעלייגטער פּאָדעשווע

דער גאַז-לאָמפּ האָט נאָך דאָרט געברענט. עס איז געווען אַ קילער, טריבער פרימאָרגן.

אַ לענגערע ווײַלע איז ר׳ אָרע אַזוי געשטאַנען, פונקט ווי עס האָט אים שוין מער נישט געסטאַיעט קיין כּוח צו עפענען די טיר. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אָפּטרעטן צוריק, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, רוקנדיק זיך הינטערווײַלעכטס צו אַ שטול, ווי דערגייענדיק מיט זיינע לעצטע נאָך איבערגעבליבענע טריט; ווי אַ גאָרן, וואָס „גייט באַלד אויס". ער האָט זיך ענדלעך אַרונטערגעגליטשט אין אַ וויג-שטיל. זיין האַנט האָט זיך ציטערדיק געפּאָרעט אַרום דעם טלית־זעקל, וואָס איז געלעגן אויף אַ דערבייאיקן טישל. מיט אַ טרייסלענדיקער האַנט

האָט ער אַרויסגענומען דעם טלית, זיך איינגעוויקלט אין אים.

זיין איינגעבויגענע פיגור, אינם טלית־און-תּפילין איינגעוויקלט, האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק צעבראָכנקייט, ווי אַ פאַרגליווערטע הילפ־לאָזיקייט.

— און וואָס וועט דען גאַנצער ווערן, ווען נאָך עמעצער, ווען וועלוול וועט אויך וויסן? דאָס געטוענע איז דאָך שוין אָפּגעטון, — קיין אָפּגעטוענע שלעכטס קאָן נישט אויסגעבעסערט ווערן... איז וואָס וועט עס העלפן?

ער האָט אויפגעעפנט אַ סידור. נאָר אָנשטאָט די תּפילות פונם סידור, האָבן זיך אים אינם עובר־בטלדיקן מוח גאָר איצט געפּלאָנ־טערט עפּעס פּסוקים פונם פּרק, דעם פּרק וואָס ער האָט נעכטן, שבת אַ גאַנצן נאָכמיטאָג געלייענט:

— מור־מור-מור... מאד מאד הוי תּזהר... שתּקות אנוש רמה...

יא

אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט איז יוסף אַגרעס געזעסן אויף זיין הינקעדיקער טאַבורעטקע און געלערנט מיט די יינגלעך פון דער מחלקה ג׳.

די תּלמוד תּורה האָט זיך געפונען אינם קעלער־שטאָק פון דער שול „דורשי ד׳׳. ס׳איז דאָרט געווען דושנע, טונקל. דורך די קליי־נע, פאַרבלאָטיקטע און פאַרשטויבטע פענסטערלעך, וועלכע מען פלעגט וואַשן בלויז צוויי מאָל אין יאָר, פאַר פּסח און פאַר די ימים נוראים, האָט אַריינגעבלאָזן אַ שווינדזיכטיקער אָנהויב־אָוונט.

יוסף האָט מיט שנאה געקוקט אויף די תּלמידים. פאַר די לעצ־טע עטלעכע חדשים האָבן זיי אים שוין געגוג אויסגעמאַטערט. ער האָט יעדן איינעם פון זיי באַטראַכט, ווי זיינעם אַ פּערזענלעכן שונא. נישט אַנדערש, ווי יעדער איינער פון זיי האָט ביי זיך באַ־שלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט אים, מיטן לערער, דערפאַר, וואָס זיי ווערן געצוווּנגען צו גיין אין דער תּלמוד־תּורה אַריין קעגן זייער ווילן.

יוסף האָט זיך שוין עטלעכע מאָל אַנטשלאָסן: זיך מער נישט

וו־סנדיק מאַכן פון דעם, וואָס ס׳קומט פאָר בשעתן לערנען אויף די היגטערשטע בענק. ניין—אפילו נישט פון דעם, וואָס ס׳קומט פאָר סאַמע ביי אים אונטערן נאָז. ער זעט גאָרנישט, גאָרנישט. ער האַלט איצט די אויגן ברייט־פונאַנדערגעעפנט, אַזוי ברייט, נישט־פאַרשטייענדיק. ער איז פול מיט גרויס וווּנדער, — ווי אַזוי אַרום האָט עס פאַסירט, אַז ער, דער באַרימטער פּאָעט יוסף אַגרעס; ער צו וועמען עס איז קיין גלייכן נישטאָ אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור; ער, וועלכער האָט, אייגנטלעך, געשאַפן די נייע יידישע פּאָעזיע — דאָס האָט ער דאָך לכל־הדעות געקאָנט זאָגן אויף זיך זייער אומפאַרטייאיש; — ער, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַזאַ נייעם, פרישן און דורכאויס־אָריגינעלן טאָן נישט נאָר אין דער יידישער פּאָעזיע (דאָס האָבן זיינע פאַרערער שוין לאַנג געוווּסט) נאָר אויך — און דאָס האָט ער שוין אַליין געוווּסט — מען קאָן זאָגן, אין דער גאַנצער וועלט־פּאָעזיע — איז ווי אַזוי האָט עס געקאָנט פאַסירן, אַז ער זאָל אָט דעם פאַרנאַכט און אַזוי פיל אַנדערע פאַרנאַכטן אָפּפינסטערן ביי אַזאַ נאַרישער, אַרויסגעוואָרפענער מלאכה?

דאָס גאַנצע איבערגעלעבטע, די עטלעכע חדשים דאָ, אין דעם קליינעם שטעטל אינם שטאַאַט איללינאָי, האָבן זיך אים איצט אויסגעדאַכט, ווי אַ קאָשמאַר, ווי אַ בייזער חלום, וואָס ערשט איצט האָט ער זיך פון דעם אויפגעכאַפּט. יאָ, אים איז פּלוצלינג אַזוי ליכטיק געוואָרן פונם געדאַנק, אַז דאָס פאַרגאַנגענע איז בלויז געווען אַ חלום, אַן אויסגעטראַכטע זאַך...

ער האָט טאַקע גלייך אויפן אָרט באַשלאָסן ביי זיך:

— עס נעמט שוין אַן עק צו דעם. אַ סוף... ער׳ט גאָר איינגיכן אַוועקפאָרן פונדאַנעט.

יאָ, אַוועקפאָרן. דאָס איז עס, וואָס ער דאַרף תיכף טון. ער האָט זיך איינציייטיק אי געפרייט, וואָס די דערלייזונג זיינע איז שוין אַזוי נאָענט, און זיך אויך געשראָקן: טאָמער וועט זיך דער בייזער חלום צוריק אומקערן... טאָמער וועט זיך נאָך אַרויסווייזן, אַז ס׳איז נישט געווען קיין בייזער חלום, נאָר אַ ווירקלעכקייט, אַ ביטערע ווירקלעכקייט...

וואָס ער וועט טון אין ניו־יאָרק?.. אין שאַפּ וועט ער שוין

זיכער נישט גיין. ס׳איז גאָר אַ שאַנדע פאַרן מויל אַרויסצוברענגען: אַזאַ פּאָעט, ווי ער, זאָל אַרבעטן אין אַ שאָפּ! אַ גרויסער פּאָעט — און אַ באָטאָן-האָל-מייקער! 1) ער האָט נאָך געדענקט, נישקשה, ווי איינער אַ רעדאַקטאָר, אין עפּעס אַ קריגעריי, האָט עס אים אויפגעוואָרפן.

— אַז מען זעט באַשיינפּערלעך: איר זענט אַ באָטאָן-האָל-מייקער! די לעכער אין אייערע לידער מאַכט איר נאָך ווי־עס-איז, אָבער די קנעפּלעך פעלן דאָרטן!

פון גרויס אומרויקייט האָט ער אַזש זיך געהויבן פון פּלאַץ, און נאָך שטאַרקער באַשלאָסן ביי זיך, אַז ער מאַכט שוין, גלייך אַן ענדע צו דעם... ער האָט מיטאַמאָל געקריגן רחמנות אויף זיך, וואָס ער האָט אַזוי פיל זיך פאַרטונקלט אינם פאַרוואָרפענעם שטעטל.

— ניין... אַ פּאָעט דאַרף וווינען אין אַ גרויסער שטאָט!

און זיין רחמנות אויף זיך זעלבסט איז אין אים נאָך מער געוואַקסן, פאַרפלייצט דאָס האַרץ און זיך איבערגעגאָסן אויף די קינדער. ער האָט דאָך אַזוי גוט געוווּסט: נישט נאָר ער — די קינדער פטרן דאָ אויך אומזיסט פיל צייט.. ער האָט געוווּסט, אַז די אַרבעט אויף זיי איז אינגאַנצן אַן אַרויסגעוואָרפענע, אַז אַמאָל וועלן נאָך די אויסגעוואַקסענע קינדער טראַכטן מיט שנאה און אַ געפיל פון באַפרייונג און דערלייכטערונג פון יענע טעג, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין דער תלמוד-תורה.

— ניין... קיינער, קיינער — נישט די עלטערן און נישט די קינדער — געווינען נישט פון אָט דער יידישער דערציִונג...

אויסער, אפשר, עטלעכע לערער, וועלכע קאָנען זיך סיי־ווי צי קיין בעסערער פרנסה נישט צושלאָגן, — אָדער ווייל זענען גרויסע שלים־מזלניקעס, אָדער ווייל ס׳איז שוין פאַר זיי צו־שפּעט.

— יאָ, ס׳איז זיכער... ער׳ט אַוועקפאָרן...

און אויסער דעם: דאָ, אינם ברודערס הויז...

— כ׳ווייס, צו וואָס דאַרף ער עס גאָר אינגאַנצן... אַז ביי

1) דער, וועלכער מאַכט די קנאָפּ־לעכער אין קאָסטיומען און מאַנטלען.

אים איז עס אַ ברעקל, אַ גאָרנישט, אַ זיסער ביסן, — און ביי יענעם איז עס אפשר דאָס גאַנצע לעבן.

,פון דעם, וואָס ער האָט באַשלאָסן אָוועקצופאָרן; און פון דעם, וואָס אַ קוואַל פון ווייכקייט און רחמנות האָט אין אים איצט אויפ- געשלאָגן צו די קינדער; און פון דעם, וואָס ער האָט שוין באַצייטנס געפילט זיך דערהויבן און אַ בעסערער מענטש, אָפּמאַכנדיק ביי זיך אויפצוהערן אָפּנאַרן דעם ברודער, — פון אָט דעם אַלעם איז יוסף אַגרעס, דער פּאָעט מיט דער שיינער, זעעוודיקער נשמה און פיין־געאיידלטע געפילן, אריינגעפאַלן אין אַ געהויבענעם צערודערטן צושטאַנד, און אַ צושטאַנד פון זעונגען און חלומות... דאָס איז גע־ ווען איינער פון די זעלטענע און טייערע מאָמענטן — זיינע שענסטע זאַכן האָט ער דאָך אָנגעשריבן, געפינענדיק זיך אין אָט אַזאַ צו- שטאַנד. נאָר אַזיוווי איצט האָט דאָך קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן שרייבן, איז ער גלאַט אַזוי אַריינגעפאַלן אין אַ חלומדיקן מצב, זיך איינגאַנצן אָפּגעלאָזן... ער איז באַלד אַוועקגעטראָגן געוואָרן, האָט זיך אויפגעהויבן און געפלויגן, — געפלויגן הונדערטער און הונדערטער מיילן מזרח־צו, צום גרויסן וועלט-כרך ביים אַטלאַנטישן אָקעאַן.

...אַך, ס'איז געווען איינער אַן אָוונט, אַן אָוונט פון וווּנדער און רויטקייט... אין אַ קליינעם, אָרעמען הויז ערגעץ אין בראָנזוויל האָבן זיך זיינע פּאַרערער צונויפגעקליבן אויף אַ ליכטיקער קאָראָ־ באַציע: — וועמען האָט מען עס געקרוינט, וועמען? דאָס האָט מען אים, יוסף אַגרעסן, געקרוינט פאַרן קעניג פון די יידישע דיכטער...

ס'איז געווען אַ זעלטזאמער, אַ רויטער און פאַנטאַסטישער אָוונט. אַלעמענס פּנימער זענען דעמאָלט געווען ברענענדיק-צעפלאַמט, פול מיט דער ווילטיקייט פון דער פּאַסירונג. די אויגן—פייערדיקע און געהיימניספולע, ווי ביי קאָנספּיראַטאָרן.

און נאָך דער קאָראָנאַציע... פון די אָפענע פענסטער פונם קליינעם הויז אין ביוּ־לאָטס האָבן זיך די געשרייען צעשפּרייט אי בער די נאָענטע פעלדער, איבער אַ וועלדל, איבער אַ דערבייאיקער אייזנבאַן־ליניע. די מאַנסביל האָבן געוואָרפן די היטלען אין דער הויך, געבראָכן די סאָדאַ־פלעשלעך און גרויזאַם געטראָטן אויף די

אָנגעוואָרפענע שאָלעכצן פון די ניסלעך. די פרויען האָבן געקוקט אויף אים, אויף אַגרעסן, — דעם קעניג פון די יידישע פּאָעטן,—מיט ברענענענדיקע אויפעסנדיקע אויגן און צעפלאַמטע באַקן. יעדע איינציקע פון זיי האָט אַזוי געבענקט און איז געווען גרייט צו ווערן זיין קעבס־ווייב כאָטש אויף איין נאַכט, כאָטש אויף איין נאַכט, כאָטש אויף איין נאַכט.

—ס'איז געווען אַ גרויסע און אַ רויטע נאַכט...

אַגרעס איז איצט געווען אַזוי פאַרשלונגען אין דער רויטקייט פון דער דערינערונג, אַז ער האָט ניט געזען: דער יינגל אים אַנטקעגן האָט איצט אויסגעביטן ביי זיין חבר מירמלשטיינערנע קיי־קעלעך אויף דאמקעס. דערביי האָט דער דאָזיקער יינגל פאַרעכטלעך, ווי צוואָרפנדיק אַ ביינדל דעם לערער, ער זאָל ניט הערן קיין תרעומות, צעצויגן אויסגעזונגען, מיטן אַקצענט מלרע:

— הוי־נח — לכל — הבר־יו־ת...

יב

וועלוול איז אַריינגעגאַנגען אין עס־צימער אַריין, צום אָוונט־ברויט. יאָסל איז נאָך נישט געקומען פון תּלמוד־תּורה. זאָשע איז געזעסן ביים טיש און געהאַלטן איר האַנט ווייט פאַר זיך אויסגעשטרעקט. ווי עפּעס פרעמדס האָט זי אויסגעזען אין אָט דער מינוט, איר האַנט — אַ באַשעפעניש מיט אַן אייגענעם באַזונדערן לעבן. נאָך מער: אין אָט דער קליינער, בלייכער האַנט האָט זיך איצט קאָנצענטרירט איר, זאָשעס, גאַנצער לעבן; דאָס, וואָס האָט מיט איר שוין פּאַסירט, און דאָס, וואָס האָט נאָך נישט פּאַסירט, אָבער וואָס איז שוין ערגעץ אינם וועלט־רוים אָנגעגרייט פאַר איר. אָט די קליינע האַנט האָט איצט אויסגעזען, ווי אַן אומהיימלעכע קליינע חיהלע, — אַ חיהלע פון אַן אַנדער וועלט.

איינע אַ שכנה פון אָט דער גאַס איז געזעסן זאָשען אַנטקעגן: זי האָט באַטראַכט די ליניען פון זאָשעס האַנט, און פאַר איר אויסגעלייגט איר מזל.

כאָטש וועלוול האָט גוט געקענט די דאָזיקע שכנה, האָט ער זיך איצט פאַר איר געשראָקן: זי איז געווען איצט אַזאַ פרעמדע און

אומהיימלעכע, — אַ מכשפה... איר פּנים איז געווען איצט דאַרער, בלייכער, טונקעלער, אויסגעצויגענער, ווי געוויינלעך. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט ביז איצט גאָרנישט באַמערקט, אַז דער שכנהס נאָז איז אַזאַ שאַרף-אויסגעקרימטע, אַ שפּיציקע און אַ גרוי־סע... און אַזאַ האָריקע בראָדעווקע שפּראָצט ביי איר אַרויס פון אַ מיטן־באַק.

באַמערקנדיק זיין אַריינקומען, האָט די שכנה באַלד אָפּגעלאָזן זאָשעס האַנט. איר אָפּעטיט האָט זיך אין איר גלייך צעשפּילט, — זי האָט געוואָלט נאָך אַ קרבן, אַ גרעסערן קרבן, — אַ מאַנסביל... אַך, די מאַנסבילן וועלן זיך אויך צאַפּלען ביי איר, — מיט הערצער, וואָס הענגען אויף אַ שטריקל פון זייער אומבאַקאַנטן מזל, — און דער צווייטער עק פונם שטריקל ליגט ביי וועמען? ביי איר אין די הענט. — —

— קומט אַהער, מר. אַגרעס, — שעמט זיך נישט... כ׳וועל לייענען אייער דלאָניע... זייט זשע מוחל...

וועלוול האָט זיך געצווונגענערהייט צעלאַכט. וועמען — אים?... נאָר דאָס האַרץ אין אים האָט זיך שוין ווילד צעשפּרונגען.

— אָ, אָט איצט איז געקומען די ריכטיקע געלעגנהייט! ווער ווייסט — איצט אפשר קאָן ער אויסגעפונען דעם אמת, דעם גאַנצן אמת!...

ער האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ גרויסן אָפּגרונט: עס איז די לעצטע מינוט איידער ער שפּרינגט אַרונטער... דאָס האַרץ האָט שוין אָנגעהויבן זינקען פון דער זיכערקייט פונם באַלדיקן שפּרונג.

ער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט:

— ניין... ער גלויבט נישט אין אַזעלכע זאַכן... באָבע־מעשיות... קיינמאָל אין זיין לעבן וועט ער נישט גלויבן אין אַזעלכע זאַבו־באָנעס.

די שכנה האָט זיך אויפגעבלאָזן: איר הייליקייט איז געווען פאַרשוועכט. איר פּנים איז געוואָרן רויטער, בלוטיקער מענטשלעכער.

— אַזוי־גאָר, אַ נאַרישע פּלוידעריי... דאָס איז אַ וויסנשאַפט, אַ חכמה... חכמת־היד! מען רופט עס אין גויעשן: כיראָפּאָדיע...

דאָס הייסט... כ'מיין כיראָמאַנטיע...

וועלוול האָט אַ קוק געטון אויף זאָשען. ער האָט זיך אי גע־שעמט פאַר זיך אַליין, אי מורא געהאַט, אַז טאָמער ווייסט זי, וואָס ס'קומט פאָר ביי אים איצט אין האַרצן... דעריבער, אַז ער האָט אויף איר אויפגעהויבן זיין פאַרשעמטן בליק, האָט ער דערוואַרט צו טרעפן זי מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגן. נאָר זאָשע האָט אויף אים איצט געהאַלטן אָנגעשטעלט אַזעלכע אַזעלכע ברייט־פולע, אַזעלכע שטאַרק־אָפענע אוינן, — אַזעלכע אַרויסרופנדיקע אויגן, האָט זיך וועלוולען געדאַכט... פאַרקערט: האָט אים נאָך אָנגעהויבן צוצורעדן.

— זיי נישט קיין נאַר, וועלוול, לאָז זיך לייענען דיין דלאָ־ניע... פאַרוואָס נישט? זי וועט דיר עפּעס אָפּבייסן? לאָז זיך לייע־נען דיין דלאָניע... וואָס וועט עס דיר שאַטן?

דאָס האָט וועלוולען אַ ביסל באַרויקט און פאַרזיכערט: מען קאָן, הייסט עס, נעמען דעם זעלבן ענין, ווי אַ שפּאַס... אַ שמייכלענ־דיקער האָט ער זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש. אָבער אונטער זיין שמייכלענדיקן פּנים האָט שוין זיין האַרץ נאָך שטאַרקער געקלאַפּט פון זאָשעס מאָדנע־אַרויסרופנדיקע אויגן.

—יאָ... ס'אַראַ זיכערקייט... דאָס איז געוויס די אומפאַרשעמטע, ליגנערישע זיכערקייט פון איינעם, וועמען מען כאַפּט ביי דער האַנט, האָט וועלוול געטראַכט.

און ער האָט דער שכנה אויסגעשטרעקט זיין האָרעפּאַשנע פאַרמאַזאָלעטע האַנט, פון וועלכער ס'איז קיינמאָל נישט געלונגען אַרויסצוואַשן דעם גאַנצן שמוץ און שוואַרצקייט: דער פּעך, די וואַקס און דאָס רויע לעדער האָבן זיך איינגעגעסן אין איר הויט, אין די דינסטע שפּעלטעלעך — געוואַקסן צוזאַמען מיטן גוף זיינעם.

ווי דינער שרויט האָבן זיך אויף זיין מוח באַלד אַ שאָט גע־טון ווערטער, אַ סך, אַ סך ווערטער. זיך געקלאַפּט אָן זיין שאַרבן און אָפּגעשפּרונגען, ווידער געקלאַפּט און ווידער אָפּגעשפּרונגען, ווי רעגנטראָפּנס פון אַ דאַך.

—אָ, אָט די ליניע־אָ... איר זעט... זי האָקט זיך איבער אין מיטן... פלוצלינג פאַרשווינדט זי: ס'מיינט, אַז אייך איז באַשערט

אין לעבן זייער אַ גרויסע אומאנגענעמלעכקייט... און די אומאנגענע־
לעכקייט וועט אייך דווקא ברענגען איינער, וועמען אייך וועט גאָר־
נישט איינפאַלן צו פאַרדעכטיקן... אייער אַ נאָענטער מענטש...

— און איר זעט אויך אָט די קלייניקע ליניע, פאָרנט, פון דער זייט, — די ליניע, וועלכע שטויסט זיך אָן אָן דער גרעסערער ליניע, נאָענט ביי אָט דער איבערהאַקונג? אָט די קלייניקע ליניע פאַרשווינדט אויך: איר וועט, הייסט עס, אַלץ איבערקומען... יענער נאָענטער, וואָס וועט אייך ברענגען די אומאנגענעמלעכקייט, וועט פאַר־שווינדן און אַרויס פון אייער לעבן אַזוי פּלוצלינג, ווי ער האָט זיך אין אים באַוויזן... און אייער גליק, און אייער רו וועלן זיך ווידער אומקערן צו אייך, ווי געווען.

מיטאַמאָל איז די שכנה, אַ שטאַרק־דערשראָקענע, געבליבן זיצן אַזוי מיט אַ פונאַנדערגעעפנט מויל. ווען וואָלט האָט פּלוצלינג אַ ריס אַרויס געטון זיין האַנט, איז אויפגעשפרונגען און דערשראָקן־פיינטלעך אָנגע־קוקט די שכנה, די דאָזיקע קייזעל וואראָנע—די וואָרזאָגערן. אים האָט זיך געדאַכט: אירע ברייט־פונאַנדערגענומענע אויגן — כאָטש אַליין איז זי דאָך געווען איצט אַזאַ איבערגעשראָקענע—פאַרפאָלגן אים, דרינגען אין אים אַריין, פרעסן זיך אין אים אַריין... ער איז תיכף אַרויסגעלאָפן פון צימער.

נאָך איידער ער איז נאָך געווען אויף יענער זייט טיר, האָט אים אויף איין רגע — אויף אַ רגע בלויז — אַ שיין געטון פאַר די אויגן זיין ווייבס פּנים, וועלכעס איז איצט געווען אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד, צוזאַמען מיט אירע אויגן... און איבער אַלץ האָט זיך גע־שפּרייט די געלבלעכע ליכטיקייט פונעם לאָמפּ.

אויף יענער זייט טיר, אינם צווייטן חדר, האָט ער זיך אַריינ־געוואָרפן אין אַ קאַנאַפּע אַריין. דאָס קלאַפּן אין די שלייפן און אין האַרצן איז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז שוואַכער געוואָרן. ער איז געוואָרן אַביסל רויקער.

— עך, ס'אַרא נאַרישקייט, — האָט ער געטראַכט, — דאָס דאָזי־קע חכמת־היד... אַז צו וואָס דאַרף מען עס אינגאַנצן האָבן די דאָזיקע אָנזאָגונגען, די דאָזיקע וואָרענישן און קראַקן פון ראָבן... צו וואָס גאָר אינגאַנצן וויסן אויף פריער, וואָס שפּעטער וועט פאַסירן... געווּג

איז פאַר די אומגליקן, וואָס קומען אָן, ווען זייער שעה שלאָגט...

און ער האָט דערנאָך אַלץ געהאַלטן אין איין איבערחזרן פאַר זיך, ווי אַ שטילע, טויאיקע באַרויקונג:

— יאָ... מער וועט ער נישט טראַכטן דערפון:

אַז עס וועט קומען, וועט עס קומען... אַז ס'וועט קומען, וועט עס קומען... וועט עס קומען, וועט עס קומען...

יג

פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים, וועלכע זענען פול געווען פאַר אים מיט ליידן, מוטשענישן, אומזיכערקייטן און ספקות, איז וועלוול געוואָרן נאָך שטילער ווי תמיד.

אים איז שוין איצט געווען אינגאַנצן קלאָר: עס איז בעסער, אַז מען חקירהעט זיך נישט צופיל, און מען זוכט נישט צופיל, — עס איז גלייכער, אַז מען ווייסט וואָס ווייניקער...

— דאָס גאַנצע לעבן איז ווי אַ זייפנבלאָז: אַז מען רירט עס אָן — פּלאַצט עס...

—מען דאַרף בלויז קוקן אויף דעם לעבן — האָט וועלוול געטראַכט, — אין דעם פילאָזאָפירנדיקן צושטאַנד, וואָס איז אים לעצטנס באַפאַלן — פון דערווייטנס... ווי אויף אַ ווייטן נישט-ממשותדיקן פאַלאַץ, וואָס האָט דעם גלאַנץ פון עפּעס ווירקלעכס: זין חיותען מיט זיין אויסזען, ווען זונען-שטראַלן גליטשן זיך אויף זיינע ווענטלעך, און גיבן אים צו אַן אָפּגלאַנץ פון בלישטשענדיקן קרישטאָל, אָדער איידל-דורכזיכטיק וואַסער.

יאָ, פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זען געדענקען: דאָס גאַנצע לעבן האָט גאָר קיין ממשות נישט, — אין אַ פּאָר מינוט צייט קאָן עס אינגאַנצן צערינען, צערינען צווישן די פינגער...

נאָך דעם זעלביקן אָוונט, ביים ענדע וועטשערע, האָט יוסף אַגרעס גאָר אומדערוואַרט אַרויסגעפּלאַצט, אין מיטן פון אַ זייטיקן געשפּרעך:

— יאָ... איז, הייסט עס, וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן?

יאָ... הײַנטיקן זונטיק פֿאַר איך שוין אַוועק פֿונדאַנען.

וועלוואַלען האָט זיך פֿון דעם אָפּגעריסן עפּעס אין האַרצן, און אָנגעהויבן זינקען, זינקען, — ווי פֿון אַ נאָענטער פֿרייד, וואָס וועט אָט־אָט, אין דער נעכסטער מינוט, פּאַסירן.

— ענדלעך... ענדלעך וועט עס נעמען אַ סוף צו זײַנע פּײַניקונגען!

זאָשע האָט בשעת מעשה נישט אויפֿגעהויבן די אויגן. וועלוואָל, וועלכער האָט זיך מיט אַ מינוט צוריק גראַדע געלאָזט גיין נאָך אַ טעלערל קאָמפּאָט, האָט זיך אינמיטן גאַנג אָפּגעשטעלט — ער האָט אַ פֿאַרוווּנדערטער אַרויפֿגעקוקט צום ברודער:

— וואָס איז עס אויף דיר די אײַלעניש? גאָר אַזוי, פּלוצלינג... פֿאַרבלײַב דאָ נאָך אַביסל?

נאָר בשעת מעשה האָט ער געפֿילט, ווי זײַן קול קלינגט מיט אַן אומאויפֿריכטיקייט; ער איז געווען זיכער, אַז דער ברודער פֿילט עס אויך... האָט ער זיך באַמת נאָך שטאַרקער און הייסער מאַכן זײַן בקשה.

— פֿאַנטאַסטישער קאָפּ דו אײנער... וווּהין וועסטו לויפֿן? ווידער קיין ניו־יאָרק? דו'סט דאָרט עפּעס פֿאַרשפּעטיקן? לאָז דײַן מוח כאָטש ווי געהעריק אָפּרוען פֿון דער טומלעניש, פֿון דער אומזיסטיקער צײַט־צערײַבעניש פֿון אַ ניו־יאָרק... קלויב דאָ אָן אַביסל כּוחות, שעפֿערישע כּוחות... האָב קיין אַנגסט, וואָס עס שרײַבט זיך בײַ דיר אפֿשר דאָ זייער ווייניק; דערפֿאַר וועט זיך בײַ דיר שפּעטער אַ גאַס טון — ווי פֿון אַ קוואַל...

ער האָט גערעדט צו אים, ווי צו אַ „שרײַבער": דערמיט האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ער פֿאַרשטייט זייער קלאָר, וואָס ס'איז בײַם ברודער דאָס ווילכטיקסטע אין לעבן... אַזאַ מין טענה וועט דעם ברודער געוויס איבערצייגן; ער, וועלוואָל, מיינט עס טאַקע מיט אַן אמתן.

נאָר דאָ האָט זיך וועלוואָל דערשראָקן, — זײַן ברודער קאָן זיך דאָ טאַקע נאָך לאָזן איבערבעטן און פֿאַרבלײַבן דאָ אויף ווײַטער...

זאָל ער פֿאָרן! האָט אים שוין אָנגעהויבן צו פֿאַרדריסן זײַן שוואַכקייט און ערלעכקייט, נאָך וואָס האַלטן אים דאָ? אַ ברודער, צי

אַ פרעמדער — ער, וועלוול, דאַרף זיין גליק אָפּהיטן און ציטערן אי־בער דעם, און אָפּשלאָגן יעדן איינעם...

נאָר יוסף האָט זיך סיי־ווי איינגעעקשנט. זיין פּנים האָט איצט, ווי תּמיד אין אַזעלכע מינוטן, טאַקע אויסגעקוקט, ווי ביי אַן איינגע־שפּארט קינד:

— יאָ, אָבער אַז איך מוז דאָך אַוועקפאָרן!

און וואָס מער יוסף האָט זיך געשפּאַרט, אַז ער מוז אַוועק־פאָרן, אַז ער פילט, אַז „ס׳איז געקומען די צייט”,—האָט וועלוול פון זיין זייט אַלץ מער פאַרעקשנט געטענהט, אַז ער זאָל בלייבן דאָ... אים איז מיטאַמאָל געוואָרן מאָדנע קלאָר, וועלוולען: דער ברודער וויל דערי־בער אַזוי שטאַרק אַוועקפאָרן, ווייל ער פילט זיך שולדיק... ער וויל אַנטלויפן איבער זיין געפלאָגטן געוויסן. און דערפאַר איז ביי וועל־וולען נאָך שאַרפער און ברענענדיקער געוואָרן דער פאַרלאַנג, אַז דער ברודער זאָל דווקא בלייבן דאָ. ביי אים איז עס שוין איצט געוואָרן אַ סימן, אַ דערווייזונג: אויב דער ברודער וועט פאַרבלייבן דאָ, איז עס אַ סימן, אַז צווישן אים און זאָשען איז גאָרנישט פאָר־געקומען, אַז ס׳איז נישטאָ, וואָס ס׳זאָל אים פאַרטרייבן פון דאַנען... דעם ברודערס פאַרבלייבן דאָ איז באַלד געוואָרן וועלוולס לעצטע האָפנונג פאַר רו און זיכערקייט.

נאָר דאָ איז געשען עפּעס אומדערוואַרטס.

ביי דעם אַלטן ר׳ אָרע, — ער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שווערער און אַן אָנגעלאָדענער, און שווייגנדיק געשטאַרט פאַר זיך, ווי אַ בודהאַ, מיט אַ גאָרנישט־זאָגנדיקן בליק, — ביי אים האָבן זיך פּלוצלינג אָנגעצונדן די אויגן. ער האָט טאַקע נאָך אַלץ נישט באַ־וועגט זיין אַלטן, שווערן גוף; די צוויי אויגן האָבן געברענט אין אַ גרויסער אויסגעלאָשענער קופּע, אין אַ פּוסטער חורבה; אַ באַוועג גע־טון אויף אַ מינוט האָבן זיך בלויז דעם אַלטנס מילד־בלויע אויפגע־שוואָלענע ליפּן. פון זיי, פון זיינע ליפּן האָבן זיך אַרונטערגעקייקלט עטלעכע שטאַמלדיקע ווערטער — אַ האַרטער אומפאַרשטענדלעכער פּסק־דין:

— וועלוול... איך זאָג דיר: זאָל ער פאָרן! זאָל ער פאָרן פון דאַנען, — הערסט, וועלוול!

טעג, אָוונטן, וואָכן, חדשים האָבן זיך אָן אַ סוף אַרויסגעשיילט פון דער אומבאַוווסטקייט, שטיל אָנגעפלייצט אויף וועלוולען, און נישט געוואָרן. זיי האָבן בלויז איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ לופטיקע ערינערונג פון זיך אַליין.

איינמאָל, — שוין לאַנג נאָך יענעם זונטיק, ווען יוסף אַגרעס איז טאַקע סוף־כל־סוף אָפּגעפאָרן קיין קליוולענד, — האָט אין אַ צעמישטן שלאָף פון איינער אַ פאַרשטערטער נאַכט זיך וועלוולען געחלומט:

ווען ער איז געקומען פון גאַס אַהיים, איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט — אַ גאַנצן טאָג האָט ער אַליין נישט געוווסט פאַרוואָס, אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער שטאָט, — האָבן איב די קינדער באַגעגנט מיט אַ געוויין:

— פּאַפּאַ, די מאַמע איז נישטאָ... שוין אַ גאַנצן טאָג נישטאָ... וווהין איז זי עס אַוועקגעפאָרן, האַ? פּאַ, ווו איז די מאַמע?

פון די שכנות האָט ער זיך דערוווסט, אַז זיין פרוי איז נאָך גאַנץ פרי אַוועקגעפאָרן, — איינגעפּאַקט אַ גרויסן טשעמאָדאַן מיט זאַכן און איז אַוועקגעפאָרן קיין קליוולענד.

— קיין קליוולענד? — האָט וועלוול שטיל איבערגעחזרט.

— יאָ, קיין קליוולענד, — האָבן אים די שכנות געענטפערט.

נאָך האָבן אים די שכנות דערציילט, אַז מען פלעגט זי לעצטנס, זאָגן, זען זייער אָפט גיין אין פּאָסט-אָפיס אַריין. אַ קלוגע, שוין געניטע שכנה האָט דעמאָלט, פון איר זייט, אַריינגעוואָרפן:

— מסתמא זיך נאָכפרעגן אויף אַ בריוו, אין דער דשענעראַל-דעליווערי. 1)

גערעדט האָבן זיי צו אים אַלע, דאַכט זיך, מיט אַ טאָן פון מיטלייד. אָבער וואָס איז עס? וועלוול האָט פון אָט די אַלע רייד

---

*) פּאָסט־רעסטאַנט.

דערפילט גאָר אַ מאָדנע גרינגקייט. ער האָט באַלד צונויפגעשלעפּט אַלע שכנים און זייערע קינדערלעך, און זיינע קינדערלעך, זיי צו־שטעלט אין אַ קאַראַהאָד, זיך געדרייט און זיך געקרייזט מיט זיי אַ שטיק צייט אינם אָוונט. ניין, ס'איז נאָך נישט געווען גענוג — צום סוף האָט ער אויך אַריינגעשלעפּט דעם שוין האַלב-פּאַראַליזירטן פאָ־טער זיינעם אין דער מיט קאַראַהאָד; אַלע האָבן זיך דעמאָלט אַרום אים, דעם פאַרגליווערטן בודדאַ, אַרומגעדרייט, ווי עפּעס אַרום אַ ני־דעריקן, שוואַרצן, שוין־איינזינקנדיקן דענקמאָל.

אָבער באַלד האָט דער דענקמאָל אַזאַ מין שווערן בליק אַ וואָרף געטון אויף אַלעמען, אַז זיי זענען אַלע מיטאַמאָל אויך אַזוי ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

— זע נאָר, וואָס איז עס די שמחה? וואָס איז עס די שמחה מיט אייך?

די ווייבער, די קינדער — זיי זענען אַלע פון אָט דעם בליק גלייך פאַרגליווערט געוואָרן אויף זייערע פּלעצער, פאַרגליווערט גע־וואָרן אַלע מיט זייערע פריערדיקע טאַנץ־באַוועגונגען: ווער מיט אַ פוס אין דער הויך, ווער מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, ווער מיט אַ האַנט פאָדבאָקאָם, און ווער מיט אַ פאַרגליווערט תמעוואַטן שמייכל אויף די צעעפנטע ליפּן... און אויף וועלוולען אַליין האָט זיך דער־דאָזיקער פאַרגליווערטער בודדאַ שווער אַ וואָרף געטון מיט זיין גאַנצער משא און געדריקט, געדריקט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, אינגאַנצן באַגאָסן מיט שווייס. ס'איז געווען טונקל און דושנע אינם שלאָף־צימער. זאָשע איז געלעגן נאָ־ענט לעבן אים, לעבן וועלוולען, אַ פוס איר'ער איז געווען שווער אַריבערגעוואָרפן איבער זיין גוף.

זי איז געלעגן אַזוי נאָענט לעבן אים, — אַ זייטיקע, אַ דער־ווייטערטע, אַ פרעמדע, אַ פרעמדע — מעגלעך, אַז זי שלאָפט גאָר איצט אין חלום מיט אַן אַנדערן. דאָס בלוט האָט אין וועלוולען אַ שפּאַר געטון, און ער האָט געוואָלט זי אויפרייסן פון שלאָף און פרעגן ביי איר פלוצלינג, — און דערגיין אַלץ, אַלץ...

ער האָט זיך אויפגעזעצט און באַטראַכט זי אין דער פינס־טערניש.

אַ שמייכל איז איצט געווען צעגאָסן אויף אירע ליפּן, — פולע דורשטיקע, האַלב־צעעפנטע זענען זיי איצט געווען, נאָר קיין ספק האָט ער זי ניט געקאָנט באַטראַכטן: באַלד האָבן זיך אירע הענט זיך שלאָפנדיקערהייט אויסגעשטרעקט און אים אַרומגענומען.

ער האָט זיך אונטערגעגעבן, וועלוול, און איז צוריק אַנידער־געפאַלן אויפן בעט. ער איז שוין אָבער ניט איינגעשלאָפן דעם רעשט פון דער נאַכט. ער האָט דאָך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז משוגע פון זיין זייט צו פרעגן ביי איר אַזעלכע שאלות. וואָס אַנדערש זאָל זי אים דען דעמאָלט ענטפערן? און בכלל: אַז זי וועט אפילו זאָגן ניין, וועט ער דען וויסן? און טאָמער זאָגט זי גאָר „יאָ”?

ס'איז אים געוואָרן קלאָר: זיין גאַנץ לעבן וועט ער שוין אַזוי דורכגיין, ווי אין אַ דין־קרישטאָלענעם הויז, — אַ הויז פון גלאָז. און ער וועט נאָך דאַרפן אין אים, אינם דאָזיקן ציטערדיקן הויז, אַרומגיין שטיל און פאָרזיכטיק, — ער זאָל עס נאָך נישט צעברעכן מיט זיינע גראָבע הענט.

אינם פאַרטאָג, ווען דאָס קאַרגע ליכט פונם קאַלטן ווינטער־באַגינען האָט אָנגעהויבן אַריינשפּראָצן דורכן פענסטער; און איידער נאָך ער, וועלוול, איז איינגעשלאָפן, — האָט אים ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרומצונעמען אַ קאַלטער גרויל, אַ גרויל פונם געדאַנק, אַז ער וועט שוין זיין גאַנץ לעבן שטיין אַזוי ביים זוים פון אַ תמיד־לויערנדיקן תהום... און, אַז זיין רו און זיין גליק וועלן שוין אַלע מאָל הענגען אויף אַ האָר.

1921

ס׳ווערט שוין קיל

ווי אַ שפּראָצונג, וואָס פאַרבליט,
ווי אַ חלום, וואָס פאַרפליט,
ווי אַ ווינט, וואָס פאַרווייט,
ווי אַ טאָג, וואָס פאַרגייט.

פאַרוואָס האָט זיך עדנא נישט געוואָלט פילן גליקלעך? זי האָט זיך טאַקע געפילט גליקלעך, עדנא. אַרומגעשפּרונגען איז זי איבער די פינף גרוימע צימערן פון די ראַדזעקס וווינונג, ענלעך צו אַ זון־פלעק, וואָס איז געוואָרפן פון אַ שפּיגל־גלאָז אין קינדס האַנט, אַ יונגער און אַ שטיפערישער. אירע גיך־גיכע, פילע רייד זענען געווען, ווי דאָס צוויטשערן פון אַ ווראָבעל אין אַ זוניקן פסחדיקן פרימאָרגן — אַזוי זיך, פונם יונגן בלוט אַרויס, צוליב אייגענעם פאַרגעניגן און אויס יונגקייט.

אין ז׳עם גאָלדענעם ליכט, וואָס האָט געשטראָמט דורך די גלאַנציקע שויבן אין דער לופט פון זונטיק־צוגעקליבענע חדרים אַריין, האָט זי טאַקע אויסגעזען, ווי אַ קליין באַלעבעט פייגעלע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן מיט דער זון דורך אַן אָקאָרשט־אויפגעעפנטן פענסטער, און קאָן יעדע מינוט אויפן זעלביקן וועג צוריק אין דער דרויסן־ליכטיקייט אַרויספליען.

זוניקייט און ליכט.

געסט האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען.

אונטן, ביי דער אַריינגאַנגס־טיר האָט זיך אַלע ווײַלע אַ קלונג פונם גלעקל דערהערט.

איבער די טונקעלע, מיט גרינעם פּלוש־באַצויגענע טרעפּ, האָט עדנא גלייך גענומען אַרונטערטאַנצן, עפענען די טיר.

ברוך גלאזמאן ב. I (15)

איר האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט פון גליק. ווייל גליקלעך און יום־טובדיק האָט זי זיך געפילט, וואָס אַזוי פיל נייע מענטשן, שוין אַמאָל געזעענע און נאָך קיינמאָל נישט געזעענע, האַלטן אַלץ אין איין אָנקומען.

ביי דעם אָנזען פון אַ נייעם, אַן אומבאַקאַנט פּנים איז איר בלוט פריידיק אויפגעקוואָלן און זיך אויפגערעגט געקלאַפּט אָן די האַרץ־ברעגעס, — אַ ווערסנע וואַסערל, וואָס ווערט מיט יעדער מי־נוט פולער און העכער אין די אָנהויב־פרילינגדיקע חדשים.

און אויבן, אויפן צווייטן גאָרן, האָט מען באַלד דערהערט איר קליין געלעכטערל, אַ דראָבנעם און אַ ציטערדיקן — צעשטויסענע בלויע לופט. גלייך דערויף איז איר שטים אַרויפגעלאָפן אין דער האַלב־טונקלקייט פונם קאָרידאָר, און די נעמען פון די געסט געלאָזט וויסן.

מיושבדיק און געלאַסן האָבן זיך די געסט גענומען הויבן אי־בער די טרעפ, מיט אַן איידעלן און שולדיקן שמייכל אויף די ליפן,— אַ שולדיקער שמייכל איבער דעם, וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן אַן איבעריקער טומל צוליב זייער אָנקומען.

— וואָס מאַכט איר עפּעס?

— אָ, גאָט צו דאַנקען, נישט צום פאַרזינדיקן, אָל־רייט. און איר?

— מען איז אויך אָל־רייט.

דער מאַן אירער, דער הצלחהדיקער געשעפטסמאַן, וואָס פלעגט אַלע מאָל זיין שטאַרק פאַרנומען, איז שוין געווען באַקאַנט צווישן פריינט דורך דעם, וואָס ער פלעגט זעלטן אָפּהיטן זיינע באַגעגענישן אויסער די ביזנעס־באַשטעלונגען. ער פלעגט אָבער אַלע מאָל זיך לאָזן זען אויף שמחהלעך, סיי היימישע און סיי געזעלשאַפטלעכע. צוליב איר איז עס געווען, דער פרוי זיינער, וועלכע האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אַלט ווערן, זי איז, קענטיק, איבער עפּעס אַ זינד פאַר־משפּט געוואָרן צו פאַרברענגען אירע יאָרן אַן אייביק־יונגע.

אויך איצט איז הער וואָלינסקי געווען אין דעם אויפנאַמס־צימער.

און גאָרנישט.

אַ שטיל־פריידיק גליק האָט אים אַלע אָדערן אָנגעפילט. אין דער מינוט וואָלט ער קאַפּאַבעל געווען אויפרייסן אַ פענסטער אין דעם פרעמדן הויז, און אויף אַ הויך, ווייטלעך גבורהדיק קול, ווי די פויגלען זינגען אין די זומערדיקע פעלדער בשעתן שניט, אָנהויבן שרייען אין דער בלוי־זוניקער לופט אַריין:

— אַהו־ו־ו... אַהו־ו־ו...

נאָר געשטאַנען איז ער גאָר אינם ווינקל אויפנאַמס־צימער און האָט זיך נאָך געוווּסט אויפצופירן, ווי עס פאַסט פאַר אַ מענטש פון זיין שטאַנד. ער האָט אפילו נישט באַמערקט די פריינדלעך־קנאהדי־קע בליקן, וואָס די אַרומיקע יונגעלייט און ווייבלעך האָבן אויף אים, דעם גליקלעכן, געוואָרפן: ער איז דאָך געווען אַזאַ מזלדיקער אין זיינע געשעפטן, און אַזוי גליקלעך איז עס אים געגאַנגען אין זיין פאַמיליען־לעבן, סיידן אפשר דאָס, וואָס זיי האָבן קיין קינדער נישט געהאַט.

געע־דט האָט מען אויך, אַז קיין קינדער האָבן זיי נישט צו־ליב איר טאַקע, צוליב עדנאַן, וועלכע וויל נישט אָנווערן איר בוי־גיקע, איר קוועקזילבערדיקע, מיידלשע פיגור. איצט אפילו, שוין דרייצן יאָר נאָך דער חתונה, האָט זי דאָך, ווי אַ כלה־מיידל אויס־געזען. און שוין גאָר אָפט פלעגט זי אַזעלכע מיידלש־אומבאַרעכנטע זאַכן באַגיין, און אַלע האָבן זי דערפאַר ליב געהאַט. מאַנסבי־לן פלעגן יינגער ווערן, און זיכערער אין זיך, ווען זי פלעגט אויף זיי וואַרפן אַ ליכטיקן שמייכל, אָדער אַ יונג־וואַרעמען האַנט־דרוק געבן. ווייבלעך פלעגן בייז־קנאהדיק שמייכלען אין איר אָנוועזנהייט.

אָט איז איצט מיט איר דאָס הויז פול געווען. עס האָט אויס־געזען, ווי זי איז עס גאָר דער אינהאַלט פון דער היינטיקער צו־נויפקומונג. און די מלכה פון אַלע פרויען. די יונגע ווייבלעך האָבן אינגאַנצן געבערענט. זיי האָבן געחלומט וועגן דעם, וואָס עס וואָלט געווען, ווען זיי וואָלטן הער וואָלינסקין צוערשט באַגעגנט. און אפשר זענען נישט קיין ערלעכע געפילן זיי דורך דעם בלוט איצט דורכגעפלאָסן, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט, רויט ווערנדיק.

וואָלינסקי, דער נאָך היפש־קרעפטיקער מאַן, — כאָטש שוין

אויף דער גרענעץ פון די מיטעלע יאָרן, און זילבער־האָר האָבן זיך אַ ביסל פאַר דער צייט געצומען ביי אים דורכשלאָגן, איז געווען טאַקע אַ גליקלעכער מענטש און, ווי געוויינלעך אַ גליקלעכער, נישט אויסגעמאַכט זיך קיין סך פון זיין גליק: נישט באַמערקט די זיך־שדכנדיקע בליקן פון די ווייבלעך און די קנאהדיקע בליקן פון די מאַנסבילן. ער איז געשטאַנען איצט לעבן אַן איבערגעוואַקסענעם, קורץ־געשוירענעם מיידל. און מיט אַ שמייכל פון אַ דערוואַקסענעם, וועלכער הערט זיך צו אַ קינדס רעדערייען, — אָ, זאָלן אַלע וויסן, אַז כאָטש ער איז אַן ערפאָלגרייכער ביזנעס־מאַן, פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אויך אַן אינטערעס פאַר קונסט־ענינים — האָט ער גענויגט צו איר זיין אויער, בשעת זי האָט אים פאַרטייטשט באַטיטשעליס „פרילינג", וואָס איז אויף אַ דערבייאיקער וואַנט געהאָנגען:

— וואָס רעדט ער, וואָס... זאָל ער נאָר אַליין זען... טאַקע אַהער, פון דער זייט, ווו די זון שלאָגט נישט אָפּ אויפן גלאָז... וויפל צייטיקייט עס איז דאָ אַריינגעגאָסן אין די לייבער פון די מעוברתדיקע יונגפרויען... און די פליאָמעס ליכט, וואָס שפּאַרן זיך דורך די טונקעלע בוימער דורך, ווי זוניקע סטעזשקעס... און די עפּל, צי די מילגרוימען, וואָס האַלטן ממש מיט יעדער מינוט אין איין שטייפער ווערן, ווי די לייבער פון די יונגפרויען אויפן בילד,— כמעט נאַקעטע לייבער, ווי פרילינגדיקע בוימער...

עס איז טאַקע געווען היינט פרילינג אין דרויסן.

אַ ליכטיקייט און אַ זוניקייט האָט זיך געשפּרייט איבער די גאסן און דעכער. עס האָט זיך דעם פּשוטסטן מענטשן געוואָלט איצט אַרויסגיין אין די פעלדער, און טאַנצן אין אַ קאַראַהאָד. בלויע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט, און דערמאָנט דאָס פריילעכע שטויסן פון צימרינג אין אַ מעשענעם שטויסל ערגעץ אין אַ ווייטער ערב־שבתדיקער שטעטל. קינדער האָבן געטאַנצט אויף די שטיינער, האָבן זיך געוואַרעמט אין דער זון.

גוט טאַקע, וואָס די ראַדזעקס האָבן פּונקט אין אַזאַ טאָג, מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, חתונה געהאַט, און איצטער אַ יום־טוב לכבוד דעם געמאַכט. אָבער געדוכט האָט זיך אַלץ, אַז דאָס זענען נישט די

שטילע גאַליציאַנער ראַדזקעס, נאָר דאָס איז גאָר עדנאַ דער בעל-שמחה היינט־צו־טאָג, און אַז עס איז גאָר איצטער איר חתונה, אָדער אירער אַ היימישער שבעה־ברכות. געפרייט האָט זי זיך מער ווי אַלע און געווען איז זי אומעטום, אַ ליכטיקע אַזאַ און אַ זוניקע, ווי דער דרויסן אויף יענער זייט פענסטער.

איין יונגערמאַן האָט אין דער שטיל אַ זאָג געטון צו זיין שכן:

— ווייסט?... ס'איז אַ שאָד, וואָס אַזוינע, ווי מרס. וואָלינסקי, ווערן גאָר געבוירן... אַ סך מענטשן פאַרשאַפן זיי ווייטיק דורך זייער שטאַרבן, נאָר נאָך מערער מענטשן דורך זייער לעבן...

נאָר עדנא האָט ניט געוווּסט, ניט וואָס דער יונגערמאַן האָט געזאָגט וועגן איר, און ניט וואָס אַן אַנדערער. זי האָט בכלל נישט געוווּסט, וואָס מען רעדט, ווער עס רעדט, און צי מען רעדט צו איר גאָר איבגאַנצן. זי האָט בלויז געהערט: אַ פריילעכער גערויש האָט זיך איצט געוויקלט אין די חדרים, אַ ליכטיק־זוניקער נעפּל, ווי פריילעך און זינגענדיק דאָס בלוט האָט געקלאַפּט אין אירע בלייך־בלויע שלייפן און אין איר האַרץ, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואָלט אַלט ווערן.

אָט איז זי שוין מיט איין שפּרונג ביי דער זייט פון איר מאַן, וועלכער הערט זיך נאָך אַלץ צו צו די רייד פונם קורץ־געשוירענעם, איבערגעוואַקסענעם מיידל, שטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער און גיט אים אַ קוש אין שטערן. באַלד דערנאָך הייבט זי אים אָן שלעפּן פאַר די אויערן. דאָס געפעלט אים אַזוי שטאַרק, אַז זי לאַכט זיך אַליין פון דעם פונאַנדער הויך אויפן קול.

דאָס קורצגעשוירענע מיידל איז פון דער אומדערוואַרטקייט, פון עדנאס שפּרונג און קוש, אַזש צעטומלט געוואָרן. זי האָט דעריבער פאַרגעסן אַרויסנעמען איר האַנט פון וואָלינסקיס, און ווען זי האָט זיך אָן איר, אָן דער האַנט, דערמאָנט, איז שוין געווען שפּעט.

זי האָט אינגאַנצן געציטערט און געפילט, ווי איר האַנט ברענט אין זיינער, אָבער אַרויסנעמען זי האָט זי אויך ניט געקאָנט. ניט געהערט האָט זי קיין וואָרט פון די טענות, מיט וועלכע עדנא איז צו איר באַלד צוגעשטאַנען און איר אַלץ געהייסן קוקן אויף אים, דעם מאַן אירן, און אַרויסזאָגן איר מיינונג וועגן אים.

— זאָגט נאָר, איז ער נישט קיין שיינער מאַנספּערשוין? וואָלט ער נאָר אַ ביסעלע קליגער געווען, וואָלטן אין אים דאַן אויך איצט נאָך אַ פּאָר מיידלעך זיך פאַרליבט... אָט, למשל, זי אַליין אפילו, עדנא... פאַרוואָס טאַקע נישט? טאָר מען נישט אַמאָל אפילו אין אַן אייגענעם מאַן זיך פאַרליבן?

זי האָט וואָלינסקין שאַרף און באַדייטונגספול אין די אויגן אַריינגעקוקט, אַריינגעקוקט מיט אַ ברייט-פונאַנדערגעעפנטן בליק, — אַ בליק, וואָס פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ קרייז פון היימישער אָפּגעזונדערטקייט, — אַ קרייז אַזאַ, וואָס מאַכט, אַז דער פרעמדער, וואָס שטייט ביי דער זייט, זאָל זיך מיטאַמאָל אָנהויבן פילן איבעריק, זאָל דעריבער צוערשט אָנהויבן איידל שמייכלען, און באַלד אונטער עפּעס אַן אויסרייד אָן אַ זייט אָפּטרעטן.

און, אומבאַמערקט פאַר די צוויי, פאַר מר. און מרס. וואָלינסקי, האָט דאָס איבערגעוואַקסענע מיידל, נאָך אַלץ איבגאַנצן רויט, זיך באַלד טאַקע אַוועקגערוקט אָן אַ זייט.

אַ ווײַלע האָבן זיי איינער אויפן אַנדערן געקוקט אַזוי מיט שווייגנדיק-איבערגעגעבענע בליקן. עדנא האָט שטיל און איינגעהאַלטן געשמייכלט.

און וואָלינסקין האָט מיטאַמאָל דאָס האַרץ שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן איבער איר, דער יונגער פרוי זיינער, וואָס איז נאָך אַלץ געבליבן אַזוי מיידעלש פאַר די פילע יאָרן נאָך זייער חתונה.

— אַזוי אָפט פאַראורזאַכט זי אים שוין, אַז זיין האַרץ זאָל אָנהויבן האַסטיקער קלאַפּן... און פילן זאָל ער זיך כמעט תמיד, ווען ער קוקט אויף איר, ווי אַ חתן, וואָס קומט אָנקוקן זיין כלה.

יונג איז זי געווען, און מיידעלש... נאָר יונגער און מיידעלשער פלעגט זי נאָך תמיד ווערן, ווען ווערסנע פלעגט אָנקומען, ווערסנע מיט די שטילע, שווייגנדיקע געזאַנגען פון מענטש, און בוים, און ערד.

זיין האַרץ האָט אין אים פונדעסטוועגן אָפט געציטערט, וואָס זי עלטערט זיך נישט גלייך מיט אים, און לאָזט אים אַליין גיין, אַ זיך־עלטערנדיקן, צום סוף־וועג. עס האָט אים אָפט קיל געשראָקן

איבער אַן אומבאַוווסטער זאַך, וואָס קאָן נאָך פאָרקומען.

שווייגנדיקע זענען זיי איצט געשטאַנען און געקוקט איינער אויפן אַנדערן. אין אַזאַ מינוט פלעגט אויף וואָלינסקין אַ ווי טון פון דער פרוי זיינער מיט אַזאַ אומהיימלעכער און אויפרעגנדיקער ווייטקייט, ווי זי וואָלט נאָך איצט אויך נישט זיין ווייב, נאָר זיין ווייטע אַ מ אָ ל י ק ע באַקאַנטע געווען, אַ באַקאַנטע, וועלכע קומט בלויז צוגיין פון צייט צו צייט אין גאַסט צו אים, און איז דעריבער פריינדלעך און צוגעלאָזן-פרעמד. אָבער פונקט טאָקי ווי אַ באַזוכער, ווי אַ גאַסט אויף דערווייל, רוקט זי זיך סוף-כל-סוף מיט אַ שטיל-פרעמדן שמייכל צוריק אין איר וועלט אַריין, אין איר דערווייטער-טער אָפּגעזונדערטקייט.

אָ, שוין גאָר אָפט, קוקנדיק אַזוי אויף איר, אויף יענער, וואָס איז, דוכט זיך, אַזוי נאָענט לעבן אים געשטאַנען, פלעגט ער זי גאָר דערזען ווייט ווייט פון זיך, ווייט... און אין טיפע, אומהיימלעכע רעיונות וועגן עדנאַן, דער פרוי זיינער, האָט ער, וואָלינסקי, זיך איצט אַריינ-געלאָזן.

אַז ער האָט זיך פון זיינע רעיונות אויסגעטאָן, איז עדנא שוין לעבן אים נישט געווען.

זי פלעגט אַלעמאָל קאָנען זיך אַרויסגליטשן פון זיין זייט אַזוי אומבאַמערקטערהייט. מיט ערשטוינונג האָט ער זיך דאָ ווידער דער-זען, און, ווי אַ נייעס, דעם אַרומיקן פריילעכן טומל באַמערקט.

ער איז נאָך איצט שטאַרקער און פריילעכער געוואָרן, דער דאָזיקער טומל. ווייל אַ טאָג איז עס געווען אין דרויסן אַ זוניקער און אַ ליכטיקער. די זון האָט די בלישצענדיק-בלויע לופט פאַר עפּעס אַ יום-טוב געכּשרט, און זיך אַליין דערביי גאָלדיק געשייערט. די הייזער זענען יינגער געוואָרן, און אַליין אָנגעהויבן צו וואַקסן...

עס האָט געצויגן היינט איין לעבעדיקן נפש צו דעם אַנדערן, הענט און אברים האָבן פויל-ליב אין דער לופט זיך אויסגעצויגן, אַ פאַרשלאָפנקייט פון זיך אַרונטערוואַרפנדיק. עס האָט זיך געגלוסט היינט יעדן נפש אויף גאַטס ערד אַזוי אומווידערשטייליך, אַריינצו-גיסן דאָס ברייטער-אויפפלייצנדיקע בלוט זיינס אין עמיצן אַנדערנס

וואַרעם בלוט. עס האָט זיך געהערט דורכן פענסטער, ווי פויגלען האָבן געשריען, אין איינער דעם אַנדערן גערופן. אין דעם זאַאָלאָגישן גאָרטן, נישט ווייט פון די ראַדזועקס וווינונג, האָבן איצט די פאַוועס זייערע בלענדנדיק-פילפאַרביקע פעכער'ס אין אַ גרויסן האַלב-צירקל פאַנאַנדערגעשפרייט, און איינס דאָס אַנדערע נאָכגעיאָגט, און זיך געבוקט איינע פאַר דער אַנדערער...

געסט זענען נאָך אַלץ אָנגעקומען.

די ראַדזועקס האָבן געהאַט אַ סך איבערגעגעבענע פריינט. זיי האָבן זיך פון תמיד אָן ביי אַלעמען ליב געמאַכט מיט זייער אמתער צוגעלאָזנקייט און תמידיקע שטיל־גוטמוטיקע אויפנאַמעס.

ביידע, מאַן און פרוי, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון מענטשן, וואָס האָבן פיל געזען, אַ סך דורכגעלעבט, פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך שוין באַרויקט, מענטשן, וואָס קוקן מיט אַ שטיל-געוואָרענעם שמייכל אויפן לעבן, און זענען צו אַלעמען גוט געלוינט.

די ייִנגערע פּאָרלעך, וואָס פלעגן צו זיי אַריינקומען, האָבן אַבער נאָך פאַרקערט, אַלץ די אומרו אין זייערע הערצער געהאַט, געווען אומצופרידן מיט זייער איצטיק לעבן. אין דער טונקל האָבן אַלע געהאַט פאַרדראָס ביים געדאַנק, אַז אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָבן זיי געטראַכט, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן מיט זיי גאָר אַנדערש... דאָס זענען געווען יונגע מענטשן, וועלכע האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דאָס איצטיקע לעבן זייערס איז דאָס איינציקע, וואָס איז זיי באַשערט, און קיין אַנדערס וועט שוין קיינמאָל נישט זיין.

די מאַדאַם ראַדזועק האָט זיך, עס האָט געשיינט, גאַנץ ווייניק געקימערט פון דעם, וואָס עדנא איז דאָס געווען דער מיטל-פונקט פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. עס איז שוין געווען רעכט. עס איז שוין געווען גוט. ווי באַלד, אַז עס האָט אַלעמען געפרייט.

דער דאָזיקער וואָלינסקי, האָט מען צווישן עולם שטיל גע-שמועסט, איז דאָך נאָך ביז מיט גאָר נישט לאַנג צוריק אַזאַ אָרעם בחורל געווען, אַן אָרעם אויסגעמאָגערט בחורל, וואָס האָט דורך די

טעג—ווי אַן אָפּערייטער אין די קלאָק־שעפּער *) זיך דאָס בלוט אויס־געזויגן, און דורך די אָוונטן און נעכט, אין זיין קלײנעם פאַרוואָר־פענעם חדרל, זיך די אויגן איבער פאַרשידענע ביכער בלינד געמאַכט. ער האָט זיך געקליבן „קאָונסט" *) און זיך געגרייט אין קאָלעדזש אַריין.

אָט אין דעם דאָזיקן קליינעם חדרל, — האָבן זיך איצט אייניקע פון די געסט, זייערע באַקאַנטע, דערמאָנט, — פלעגט דאָס זיין כלה עדנא, אים צוערשט באַזוכן.

זי איז דאַן אויך געווען אַ שאָפּ-מיידל, געשפּאָרט אַ גראָשן. צוזאַמען פלעגן זיי אין די פרייע זונטיקס חלומען, ווי עס טוען געוויינלעך אַלע יונגע פּאָרלעך. און פון וואָס האָבן זיי דען געחלומט?

געחלומט האָבן זיי בסך־הכל וועגן יענעם גליקלעכן זומערדיקן טאָג — יענער גליקלעכער טאָג האָט דאָך געמוזט זיין אַ זומערדיקער טאָג — ווען ער, וואָלינסקי, וועט שוין קאָנען אַריינגיין אין קאָלעדזש.

און דערנאָך, אַז טעג זענען פאַראיבער, און וואָכן, און חדשים, — איז זיי ביידע איינגעפאַלן, אַז פונקט אָט אַזוי גייען דאָך אויך פאַרביי יאָרן, און דאָס גאַנצע לעבן... האָט פּאַסירט:

נישט ער האָט אָפן גערעדט וועגן דעם, און נישט זי. אפשר האָבן זיי ביידע אפילו קוים קלאָר געטראַכט וועגן דעם: זיי זענען נאָך געווען ביידע גאָר יונגע מענטשן. אָבער דאָס איז אפשר אויך געווען די סיבה, וואָס אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיי מיט אַ שטיל־שעמעוודיק שמייכעלע, דערקלערט זייערע באַקאַנטע, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט.

— כדי צו מאַכן סעמען — דעמאָלט האָט מען אים, וואָלינסקין, נאָך גערופן „סעם", ווייל אַן אָרים בחורל איז ער געווען — כדי צו מאַכן סעמען גרינגער דאָס לערנען...

זיי האָבן נאָך אַלץ אַ שטיק צייט אין אָט יענעם קליין טונקל חדרל געוווינט.

---

1) צושניידער ביי מאַנטלען. 2) אָפּגעבן עקזאַמענעס אויף אַ פּריוואַטן אופן, נישט לערנענדיק זיך אין אַ מלוכה-שול.

עס איז נישט באַקאַנט, אויב סעם האָט זיך מיט מער חשק איצט געלערנט, אָדער נישט. נאָר איינס איז אָבער יאָ באַוווסט:

צי דאָס נייע פאַרדאָפּלטע לעבן, צי דער פּלוצלינגדיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייטס-געפיל, וואָס האָט אין אים אויפגעוואַכט, זענען אין דעם שולדיק געווען, — נייע כחות-קוואַלן האָבן זיך פון דעמאָלט אָן אין אים אויפגעעפנט. ער האָט אָנגעהויבן מער אַרבעטן. מער פאַרדינען. געלט האָט זיך ביי אים דעמאָלט גענוג אינגיכן אָנגעקליבן, כדי ער זאָל האָבן מיט וואָס צו גיין אין קאָלעדזש אַריין.

נאָר דורך אַ צופאַל — אַלץ פּאַסירט דאָך דורך אַ צופאַל — האָט ער זיך גראָד אַרום יענער צייט מיט אַ שותּף באַגעגנט, — אַ מענטש מיט אַ סך געלט און מיט ווייניק שׂכל. ס'האָט זייער געטויגט, ביידע האָבן זיי דעמאָלט אַ קליידער־געשעפט געעפנט.

עס האָט זיי גלייך פון אָנהויב־אָן געגליקט. צום ערשטן — זייביידן, דערנאָך — אים אַליין, וואָלינסקין. ווייל דער שותּף איז מיט דער צייט אַרויסגעפאַלן פון דעם געשעפט. „אַרויסגעשטופּט געוואָרן", האָבן גערעדט לייטישע בייזע צינגער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אים קומט מער גאָר נישט קיין סענט געלט. כאָטש ער האָט אַריינגעלייגט כמעט דאָס גאַנצע קאַפּיטאַל. נאָר, מסתּמא, איז עס דאָך געווען אַזוי.

און וואָלינסקי — וואָס אַ טאָג, כמעט אָן זיין ווילן, ווי עמעצער וואָלט אים מיט דעם אַ פרייליכן שפּיצל אָפּגעטון, — פלעגט אַלץ רייכער ווערן. ביז ער איז געוואָרן שטיין־רייך.

אין דער זעלבער צייט איז ער אויך געוואָרן וווקסיקער, העכער. די איינגעפאַלענע אָרעם־בחורשע באַקן זיינע זענען אויסגעפילט געוואָרן. ער איז שוין איצט געווען אַ הויכער, געזונטער שווייגנדיק־בכבודער געשעפטסמאַן, ביי וועמען אַ באַלעבאַטיש בייכל האָט אָנגעהויבן אונטערצוּוואַקסן, און וועמען מען האָט אונטער די אויגן זיין פאַרמעגן פאַר אים אַלץ געציילט.

אָט אַזוי האָבן די געסט איינער דעם אַנדערן איצט דערציילט.

אַ שמייכעלע האָט אין די געדאַנקען ביי זיי די גאַנצע צייט געשוועבט: די גאַנצע זאַך איז זיי פאָרגעקומען עפּעס ווי אַ מעשה... אַזוי ראַשיג האָבן די פּאַסירונגען־רינגלען זיך געקייטלט אין דעם

הצלחהדיק וואָלינסקיס לעבן, אַז עס האָט אויסגעזען, דאָס לעבן זיינס, נאָר ווי אַ חלום.

יאָ, אַ גליקלעכער מענטש איז ער געווען, וואָלינסקי. איינגע־האַלטענע פרייד האָט פון זיין פנים תמיד אַרויסגעשיינט. אַ פּאָר זיל־בערנע האָר — איז וואָס? און זיין פרוי ווערט וואָס אַ טאָג יינגער—

אָן זייער גליק, אָן דעם גליק פון די וואָלינסקיס, האָבן זיך די פאַר־זאַמלטע אין דער שטיל געוואַרעמט. עס איז דאָך אַזוי קנאהדיק גוט, ווען מען זעט גליקלעכע מענטשן אַרום זיך. אַ שטיל בטחון-פייערל טליעט אויף אין הערצער.

— מען קאָן דאָך, נאָך אַלעמען, נישט וויסן... דאָס רעדל קאָן זיך דאָ אָפּטמאָל ביי זיי אַליין זיך אַ דריי טון...

— אָ, עס געשעען נאָך וווּנדער אין לעבן...

דער טאָג איז שוין דערווייל זיך איבערגעוואַקסן, און האָט שוין אָנגעהויבן באַווייזן סימנים פון עלטער ווערן.

צו-שטאַרק האָט זיך די זון אָנגעהויבן פונאַנדערפלאַקערן. צו רויט זענען די פענסטער געוואָרן. אויף גאַנצע טייכלעך האָבן שי־פענדע פּאָרלעך באַמערקט, אַז גאָלדן בלוט צעגיסט זיך אין די שטיל־ווערנדיקע וואַסערן.

דער טאָג־ענד האָט זיך געגנעענט.

די געסט האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום די טישן, באַלאָדענע מיט עקזאָטישע פרוכטן און יום-טובדיקע שפּייזן. דרום־אַמעריקאַנער, רויט-ברוינע באַנאַנעס; שטעכיקע, געקעסטלטע אַנאַנאַסן; מיניאַטורנע קאַליפאָרניע-טאַנזשער־אָראַנזשן, שטייפע און זאַפטיקע אַזעלכע, וואָס אַז מען גיט זיי אַ שטאָך מיט אַ לאַנגער נאָדל, שפּריצט דאָס פּור־פורנע בלוט גלייך אין פנים אַריין, שאַרף און בריענדיק; קאָקאָ־ניס, פּוטער־ניס, וועלשענע ניס, מאַנדלען, יאַפּאַנעזישע פייגן און פּאַרסי־מאָנס און נאָך פרוכטן פון ווייטע לענדער, פון לענדער מיט אַ לענ־גערן זומער און אַ לענגער־דויערנדיקער זוניקער צייט.

עס איז געוואָרן לעבעדיקער אַרום טיש און היימיש. עדנא האָט אויף זיך גענומען צו זיין אַ סאַרווערין. זי איז געזעסן ביים רויט־לעך־געפּרעגלטן אינדיק, וואָס האָט אַ נאַקעטער, מיט אַ צוגעבראַנטער

זהויט, געוואַרט, מען זאָל אים שוין אָנהויבן שניידן, און עס זאָל ענדלעך נעמען אַן עק.

קופּקעלעך מעסער־גאָפּל אויפן טיש האָבן מיט אַ שווייגנדיקן זילבער־גלאַנץ געוואַרט. שטיקער פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן זיך אין דעם זילבערוואַרג געריטלט. אין דעם פאַמעלעך זיך אַרויפ־רוקנדיקן פאַרנאַכט האָט עס אויסגעזען, ווי אַן עדה פרומע יידן האָבן זיך איצט אַרום אַ קרבן פסח אַרומגעקליבן, און וועלן באַלד אים עסן בחפזון.

נאָר אויבנאָן זענען געזעסן די באַלעבאַטים, די ראדזעקס. זיי האָבן אַליין גאַנץ ווייניק געגעסן, — זיי האָבן, דאַכט זיך, בלויז זיך געפרייט מיט דער פרייד פון די איבריקע. זיי האָבן אַלעמען נאָכאַנאַנד צוגעשמייכלט. אָבער אין דער אמתן...

עס איז שוין היינט פאַרגאַנגען צוואָנציק יאָר נאָך זייער חתונה. אָט ווי איין טאָג, — ווי אַ חלום, וואָס איז פאַרפלויגן... אין דעם אַרומיקן טומל האָבן זיי זיך איצט פאַרטיפט אין זיך, און דערזען זיך אין די אַמאָליקע טעג, — אַזעלכע יונגע און אַנדערשדיקע... עס האָט זיך זיי איצט קוים געגלויבט, אַז דאָס זענען עס געווען זיי. אַזעלכע ליכטיקע, ווי באַגאָסן פון אַ מיטן־טאָגיקער זון.

דורך אַ מחשבות־נעפל האָבן זיי געהערט, ווי מען האָט אָנגעהויבן האַלטן לכבוד זיי טאָאַסטן. עס האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן די ראדזעקס, אַז אָט די אַלע געסט זענען זיי פרעמד און קענען זיי גאָרנישט. זיי ווייסן נישט, וואָס עס טוט זיך איצט אָפּ ביי זיי אין האַרץ, און וועלכע פאַרגאַנגענע קלאַנגען עס שאַלן דאָרטן איצט ווידער אויף...

דער טומל איז אַלץ געוואָרן גרעסער. דאָס בעסטע וואָלט געווען, האָבן די ראדזעקס געטראַכט, ווען מען לאָזט זיי איבער איצט אַליין, זיי זאָלן זיך אַליין קאָנען אָפּגעבן מיטן אָפּהיטן דעם טרויעריקן יום־טוב פון זייער פאַרגיין, און זיצן אַליין ביים שוועל פון די פאַרלוירענע טעג. אומעטיק וועלן זיי זיך אַזוי פרייען, וואָס זיי זענען נאָך כאָטש נישט אינגאַנצן געשטאָרבן, און וואָס אַ טייל פון זיי לעבט נאָך, און קאָן נאָך אין די פאַרנאַכטן ווייטיקדיק גליען אין זכרונות וועגן דעם שוין אָפּגעשטאָרבענעם טייל זייערן.

נאָר אַרום איז געווען אַ גרויסער, אַ פריילעכער עולם, אין וועמען עס האָט געקוואָלן זייער אייגענע פרייד און זייער אייגענע יונגקייט. די, וואָס האָבן געקאָנט, האָבן דרשות געהאַלטן, און האָבן הנאה געהאַט פון זייער רעדנערישן טאַלאַנט. און גאָר צום סוף איז מען באַפאַלן די ראדזעקס מיט בקשות זיי זאָלן אַליין עפּעס דערציילן, ווי דער מנהג איז ביי אַזעלכע געלעגנהייטן — דערציילן עפּעס אַ שיינעם עפּיזאָד פון זייער פאַרהייראַטן לעבן.

יונגע ווייבלעך, מיט שוין עטוואָס שיכּור-געוואָרענע און פאַרלאָפּענע אויגן, האָבן מיטאַמאָל געוואָלט וויסן די ראדזעקס חתונה-סודות... זיי האָבן זיך געשעמט עס אַרויסזאָגן; און זיי האָבן דעם פאַרלאַנג זייערן בלויז מיט די אויגן אַרויסגעבלישטשעט.

די מאַנסביילן האָבן דעם הער ראדזעק שפּאַסיק געפרעגט, אויב ער האָט נישט חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט חתונה געהאַט?

— וואָרום אַלע האָבן דאָך חרטה... מער נישט: יעדער איינער דאַרף עס דורכמאַכן אויף זיין אייגענעם אופן — האָבן זיך פּשוטע ביזנעס-לייט מיטאַמאָל צופילאָזאָפירט — און עס איז נישטאָ קיין אורזאַך, פאַרוואָס מען זאָל אויף די וועגן, וואָס ציען זיך פונם אָנהויב לעבן ביזן ענד, בכלל איינע וועג-סימנים איבערהיפּן... ווייל וואָס בלייבט דען דעמאָלט?

פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט די מונטערנדיקע אויסרופן. אויגן האָבן נייגעריק אויפגעגלאַנצט. הער ראדזעק האָט געשמייכלט. מאַדאַם ראדזעק האָט זיך געשעמט. עס איז געווען קענטיק — זיי, די דאָזיקע מאָדנע-נאַיווע גאַליציאַנער, האָבן זיך נאָך עד היום ליב געהאַט. דעריבער האָט ער זיך, אַפּנים, אַזוי געקווענקלט. ערשט ביים סוף, ווען מען האָט מיט אַ קנאַק אָנגעהויבן אויפעפענען די פאַרחתמעטע שאַמפּאַניער-פלעשער, איז ער מרוצה געוואָרן.

שטיל האָט ער גערעדט, ווי פאַר זיך אַליין. און זי, די ראדזעקעכע, האָט זיך גאָרנישט געשעמט צו שעמען זיך פאַר אַלעמען אין די אויגן... מיט איר בראקאט אויפן קאָפּטל האָט זי זיך געשפּילט, ווי אַ כּלה ביים אָנזעען זיך מיט אַ חתן, ווען זי האָט נישט פון וואָס צו רעדן. אירע אויגן זענען געווען נעפּל-פאַרצויגן — געזען האָט זי

איצט אפשר יענע מקומות, פון וואַנען דער מאַן אירער האָט מיט
זיין דערציילן אַ שוואַכן ציפּשאַל געבראַכט.

„אַלע מיינע יונגע יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין אַרומוואַנ־
דערן... איך ווייס נישט, אין ווען איך בין געראָטן. און אפשר
ווייס איך יאָ. נאָך אַלס אַ יונגער יונגל פון אַ יאָר צוועלף האָב איך
פאַרלאָזן מיין קליין ווייס שטעטל אין דער אוקראַינישער גאַליציע.
איך בין געווען, וואָס מען רופט ביי אונז, אַ „לער־בוש”, און גע־
דאַרפט דורכמאַכן מיינע וואַנדער־יאָרן. בין איך אַזוי געגאַנגען פון
שטאָט צו שטאָט.
„איך בין געגאַנגען צופוס איבער די וועגן, געזונגען און גע־
רעדט .. קיינער איז דעמאָלט אויפן וועג נישט געווען. איז צו וועמ־
מען האָב איך גערעדט? איך האָב גערעדט, אַפנים, צו דער זון...
„געקומען אין אַ נייעם פלאַץ, געפונען אַרבעט — איז גוט.
נישטאָ קיין אַרבעט — נאָך בעסער. איך פלעג אומעטום אַריינגיין
אין די בעקערייען, — איך בין געווען אַ בעקער לערניונג און די
„געזעלן” פלעגן מיר שוין גוט אָנקאָרמענען. איבערגענעכטיקט אין
די אָרטיקע „געווערקשאַפטן”, געקראָגן מיינע צוויי פעניג פאַר יעדער
מייל, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען צופוס — אַזוי איז ביי אונז אין
עסטרייך געווען דאָס געזעץ פון די „געווערקשאַפטן” — און ווייטער
אין וועג אַריין.
„און איר דאַרפט וויסן, אַז דער יצר־הרע פון באַזעצן זיך אין אַ
קליין פרידלעכער דייטשער שטעטל, ווו די מנוחה קוקט אַרויס כמעט
פון יעדן הייזל, פון אויף יענער זייט שטילע שויבן אונטער די צע־
קרימטע מיטל־אַלטערלעכע דעכער, דער דאָזיקער יצר־הרע איז געווען
זייער שטאַרק: און איך האָב איינמאָל געהאַלטן גאַנץ נאָענט ביי
חתונה האָבן, און דווקא מיט אַ גויאיש מיידל...
„אין יענער צייט איז מיין יידישע אָפּשטאַמונג געווען פאַר מיר
עפּעס אַ ווייטער, אַ קינדערשער חלום... איך האָב קיין שום צוגע־

בונדנקייט צו יידן נישט געפילט. דאָס ביסל יידיש, וואָס איך האָב פון מיין היים אַרויס געוווּסט, איז איינגעשלונגען געוואָרן אינם דייטש, וואָס איך האָב טאָג־טעגלעך אַרום זיך געהערט און גערעדט. איך בין אין דער אמתן פשוט געווען אַ יונגער גוי.

„איינמאָל בין איך אָנגעקומען אין אַ קליין שטעטל אין דער שווייץ, ד אָ נ ו י - ע ש י נ ג ע ן, הייסט דאָס שטעטעלע. געקומען בין איך אַהינצו אין אַ פאַרנאַכט. אין דער בעקעריי, אין וועלכער איך בין אַריינגעקומען בעטן אַרבעט, האָט מען, קאָן מען זאָגן, כמעט ווי אויסגעקוקט אויף מיר.

„— ס'איז דאָ אַ סך אַרבעט... אדרבא.

„און דאָ — אַ געזונטע, באַלייבטע, ליכטיק־האָריקע מיידל, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע זאַנגען, קומט אַרויס און דערלאַנגט מיר אַ טעפּל וואַסער אויף אָפּצוּוואַשן פון זיך דעם שטויב פון דעם וועג. עס האָט מיר אַ בליאַסק געטון אין די אויגן איר ליכטיקייט. און איך האָב מיך איינצייטיק מיטאַמאָל אָנגעהויבן שרעקן פאַר איר... ווייל איך האָב, אַפּנים, מיטאַמאָל דערפילט, ווי מיין האַרץ ווערט ממש צוגעצויגן צו איר, אַזוי קילנדיק און זינקנדיק, ווי איך וואָלט געפאַלן אַ לאַנגע צייט באַלאַנאַנד אין אַ מחיהדיקן אָפּגרונט אַריין...

„איך דערוויס מיך דאָ, אַז נישט ווייט, צווישן קוסטעס און שטיינער, געפינט זיך דער אָנהויב פון דעם טייך דאָנוי. דער בלויער, בלישצענדיקער, מעשות־דערציילנדיקער דאָנוי, פון וועלכן איך האָב אַזויפיל געהערט אין מיין קינדהייט. אַז איך בין נאָך געווען גאָר אַ קינד, פלעג איך דאָך אַזוי אָפּט הערן מיין מאַמען זינגען דאָס אומעטיק־נאָגנדיקע ליד, בשעת זי פלעגט זיצן אין אַ שבת־פאַרנאַכט אַליין ביים פענסטער:

„ייכאוו קאָזאַק זאַ דונאַ־אַי־יעם...”

„איז וואָס זאָל איך אייך לאַנג דערציילן... דיזעלביקע נאַכט בין איך נאָך דאָרט געווען.

„דער באַרימטער, ברייטער דאָנוי, וואָס איך האָב מיר פאָרגע־שטעלט, איז דאָ אינגאַנצן געווען אַ קליין, נאָר אַ גיך באַרג־וואַסערל, אין דער פינסטערניש האָב איך אים קוים געזען, איך האָב בלויז געהערט אַ קאַלטן גיכן גערויש פון אַ פלאַכן וואַסערל איבער פייכט־

לאַנציקע שטיינער. נאָר דאָס דאָזיקע וואַסערל האָט צו מיר דע־מאָלט גערעדט, אָן אַ שיעור גערעדט...

„איך ווייס נישט, וואָס איך האָב אין אָט יענע מינוטן ביים דאַנוי-וואַסערל געטראַכט. איך האָב נאָכגעפאָלגט דעם דונאַי דורך זיין גאַנצן לאַנגן וועג, פון דער שווייץ דורך לענדער און מדינות — דורך דייטשלאַנד און עסטרייך, דורך סערביען, דורך רוסלאַנד און רומעניען, ביז וואַנען ער פאַלט אַריין אין שוואַרצן ים, און פליצט ווייטער... און איך האָב מיטאַמאָל אַזוי אויך דערזען מיין וועג.

„אויף מאָרגן האָב איך מיך גאַנץ פרי, אויסמיידנדיק דאָס מיידל, אָפּגעטראָגן פון שטעטל און פון דער בעקעריי, ווו ס׳איז פאַר מיר געווען אַ סך אַרבעט".

אַרום טיש איז געוואָרן שטילער.

די געסט האָבן נענטער צוגעניינט זייערע קעפּ צו ראַדזעקן, צוגעצויגענע דורך זיינע ווערטער און די זיך אָנקלייבנדיקע פאַרנאַכט־שאָטנס.

אין עס-זאַל איז געוואָרן טונקעלער. די נאָך אַלץ ליכטיק-בלוי־לעכע פענסטער־שויבן זענען געווען די איינציקע איבערבלייבענישן פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג. אויף די פּנימער פון די געסט האָבן זיך געבלייבט אין דער טונקל.

עמיצער האָט אַ האַנט אויסגעצויגן צו אַ פלאַש וויין, זיך אָבער פאַרשעמט און דעם בלייכלעכן פלעק באַלד צוריקגעצויגן.

די הויכע שאַמפּאַניער פלאַשן האָבן געשטרעקט די העלזער אין דער הויך און געטראַכט פון פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן ערגעץ אין זוניקע לענדער.

„נו, בין איך ווייטער געגאַנגען. אַלץ מערב־צו, מערב-צו. אַמאָל, מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק האָבן זיך די יידן געצויגן אין גרויסע מאַסן נאָך די מזרח־לענדער. היינט־צו־טאָג גייט אָן אַ פאַרקערטע באַוועגונג, נאָך מערב, צו די לענדער פון לעצטן פלאַ־מען-אונטערגאַנג."

מר. ראַדזעק האָט קוים אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף די צו־

הערער מיט אַ פֿאַרשעמטן בליק. ער האָט ווי געבעטן אַנטשולדיקונג, וואָס ער האָט זיך דערלויבט אַרויסצוקומען מיט אַזעלכע מיני אַלגע־מיינע פֿילאָזאָפֿישע רייד.

„אַליין נישט ווילנדיק עס, בין איך אויך געגאַנגען דעמזעלבן וועג, וואָס אַלע, כמעט דורך אַנדערע געגנטן, — אויף נאָך מערב. ביז איך בין אין איינעם אַ טאָג אַריבערגעשווומען איבערן ט ש ע נ-נ ע ל, און אָנגעקומען קיין לאָנדאָן.

„אין לאָנדאָן בין איך געווען אַ סך טעג.

„אַמאָל פֿלעג איך האָבן אַרבעט, און אַמאָל נישט. טעג ווי טעג. אין די אָוונטן פֿלעג איך פֿאַרברענגען אין די פֿאַרשידענע אַרבעטער-קלובן. דאָס רוב אין די אַנאַרכיסטישע. איך בין געווען אַן אַנאַר־כיסט. לאָנדאָן איז אַ גרויסער כּרך, און אין אַ גרויסן כּרך הויבט מען אָן ערשט פֿילן איינזאַמקייט און נישטיקייט. די מויערן, ווי די מענטשן, דריקן אויף דיר און באַמיען דיך פֿאַרטונקלען. ביי־נאַכט איז אָבער בעסער... ביינאַכט זענען דאָ אַ סך פֿייערן. און די איינזאַמקייט ווערט געשטילט דורך דער וואַרעמער אָפּגעזונדערטקייט פֿון די פֿייערן. זענען די נעכט אין אַ גרויסער שטאָט היימישער, ווי די טעג..."

און ווידער האָט זיך מר. ראַדזעק פֿאַרשעמט. ווידער איז ער רויט געוואָרן איבער דעם, וואָס ער פֿלעגט אַריינפֿאַלן אין אַזעלכע, דוכט זיך, סענטימענטאַלע רייד. נאָר, אפֿנים, אַז די פֿאַרנאַכטיקע שעה איז געווען אַזאַ, אָדער אפֿשר דער נאָכקלאַנג פֿון די דערינע־רונגען.

„איך דערמאָן מיך, ווי אין איין אָוונט האָט עס גערעגנט. איך בין געזעסן אין אַן אַרבעטער-קלוב אויף דער פֿאַרוואָרפֿענער ד ו ־א י י ן ־ ג א ס. דורך די פֿאַרגאָסענע נאַסלעכע שויבן האָט זיך נאָכגע־נאַנד אַריינגערוקט אַ דערעסנדיקע נעפּלדיקייט, אַ קאַלטע, אַ לאָנדאָ־נער. דאָ און דאָרט האָבן זיך דורכגעוואָרפֿן אינם נעפּל סימנים פֿון לאַמטערן־פֿייערן. זיי זענען אַלץ בלייכער געוואָרן אין דעם געדיכטן נעפּל, ווייל דער לעצטער האָט זיך מיט יעדער מינוט געשטאַרקט. אין גיכן וועלן זיי אינגאַנצן אָפּגעווישט ווערן, די לאַמטערנעס... אָט אַזוי וועל איך אויך אָפּגעווישט ווערן, — האָב איך אַ טראַכט געגעבן,

ווייל פון נאָרנישט טון האָב איך געקוקט אינם פאַררעגנטן דרויסן און געטראַכט אַלערליי נאַרישע געדאַנקען.

„און עס איז מיר מיטאַמאָל איינגעפאַלן מיין אַליין־זיין אויף דער וועלט... ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס אַזוינס איז מיר איינגעפאַלן. עס איז אמת: איך האָב אַ סך פריידי־קע חלומות אין זיך געהאַט. נאָך אַלץ יונגער געווען. אָבער ווער אַרום מיר האָט פון מיין שטילער אינערלעכער פרייד געוווסט? (און פאַרוואָס אפילו זאָל עס מיך אָבער אַרן? נאַריש...)

„דאָס, וואָס איך וועל פאַרשווינדן — דאָס האָט מיר גאָרנישט געאַרט אַזוי. אָבער עס האָט מיר ווי געטון ביים געדאַנק, אַז די חלומות מיינע וועלן דאָך אויך פאַרשווינדן מיט מיר, ווייל — איך מוז אייך מודה זיין — די חלומות מיינע זענען מיר געווען וויכטי־קער און אמתער, ווי איך אַליין...

„און אַרום האָט אַלץ גערעגנט, אַלץ גערעגנט, פאַמעלעך און לאַנגזאַם. ס'האָט גערעגנט מיט שטיקלעך נעפל, ווי קלאָטשע — אויפן לאַנדאָנער אופן. אַלץ אַרום האָט זיך געהאַלטן אין אָפּווישן, פאַר־ווישן. אָט, ווען איך גיב איצט אַ שטאַרב אַוועק — — — וואָס דעמאָלט? די שטאָט איז אַ גרויסע, און וואָס איז דער באַטרעף פון איין מענטשן?

„מיטאַמאָל הויב איך אָן פילן, אַז איך שטאַרב טאַקע אָפּ — דאָס הייסט, איך האָב מיטאַמאָל אַ מאָדנע געפיל אַזאַ, אַז איך געפין מיך אין מיטן פון אַ שטאַרבן, דאָס הייסט, שוין לאַנג, אַז איך האַלט אַזוי אין אָפּשטאַרבן. ס'איז מיר שווער דאָס אייך צו געבן צו פאַר־שטיין, מיינע פריינד... נאָר מיר איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי קאַלט, אַז כ'האָב מיטן גאַנצן לייב מיינעם געציטערט. איצט, אַז כ'האָב מיך שוין מער אָנגעלייענט מיט פאַרשידענע יידישע און ענגלישע ביכ־לעך, קאָן איך געפינען אַ ביסל מער ווערטער... כ'האָב אין אָט יע־נער מינוט געהאַט אַזאַ מין געפיל, ווי מיין טויט וואָלט זיך שוין לאַנג צוריק אָנגעהויבן, אָנגעהויבן נאָך דאַן, ווען איך האָב אַרויס־געשטראַלט פון זיך חלומות אין דער ווייטקייט אַריין... וואָרום איז דען דאָס אָפּשטאַרבן פון חלומות נישט דער אָנפאַנג פון מיין אייגע־נער אָפּשטאַרבונג? איך האָב אַזוי שטאַרק דערפילט אינם רעגן

דעמאָלט, ווי איך הויב שוין אָן, אין דער זעלביקער מינוט, איינשרינקען, איינשרינקען, איינשרינקען.

„איך בין געוואָרן אַזוי שוואַך... כ׳האָב, דוכט זיך, געפֿילט, ווי עס קומען שוין אָן מיינע לעצטע מינוטן.

„נאָר מיטאַמאָל איז אַריינגעקומען אין קלוב מיינער אַ באַקאַנטער.

„— נעם מיך ערגעץ צו — בין איך צו אים צוגעפֿאַלן און אָנגעהויבן אים בעטן — לאָמיר אַוועק פֿון דאַנען... גיכער. — כ׳האָב נאָך געוואָלט צוגעבן: — איך וויל נישט אָנהויבן פֿילן דעם טויט נאָך אַזוי יונג... נאָר איך האָב מיך, אַפֿנים, געשעמט פֿאַר מיין באַקאַנטן.

„מיר זענען דעמאָלט ביידע אַ שטיק צייט געגאַנגען אַזוי דורך די נעפּלדיקע און רעגנדיקע לאָנדאָנער גאַסן, מיט אַ בלאַזק פֿון אַ לאַמטערן ווו-נישט-ווו. מיין פֿריינט, וועלכער איז געווען אַ קלוגער מענטש, אַ קלוגער און אַ רעזיגנירטער — איר דאַרפֿט פֿאַרשטיין, אַז ער האָט שוין ביי זיך געפֿועלט צו פֿאַרבלייבן וווינען זיין גאַנץ לעבן אין לאָנדאָן (ווײַבאַלד, אַז איר זענט נישט געווען אין לאָנדאָן, קאָנט איר נישט וויסן, וואָס דאָס באַדייט פֿאַר אַ מענטשן) — מיין פֿריינט האָט מיך אַריינגעפֿירט אין אַ הויז פֿון לאַנדסלייט. אָ, ער האָט אַוודאי גלייך פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי מען ווערט פֿון אַזעלכע שטימונגען אויסגעהיילט...

„דאָרטן האָב איך זי דערזען, מיינע... און שוין ביים ענד פֿונם זעלביקן אָוונט, ווען איך בין אַוועק, האָב איך דערפֿילט אַזוי פֿרילינגדיק אין גאַנצן בלוט — — —"

די מעשה האָט, אַפֿנים, געהאַלטן די געסט שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, ווייל זיי האָבן די גאַנצע צייט געשוויגן.

וואָלינסקין — פּונקט ווי יעדן איינעם פֿון די געסט — האָט זיך אונטער דעם זילבער-ווערנדיקן קאָפּ-האָר עפּעס נאָכאַנאַנד געפֿאָנטערט. זיין בלוט האָט איצט אויפֿגעזונגען מיט אויפֿגעוואַכטער ליבשאַפֿט צו זיין יונג-געבליבענער פֿרוי, צו עדנאַן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אַמאָליקע יאָרן, ווען ער האָט זיך נאָך געשדכנט צו

איר. און אים האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואָלט צו זיין מיט איר איצט איינער אַליין.

ער האָט מיט ציטערדיקער פרייד, ווי נאָך גאָר אַ יונגער באַלאַבעסל, געוואַרט ביז וואַנען זיי וועלן קומען אַהיים. אָ, דאָרטן וועט ער שוין אין ליבשאַפט זיך דרייען פאַר איר, ווי אַ יונגער אינד, זיך קרייזן אַזוי לאַנג פאַר איר, ביז וואַנען ער וועט אַ תאווה־געשאָכטענער אַנידערפאַלן פאַר אירע פיס.

ער האָט געקוקט אויף דעם פלאַץ, וווּ עדנא איז געזעסן — האָט געדאַרפט זיצן — אַ שווייגנדיקע. זי איז אויך געווען שטיל. וואָס אַמאָל איז זי אָפּגעווישטער געוואָרן. בלויז איר שטערן האָט זיך געבלייכט, — איר הויך־קלוגער למדנישער שטערן. ער האָט געלויכטן, ווי דאָס שטילע פלעמל פון אַ ליכט אין דער טונקל.

וואָליגסקי האָט זיך איצט געמאַטערט צו טרעפן, פון וואָס זי טראַכט איצט. ער האָט דעריבער קוים געהערט, וואָס ראַדזעק האָט ווייטער דערציילט:

„נאָכדעם, ווי איך האָב זיך פאַרליבט אין איר, האָב איך גאָר איינגיכן געבעטן די האַנט ביי איר, און אַזוי ווייטער, און מיט איר חתונה געהאַט. און באַלד, מיט אַלץ־וואַקסנדער פרייד האָב איך באַמערקט, ווי דאָס לעבן כוואַליעט אין מיר ווידער אויף, ווי עס הויבט זיך אָן פאַר מיר פונאַנדערצושפרייטן...

„מאָלט אייך, איך האָב מיך אַזוי גיך נישט אונטערגעגעבן. זי איז נאָך אויך געווען יונג. מיר האָבן אַ שטיקל צייט געחלומט צוזאַמען: אַ, מיר וועלן נאָך פאָרן נאָך דרום־אַמעריקע, קיין אויסטראַליען, קיין אַפריקע... און פאַרן טויט — קיין ארץ־ישראל. אַזוי האָבן מיר געחלומט. נאָר אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז אָנגעקומען זענען מיר גאָר קיין צפון־אַמעריקע, — אַהין, וווהין מיר האָבן קיינמאָל קיין חשק נישט געהאַט צו פאָרן... און אָט זענען מיר דאָ. און די חלומות אונזערע זענען שוין הינטער אונז... נישט קיין אויסגעלעבטע. און דאָ וועלן מיר שוין שטאַרבן. ווייל מיר זענען שוין אַלט.“

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. קענטיק, אַז דער הער ראַדזעק האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל ווידער נאָכגעבן זיין חשק אַ קאַפּיטשקע אַ פּילאָזאָפיר צו טון. ער האָט אויפגעהויבן די

אויגן, און — זיך פאַרשעמט.

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דער הער ראַדזועק האָט געהאַט צו דערציילן.

די מאַדאַם ראַדזועק — און מאָדנע: זי האָט, דוכט זיך, אין אַזאַ שלום־בית געלעבט מיטן מאַן — האָט דאָ צוגעגעבן מיט אַ שטילן שמייכל:

— ווייסט, אָשר?... איצט דוכט אַמאָל, אַז מיר האָבן נישט געדאַרפט חתונה האָבן... מיר דוכט, אַז מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב, דאַרפן קיינמאָל נישט חתונה האָבן: זיי דאַרפן פאַרבלייבן חתן-כלה זייער גאַנץ לעבן.

עס איז געוואָרן אין זאַל צו־טונקל און צו־שטיל. מיטאַמאָל האָט זיך אויסגעדוכט די געסט, וועלכע זענען געזעסן אַרום טיש, אַז אַ הויכלעך־שוואַרצער שאָטן האָט זיך פון עס-זאַל אַרויסגערוקט. ווי די אַמאָליקע געשטאַלט פון די ראַדזועקס, וועלכע דער באַלעבאָס האָט דאָ ערשט פון דעם שוין־פאַרגאַנגענעם אַרויסגערופן. עס איז געווען, ווי ווען אַ טייל פון דער טונקלקייט, דער אַש פונם אויסגעברענטן טאָג-ליכט, האָט זיך נאָך זיין ליכט, נאָכן טאָג פאַרבענקט, און זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן אים, דעם פאַרגאַנגענעם, צו געפינען.

— און אפשר...

נאָך אַלעמען זענען דאָך חלומות מער נישט, ווי דער איינגעבוירענער ווילן אונזערער זיך פונאַנדערוואַקסן און זיך אויסברייטן, צו לאָזן צווייגן אין דער ברייט... דעריבער חלומען מיר אין די ווייטקייטן אַוועק. נו, אַז מען ווערט אָבער עלטער, אַז מען ווערט צו ניכטער־באַוווסטזיניק צו חלומען, איז אפשר טאַקע די גלייכסטע זאַך, ווען מיר הויבן אָן ווייטער צו פלאַנצן אונזער מין, און דורך אונזער בלוט, — דעם אָפּגעפרישט-באַנייטן — גיבן מיר איבער אויך דעם ווילן צו חלומען, — אין די, וואָס קומען אַרויס פון אונזער דיך...

אייניקע געסט האָבן אַ ציטער געטון. אפשר פון קעלט און אָוונט-טונקלקייט. נאָר שטאַרקער פון אַלעמען האָט אַ ציטער געטון

וואָלינסקי. ער ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר אים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדוכט, ווי די אַמאָליקע געשטאַלט פון די ראַדזעקס איז עס דאָ אַרויסגעגאַנגען — די געשטאַלט, וועלכע דער באַלעבאָס פונם הויז האָט דאָ ערשט אַרויסגערופן פון זיין טויטער פאַרגאַנגנהייט.

און מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעהויבן אין סאַלאָן אַ רעש און אַ געטומל, ווי אַן אַרויסגעלאָזענער פון ערגעץ אַ פאַרשלאָסענעם שטאָלערנעם קופערט אַרויס. מען האָט זיך געוויצלט, געשפּאַסט, איינער דעם אַנדערן אין נצחון איבערגעשריען. אַ לוסטיקייט, אַ מאָדנע, אַ נישט-היגע, איז אויף די בלייכע פּנימער געווען אויסגעגאָסן. אייבעראַנייס האָט מען זיך טומלדיק, איינער דעם צווייטן נישט הערנדיק און אַלע מיטאַמאָל רעדנדיק, גענומען פאַרן ווייַן, וואָס איז וואַרטנדיק אויפן טיש געשטאַנען.

וואָלינסקי האָט זיך אַרומגעדרייט אין דעם פרעמדן טומל, ער האָט געזוכט זיין פרוי מיט אַ וואַרעם-גליענדיק האַרץ, און אַ מוח פול מיט גאָלדן-זוניקע געדאַנקען. נאָר זי איז אין ערגעץ נישט געווען צו געפינען.

ער איז געגאַנגען פון חדר צו חדר. אַלע חדרים זענען געווען טונקל. נאָר ביי דער עטוואָס אויפגעעפנטער טיר פון די ראַדזעקס שלאָפצימער האָט אַ ליכט אַרויסגעפּראַלט. ווי נאָר זיינע טריט זענען דאָרט דערהערט געוואָרן האָט זיך דאָס ליכט גלייך אויסגעלאָשן.

וואָלינסקי האָט האַסטיק אַן עפן געטון די טיר.

פאַר אים, אין דער טיר-ראָם, איז געשטאַנען עדנא, אַ בלייכע אַזאַ, און האָט פאַרשולדיקט געשמייכלט. די הענט האָט זי געהאַלטן פאַרלייגט אונטערן רוקן. קענטיק, זי האָט דאָרטן עפּעס געהאַלטן.

אַז זי האָט דערזען זיין צעשראָקענעם נישט-פאַרשטייענדיק פּנים, האָט זי אַ פּאָרטרעטן-אַלבום אויפן טישל צוריק אַוועקגעלייגט.

— ס'איז גאָרנישט, מיין ליבער...

און אַ צי טוענדיק מיט די אַקסלען, ווי האָבנדיק געטון אַ נאַרישע זאַך, וועלכע גייט זיך אָבער מיט אים, וואָלינסקין, נישט אָן — האָט זי באַלד צוגעגעבן מיט אַ שעמעוודיק-קינדיש שמייכל:

— איך האָב אויף עפּעס דאָ אַ קוק געטון... אויף אַ פּאָרטרעט.

ער האָט געשוויגן. האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און זי אַ קוש געטון, ווי אַ פרעמדע.

זי איז געווען בלייך. זי האָט זיך געטוליעט צו אים און זיך געפּיעשטשעט.

— אָט, זי וואָלט עפּעס געוואָלט... זי ווייס אַליין נישט וואָס. נאָר עפּעס וויל זי איצט נישט זיין מיטן עולם.

און האָט באַלד אַרויסגעפּלאַצט:

— טייערער, לאָמיר גיין פון דאַנען.

זיי האָבן זיך געזעגנט מיטן זיך וואונדערנדיקן עולם.

— וואָס טוט זיך דאָ מיט זיי.., אַזוי פרי... די געבורטס־טאָג פאַרוויילונגען הייבן זיך ערשט אָן! קאָרטן־שפּילן, און ערשט דער־נאָך אין אַ בראָדוויי־טעאַטער!....

זיי האָבן איבערגעלאָזן דעם גערויש הינטער זיך.

גיך־גיך איז זי פאַראויס געגאַנגען, מיט קליינע דראָבנע טריט, ווי אַ וועווערקע, וואָס אַנטלויפט פון אַ גערויש, וואָס דוכט זיך איר.

וואָלינסקי האָט דעם טעמפּאָ פון אירע טריט און איר אָטעם ביי איר זייט נאָכגעהאַלטן, מיט אַ צעוואַרעמט האַרץ.

— באַלד וועלן זיי שוין זיין אין דער היים... באַלד. אָ, עד־נא, די אייביק יונגע כלה זיינע!

אין דרויסן איז געווען ליכטיקער, ווי ביי די ראדזעקס אין הויז. די גאַסן זענען געווען ריינע און שטילע, און זיך געגרייט פאַרן אָוונט. פרויען און קינדער זענען געזעסן אויף די הייזער־טרעפּ, און אַלע געוואַרט אויף וואָס. אין מערב האָבן זיך נאָך גע־צונטערט די לעצטע שמאָלע ליכט־פּאַסן.

גיך זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען די עטלעכע גאַסן, אויפן וועג צו דער סטאַנציע פון דער שטאָטישער באַן. עדנא האָט שוין קענטיק וואָס גיכער געוואָלט זיין אין דער היים. און ער, וואָלינסקי — זיין צעוואַרעמטער מוח, פול מיט איידלקייט און אויפגעגאַנגענער ליבע צו איר, האָט זיך אינם אָוונט ווייט פאָרויס אויסגעשפּרייט.

געזען האָט ער זיך שוין אין דער אָוונטיקער שטילקייט פון זייערע חדרים, און געפילט האָט ער שוין אין דער געדיכט־ווערנדיקער אָוונטי־קייט די שטילע ברענענדיקע נאַקעטקייט אירע, עדנאס, — דער אומזיכערער חלום־פרוי זיינער. ער איז איר געווען אין אָט דער מינוט אַזוי דאַנקבאַר און פול מיט בענטשונג, וואָס אין איר האָט זיך דערוועקט איינצייטיק דאָסזעלביקע געפיל, וואָס אין אים.

מיט די שפּיץ־פינגער האָט ער זי אָנגערירט ביים אָרעם. אין דעם בלוילעכן אָוונט, וועלכער האָט זי אַרומגעוויקלט, האָט זי זיך אים אויסגעדוכט ווי אַ גישט־היגע, ווי זי וואָלט זיך פון ערגעץ אַ וווּנדער־מדינה אַרויסגעריסן, צו אים אויף אַ לאַנגן טאָג געקומען, און איילט זיך איצט צוריק צו איר פּלאַץ. ער איז געגאַנגען ביי איר זייט, איינגאַנצן אַ פאַרזונקענער אין איר.

און אַ ביסעלע שפּעטער זענען זיי געזעסן אינם וואַגאָן פון דער שטאָטבאַן. און נאָך אַ ביסעלע שפּעטער זענען זיי שוין ביידע אַרומגעגאַנגען איבער פרעמדע גאַסן, וועלכע זענען אים געווען אי אומבאַקאַנט, אי באַקאַנט. קינדער האָבן זיך אויף די גאַסן געשפּילט. זייערע ווייסע העמדלעך האָבן זיך קוים געלויכטן אין דעם בין־השמשות.

וואָלינסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקוקט פאַר־ווּנדערט. זי — אויך, געקוקט אויף אים.

— דו וועסט מיר אַנטשולדיקן. — און אויף איר בלייך פּנים איז אַ קראַנקער שמייכל געווען אויסגעשפּרייט, און אויסגעזען האָט זי, ווי אַן אָפּגעשוואַכט קינד, וועמען עס האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואָלט אויספירן אַ קאַפּריז — איך האָב אין מרס. ראַדזעקס אַלבאָם דערזען דיין בילד — געדענקסט? דיין אַמאָליק בילד, ווען דו האָסט נאָך געוווינט אָט דאָ־אָ. געאַרבעט אין שאָפּ און געמאַכט „קאונטע". האָט זיך מיר פאַרוואָלט אָנצוקוקן נאָך אַמאָל דאָס הויז, ווו מיר האָבן אַלס יונג פּאָר־פּאָלק געלעבט... ס'איז נאַריש... איך ווייס. סענטימענ־טאַל. נאָר וואָס קאָן איך זיך העלפן?... עס האָט מיך פּאָרט אַזוי שטאַרק געצויגן.

ער האָט געקוקט אויף איר, — דער, וועלכע איז געגאַנגען ביי זיין זייט אין דער שטילקייט פונם אָוונט, — און האָט זי נישט דער־

קענט. זי איז געווען אַזוי צעפּלאָמט־פאַרטראָגן.

עס איז געווען אַ פאַרלעגענער טייל פון די בראָנקס, נישט ווייט פונם מזרח־טייך.

אים איז עס איצט אַלץ צוריקגעקומען, אָנגעווייעט אויף די אָוונט־ליילעכער, וואָס האָבן זיך געשפּרייט איבער דעם בלייך־גרויען אַספאַלט.

דאָס איז דער פּאַס פונם טייך, מיט די באַרלינקע־פּייערלעך, וואָס שווימען שטיל אַרום אין דער אָוונטיקער לופט.

און דאָרט זענען די ברוין־געפאַרבטע פּיאַנאָ־פאַבריקן, וואָס ער פלעגט תמיד זען פון זיין חדר־פענסטער.

אָבער די אַרומיקייט, אין וועלכער ער האָט דורכגעלעבט זיינע יינגסטע און האָפענונגספולסטע יאָרן, האָט זיך אים איצט אויסגעדאַכט, ווי אַ נישט־ווירקלעכע, אַן אויסגעחלומטע פון עדנאַס שטילע טראַכטונגען. און זי ביי זיין זייט, — די פרוי, נאָך וועלכער ער איז אָן זיין ווילן נאָכגעגאַנגען, — האָט אים אויך איצט אויסגעזען, ווי אַן אומבאַקאַנטע געשטאַלט, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין דער אָוונטיקער לופט פון עמיצנס — פון עדנאַס, איצטיקע זכרונות.

די שווייגנדיקע שטילקייט אירע האָט אים נאָכגעשלעפּט. אירע קאַלטע פינגער זענען געלעגן אין זיין האַנט.

זי איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קאָרידאָר, אַ שוואַך-באַלויכטענעם דורך קליינע גאַז־רערלעך, אַ שטיקנדיק-אומריינעם. די ווענט זענען געווען אָפּגעקאַלופּעט. דער גיפּס האָט זיך געווייסט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ. ער — נאָך איר. אויפן דריטן שטאָק, ביי איינער אַ באַלויכטן-פאַרמאַכטער טיר, זענען זיי געבליבן שטיין.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט. אין דער האַלב-טונקלקייט פון קאָרידאָר האָט זיך געהערט דאָס פאַרגיכערטע קלאַפּן פון איר האַרץ. די טיר־שויבן פון דער וווינונג, דרויסן פון וועלכער זיי זע-בען איצט געשטאַנען, זענען געווען באַצויגן מיט פאָרהענגלעך. שאָטנס פון די שכנים האָבן זיך אויף יענער זייט שטיל באַוועגט.

און עס האָט זיך עדנאַן מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז זי און ער, די אַמאָליקע, זענען שוין לאַנג געשטאָרבן: אויף יענער זייט פאָרהענג־לעך דרייען זיך עס איצט אַרום די ערשט־אויפגעשטאַנענע זכרונות פון זיי, — סילועטן־זכרונות אין בלייכלעכע תכריכים.

דאָס האַרץ האָט איר אַזוי געריסן אַריינצוגיין אינווייניק אין זייערע חדרים אַריין. זי האָט שוין די האַנט געהאַלטן אויף דער קליאַמקע און געוואָלט אָנקלאַפּן. נאָר שווערע טריט האָבן זיך איג־מיטן דערינען אויף יענער זייט טיר דערהערט, ווי זיי דערנענטערן זיך צו דער טיר. אַ פּחד איז איר באַפאַלן פאַר די פרעמדע טריט, וואָס האָבן אין אירע חדרים אַרומגעשפּאַנט. זי איז אַ דערשראָקענע אָפּגעשפּרונגען פון טיר און שיר נישט אומגעפאַלן.

וואָלינסקי האָט זי פאַמעלעך אַרום דער כאַליע אַרומגענומען און זי אַרונטערגעפירט אַרונטער די טרעפּ.

די קילקייט פונם אָוונט האָט אויף אירע וואַרעמע באַקן איצט געבלאָזן, און זי עטוואָס אָפּגעלעבט.

אַ ווײַלע זענען זיי שוויַגנדיקערהייט געגאַנגען. וואָלינסקי האָט מיטאַמאָל דערהערט איר שוואַך קול. עס האָט אים געקלונגען אַזוי פרעמד־אומהיימלעך:

— אשר... הערסט, אשר... אפשר וואָלטן מיר זיך צוריק אַהער אַריינגעקליבן?

און, ווי שטאַרק מורא האָבנדיק, טאָמער וועט נאָך איר מאַן טאַקע איינשטימען צו איר ווונש, האָט זי אויף גיך אָנגעהויבן זיך דערווייטערן פון דער שטוב.

אַזוי זענען זיי אַרומגעגאַנגען אַ שטיק צייט אין דעם אָוונט פון די פרעמדע גאַסן. עס איז געוואָרן קילער. פונם מזרח־טייך האָט גע־בלאָזן אַ פייכטער ווינט.

עדנאַ איז געגאַנגען בײַ זײַן זײַט, מיט אויגן צו אַ געוועזענעם חלום געווענדט, אַ חלום וואָס איז שוין איצט נישטאָ. געטראַכט האָט זי, אפֿנים, פֿון יענעם, וואָס ער איז געווען אַמאָל, און וועלכער וועט שוין מער נישט זײַן. ווי אַזוי זײַ וועלן בײדע מיט יאָרן שפּעטער נישט ווערן, אין דער צײַט, וואָס די געגנט אַרום, דער איסט ריווער און דער נאָענטער פּאַס ים פֿונעם לאָנג אײַלענד, וועלן נאָך אַלץ זײַן.

וואָלינסקין איז אײַנגעפֿאַלן מיט אַ ווײטיקדיקן יאוש, אַז די פֿרוי, מיט וועלכער ער איז אַזוי נאָענט־מאַנסבילש, איז אים סוף־כּל־סוף גאָר אַ פֿרעמדע. זי לעבט נישט מיט אים, וואָלינסקין, ווי ער איז איצט — דעם אַלט־ווערנדן, — נאָר מיט דעם אַמאָליקן אשר, דעם יונגן, דעם אָרימען, דעם ליכטיק־אויגיקן און האָפֿנונגדיקן...

דאָס האָט צו־שטאַרק שוין געשניטן בײַם האַרץ.

סקאָסנע האָט ער אויף איר אַ קוק געגעבן. ער האָט געפּרוווט אָננעמען איר האַנט. זי איז געווען קאַלט און — נישט זײַנע. זי האָט אים איצט גאָרנישט געפֿילט. זי איז געגאַנגען אײַנגעקאָרטשעט, אײַנ־געבויגן. זי האָט איצט באַלאַנגט צו דעם ווײַטלעכן זכּרון פֿון אים,— צום זכּרון, אין וועלכן זי האָט זיך איצט אײַנגעוויקלט, כּדי צו פֿאַר־טרײַבן די קילקײט פֿונעם אָנקומענדיקן אָוונט. און דאָ קוקנדיק אַזוי אויף איר אײַנגעהאָרבעוועטער פֿיגור, האָט וואָלינסקי דערפֿילט מיט פֿרייד און שטילער, ווײטיקדיקער דאַנקבאַרקײט, אַז זי, עדנאַ, ווערט שוין אויך אַלט — — —

און מער האָט זי שוין צו אים נישט גערעדט, ביז וואַנען זײַ זענען פּלוצלינג געבליבן שטײן נאָענט בײַם ברעג פֿונעם איסט־ריווער. דער ווינט האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. דעמאָלט האָט זי אים אָנגענומען בײַם אָרעם, ווי אַ שאָטן.

זי האָט אים געזאָגט:

— לאָמיר גײן אַהײם, אשר, ס'ווערט שוין קיל.

1919

שטילע ווערטער

אַלע ווײַלע פֿליגן פֿלעמלעך, קלײנע עלעקטרישע פֿײַערלעך, אױפֿשײַנען פֿאַר איר.

ס׳איז געװוען אַ קאַלטער שטורמדיקער טאָג אין די קעטס־קילבערג.

אַרום און אַרום דעם דאָרף, װוּ עס האָט זיך געפֿונען די טע־לעפֿאָן־סטאַנציע פֿאַר דער גאַנצער געגנט, זענען געװוען צעװואָרפֿן פֿערמעס און הײַזער אױף שפּיצן און שיפּועס פֿון נאַקעטע פֿליכעװואַ־טע בערג און װײַסע פֿאַרשנײַטע טאָלן.

די פֿערמער האָבן אין אַזױנע טעג נישט געקאָנט קומען אין דאָרף אַרײַן. זײ פֿלעגן אָנקלינגען טעלעפֿאָניש צו די קלײטן אין דאָרף, אױסגעפֿינען, װאָס עס מאַכט אַ באַקאַנטער פֿערמער ערגעץ אױף יענער זײַט פֿון אַ באַרג, אין אַ װײַטער בױגונג פֿון אַ טאָל, נעבן אַ באַרג־שפּאַלט בײַ דער זײַט פֿון אַ װעג.

שנײ־פֿלאַכטעס האָבן זיך נאָכאַנאַנד געהױדעט, זיך באַהעפֿט און װידער צעריסן אין דער לופֿט. ס׳איז געװוען װינטיק, כאַאָטיש און שטאַרק אומהײמלעך אין דער גרױער װינטיקער לופֿט. נאָר די טעלעפֿאָן־דראָטן האָבן געטראָגן אַ װאַרעמע, נאָענטע הײמישקײט דורכן פֿראָסט, דורך דער װײַסער, אָפּגעאײַנזאַמטער לופֿט פֿון די פֿאַרפֿרױרענע בערג און טאָלן.

אײַנגעפֿעלצטע און פֿאַרװיקלטע אין אַלערלײ שמאַטעס, האָבן פֿאַרװאָרפֿענע פֿערמערס אַלץ געטראָגן פֿולע אָרעמס מיט שײַטלעך

האַלץ פון דער האָלץ-קופּע אויפן הויף אין קיך אַריין און דערנאָך — ווידער צו דער האָלץ-קופּע. נאָכאַנאַנד געשפּאָלטן מיט דער שאַרפער האַק דאָס האָלץ פון צעזעגטע יונגע בוימער. געהאַקט מיט אַ הילך אין דער פראָסטיקער לופט, דערנאָך אַריין אין דער דערבייאיקער שטאַל, געלאָזט די פאַרפרוירענע גלידער אָפּגיין אין דער וואַרימקייט פון בהמהשן מיסט און אָטעם. ביי די בהמות איז פון די סאָפּנ-דיקע זייטן און פון דעם גאַנצן שוויצנדיקן גוף געגאַנגען אַ פּאַרע, ווי פון הייסע אָנוטשעס, וואָס מע טראָגט אַרויס אין אַ קאַלטן דרויסן.

אין דעם דאָרף, ביי דער באַן-סטאַנציע, אויפן צווייטן עטאַזש פון אַ הילצערנעם הויז, האָט דאָס מיידל געאַרבעט.

פאַר איר איז געשטאַנען אַ נידעריקער, ברייטלעכער קאָמוטאַ-טאָר, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן עמוד אין אַן אָרימען, קליינ-שטעטלדיקן שולכל. דאָס מיידל האָט געהאַט אַרום די זייטן קאָפּ איבערגעצויגן אַזאַ שטאָלענע רייפל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט צוויי קיילעכדיקע דעקלעך איבערביידע אויערן.

יעדע מינוט שיינט אויף דער שוואַרצער וועגטל פאַר איר אַ פלעמל. — אַ קליין עלעקטריש לעמפל.

— האַללאָו! האַללאָו!!! האַללאָו!!! יעס, טהענקיו. האַללאָו? איך קלינג אייער נומער — און ווידער אַ פלעמל, און ווידער אַ שטים, און נאָך אַ סך שטימען, וואָס קלינגען תמיד הייזעריקלעך, קאַלט, אויפגערעגט אומצופרידן, בייז, — און אַזוי ווייט, דומפּיק, ווי פון יענער זייט וועלט.

ווי פון אַ טויטן מעטאַלענעם מענטשן, וואָס ווערט באַוועגט דורך אַן אומגעזעענער ספּרוזשינע — אַזוי זענען געווען די באַווע-גונגען פונם מיידל. זי האָט גערעדט צו שטיקער אייזן, שטיקער מעטאַלן, צו טויטע, אומבאַקאַנטע געגנשטאַנדן, וואָס זענען געווען פאַרשטעקט ערגעץ אין אַלערליי ווינקעלעך פון דער אַרומיקער געגנט. קיין איין געדאַנק האָט זיך נישט באַוועגט אין איר קאָפּ, בשעת זי האָט טעלעפאָניש פאַרבונדן די צדדים, און קאַלט געשעפטמעסיק גע-ענטפערט אויף די נומערן און זיך צוערשט צוגעהערט מעכאַניש, אויב דער געשפּרעך גייט שוין אָן.

אין שטוב איז געווען קאַלט. דאָס מיידל פלעגט זיך אַלע

ווילע צוכאַפּן צו דער אייוועלע און אַריינוואַרפן אַהין אַ שטיק האָלץ.

אָט איז אויף אַ שטיקל ווײַלע שטיל געוואָרן אויפן טעלעפאָן־אַפּאַראַט. ס'טרעפט אַמאָל אַזוי, עפּעס פּלוצלינג. אפשר זענען אומע־טום אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלער, אין די ווייטע פאַרוואָרפענע און פאַרווייטע הייזער, די מענטשן געגאַנגען איצט שלאָפן, אָדער געזעצט זיך עסן, אָדער גאָר באַדעקט געוואָרן מיט די שניי־פּלאַכטעס.

דער שטורם איז געוואָרן שטאַרקער. די טעלעפאָן־דראָטן האָבן געמוזט קאַליע ווערן.

דאָס מיידל איז דעמאָלט צוגעגאַנגען צום פענסטער.

ס'איז געווען אַ יידיש דאָרף. פאַר איר האָט זיך געצויגן איין גאַס אַ נאַסע און אַ צעטראָטענע. וויפל ס'זאָל נישט שנייען דורכן ווינטער, איז דאָ, אויף דער גאַס, די ווייסקייט אַלעמאָל געווען צע־טראָטן און פאַרוואַנדלט אין אַ געדיכטער געלער קאַשע. אַ פאָר אומ־געהויערע, אומגעלומפּערטע פערמער־שליטנס זענען געשטאַנען, אָנגע־לאָדעני מיט מילך־קאַנען, וואָס עטלעכע אָרעמע פערמער, וועלכע האָבן קיין אייגענעם סעפּאַראַטאָר נישט געהאַט, האָבן קוים פאַרשלעפּט אין דער קאָאָפּעראַטיווער „קרימער" *) אָפּצוטיילן די סמעטענע פון דער מילך. עפּעס אַ פאָר מענטשן האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און זענען אין איילעניש איבערגעלאָפן פון איין קראָם אין אַן אַנדע־רער. זיי האָבן געטראָגן זעק מיט לעבלעך ברויט.

אויף דער קליינער סטאַנציע־פּלאַטפאָרם האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע הויכע דאַרע יידן, מיט אַ פאָר נידעריקע, ברייטע זיך קאַ־טשענדיקע יידענעס, און האָבן וועגן עפּעס בשום אופן נישט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך. זיי האָבן געהאַלטן אין איין אומקוקן זיך אויף צוריק, הינטער זיך, זעען, אויב מע רופט זיי נישט צוריק. דאָס זענען געווען אוודאי עטלעכע ניו־יאָרקער, וועלכע זענען געקו־מען אין די בערג באַצייטנס צו דינגען דאַטשע־פּענסיאָנען פאַרן זומער־סעזאָן.

---

*) אַ געביידע, וואָס איז באַזאָרגט מיט אַ צאָל גרויסע סעפּאַראַטאָרס פאַר אַ גאַנצן דאָרף.

דאָס מיידל האָט זיך איינגעהערט, ווי דער ווינט וואָיעט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און שליידערט טרוקענע שניי אין דער שאַרפער לופט.

אַנטקעגן, דורכן פענסטער, האָט דאָס מיידל מיטאַמאָל דערזען דאָס געזיכט פון דעם יונגן פאַרמאַצעווט. ער איז דאָרט געשטאַנען און האָט געבלאָזן פון לאַנגווייליקייט אויף דער טיר, געמאַכט רעדלעך מיטן פינגער, אָנגעוואַרעמט אָפענע „פענסטערלעך" דורך די בערן אויף די פענסטער, און אַרויסגעקוקט דורך זיי אין דער דרויסנדיקער וועלט.

שאַרף, אָפגעהאַקט, אין איין מינוט, האָט דאָס מיידל פון דאָרטן צוגעכאַפּט איר בליק. זיין קיילעכדיק ברייט פנים, ווי אַ קירבעס מיט די הערעלעך, וואָס האָבן פון דעם אין אַלע זייטן אַרויסגעסטאַרטשעט, האָט איר אין דער מינוט אויסגעזען ווי אַ שפּין אין מיטן פון זיין געוועב.

זי איז אַריבער צום צווייטן, אַנטקעגנאיבערדיקן עק שטוב, אַרויסגעקוקט דורך די פענסטער אין יענער וואַנט.

די פענסטער דאָרט זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן פאַרשנייטן לאַנד. דאָס לאַנד האָט אויסגעקוקט ווייס און ווינטערדיק, און איז געווען אַ שטילונג און אַ באַרויקונג פאַר דעם מיידל אין הויז. דאָרט, אויף די אָפּגעליידיקטע זייטן פון די בערג, האָבן זיך געצויגן אָן אַ שיעור שנייאיקע פעלדער, דורכגעשניטענע ווו נישט ווו מיט אַ שוואַרצן פאַרקן, דורכגעשטאָכענע מיט אַ שוואַרץ, פאַראיינזאַמט געוויקס. און ס'האָט געצויגן דאָס מיידל פאַרלאָזן איר איינזאַם חדר און אַוועק שפּאַצירן אַזוי מיט די רעלסן איבער די שוואַרצלעכע שפּאַלעס. גיין, גיין, גיין. גיין אָן אַ שיעור און אָן אַ ברעג, גיין ביז צו איינעם פון אָט יענע ווייטע פעלדער, און דאָרטן אַרויפקריכן אויף יענעם לעצטן באַגרינטן פעלד, זיך אַנידערלייגן דאָרט אינמיטן שניי— אַ שוואַרצער, אַן אומרויקער און אַן אומגליקלעכער פלעק — און זיך צוזאַמענגיסן מיט דער טויטער, רויקער ווייסקייט. דעמאָלט... דעמאָלט וואָלט עס אפשר געקומען אַן עק צו אירע ליידן און ספקות און פּיין.

אָבער יענע ווייסע פעלדער אויף די בערג-זייטן זענען געווען

זעלטן. זיי פלעגן זיך אויסערדעם,—אין דעם קרייזלנדיקן, פייפנדיקן, סווישטשענדיקן, נאדלדיקן ווילכער אין דרויסן — אָפט פאַרבאַהאַלטן פון איר אויג, פאַרציען זיך מיט אַן אומגעהויער־לאַנגער אויסטער־ליש־געפלאָכטענער נעץ פון שניי־שטויב. דער גרעסטער שטח פון די בערג איז געווען באַדעקט מיט נאַקעטע אָפּגעפּליקטע און ליידיקע וועלדער, שוואַרצע רימלעך־וועלדער, האָבן זיי אויסגעזען ווי בלויזע בית־עולמס פון בוימער־סקעלעטן.

דינע, נאַקעטע, טויטע אַזעלכע געוויקסן האָבן אָנגעטייטלט די גאַנצע ווייסקייט אַרום איר, און שווייגנדיק־טויט געסטראַשעט אין דער פעלדער־לופט — לאַנגע אַזעלכע בוימער־קראָען... און אַזוי איז אויך געווען דעם מיידל אויפן האַרצן — נאַקעט, שוואַרץ, אויסגע־ליידיקט און פאַרפרוירן.

און, אַז זי האָט איר בליק געלאָזט ציען אין דער לענג פון די אייזנבאַן־רעלסן ביז צו דער צווייטער קרימונג פון דעם באַרג, האָט איר אָנגעכאַפּט אַ נאָגעניש און צופּעניש ביים האַרצן.

— וואָס טוט זי דאָ, אין דעם אָרט, וווּ עס האָט מיט איר געטראָפן אַזאַ אומגליק? אפשר, אַז זי וואָלט אַוועקגעפאָרן פון דאַנען, וואָלט איר געווען לייכטער, וואָלט זי זיך אָן אַלץ פאַרגעסן...

דאָרט, וווהין די צוגן לויפן, מזרח־צו, זענען דאָך דאָ אַ סך שטעט און שטעטלעך, שטעט און שטעטלעך מיט נייע, מיט אומבאַ־קאַנטע לעבנס.

— אָט, צום ביישפּיל, ניו־יאָרק...

זי האָט זיך אָבער פּלוצלינג דערמאָנט, אַז דאָרט געפינט זיך יענץ מיידל, דעם פאַרמאַצעווט אמתע כלה, וועלכע ער וועט איינ־גיכן מאַכן פאַר זיין פרוי. מיט איר האָט ער דאָך אַזוי זיך... זיך בלויז געשפּילט... זי האָט זיך געפּרוווט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ סאָרט מיידל איז יענע.

— פאַרוואָס איז יענע בעסער?

מסתמא איז יענע אַ פעטע, אַ יידישקע, אַלע יידישקעס זענען פעטע. נישט אַזוי ווי זי — אַן איידעלע אַזאַ, אַ שלאַנקע און אַ דינע.

מיטן יונגן ציניזם, וואָס איז אין איר אָקאָרשט געבוירן גע־

וואָרן, נאָך דער ערשטער אַנטוישונג אין לעבן, האָט זי מיט פאַרקרימטע ליפּן צוגעגעבן:

— אַלע האָבן זיי ליב פּעטע...

נאָר באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז אירע געדאַנקען זענען מיאוסע.

— גאָט, ווי טיף זי איז עס געפאַלן!

אָבער איר איז דאָך געווען אַזוי שווער... אַזוי שווער... אפשר... אפשר וואָלט זי פאָרט אַוועקגעפאָרן צו איר פאָטער, אַהין, אין דעם קליינעם, ווייט-פאַרוואָרפענעם פערם-הויז, וואָס שטייט ביים ליבן אייגן-נאָענטן דאָרף מיטן אַלט-אינדישן נאָמען, — דעם דאָרף, וווּהין די יידן האָבן נאָך נישט אָנגעשטעקט מיט זייער טומל און מיט זייער געפּילדער. הא?

ס׳איז פאַריבער אַזוי עטלעכע מינוט אין שווייגנדיקער טראַכטונג. נאָר דערנאָך האָט זי אַ טרייסל געגעבן דעם קאָפּ, פאַרביסן די ליפּ, און מער נישט געוואָלט שוין טראַכטן פון איר פאָטער.

— וואָס איז, פריער האָט זי סיידן געפרעגט ביי אים? זי האָט דאָך גאָר געפאָלגט יענעם.

צוליב יענעם איז זי דאָ איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעמדאָזיקן הויז, צוגעבונדן צום קאָמוטאַטאָר אַ גאַנצן זומער און אַ גאַנצן ווינטער, — עס זאָל זיין נענטער און באַקוועמער פאַר אים זיך טרעפן מיט איר, ווען אים ווער זיך נאָר פאַרגלוסטן, זי האָט נישט געהאַט קיין כּוח זיך קעגנשטעלן זיינע פאַרלאַנגען, ווייל זי האָט אים ליב געהאַט.

אירע אויגן האָבן געבלאָנדזעט ווייטער, ווייטער, אַלץ ווייטער איבער די רעלסן, — גלאַנציקע, קאַלטע און פאַרפרוירענע. איבער זיי האָט געציטערט איצט אַ קאַלטער פראָסט-פייער, ווי די היץ-כוואַליעס איבער אַ ראַדיאַטאָר. די רעלסן ציען זיך פאַרביי אַ סך קליינע דערפלעך און שטעטלעך, איבער די בערג און אין די בערג.

— יאָ, אומעטום זענען דאָ מענטשן... וואָס גייט זיי אָבער אָן איר ווייטיק?

נאָר מעגלעך, אַז דאָרטן זענען אויך דאָ יונגע מיידלעך, וועלכע באַהאַלטן אין זיך זייערע ליידן? ס׳קאָן אָבער נישט זיין. אַזוינס

ווי סיהאָט מיט איר פּאַסירט, האָט זיכער מיט קיינעם, קיינעם נישט פּאַסירט.

עס איז דורכגעגאַנגען אַן אייזנבאַן-אַרבעטער אין בלויע אַר-בעטס־קליידער און האָט אָנגעהויבן קלעטערן אויף אַ הויכן און נאָענטן סיגנאַל־לאַמטערן. ער האָט דאָרט אָנגעצונדן אַ סעמאַפאָר, — אַ טיף בלויען פייער.

— איז אים גוט?

אפשר וואָלט זי צוגעגאַנגען צו אָט יענעם אומבאַקאַנטן מענטשן, צוגעפאַלן צו אים, דערציילט אים, אַז ס׳טוט איר וויי, אַז מ׳האָט איר שלעכטס געטון... ער איז דאָך אַ מענטש, וועט ער איר העלפן?

נאָר זי האָט זיך באַלד הויך פונאַנדערגעלאַכט, אַזוי הויך, אַז זי האָט זיך פון דעם אַליין דערשראָקן, און זיך אַרומגעקוקט, צו זען, אויב קיינער איז נישטאָ אין שטוב און האָט איר נישט אונטערגעהערט.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס האָט, אפנים, אין אָט דער מינוט זיך צו איר ווידער אומגעקערט איר אַמאָליקע נאַאיווע קינד-הייט און איר גלויבן אין מענטשן, אין יעדן מענטשן.

— ניין, איצט איז זי שוין געוואָרן קליגער...

כאָטש נאָך גאָר אַ יונג מיידל פון אַכצן יאָר, האָט זי שוין איצט געוווסט מענטשן בעסער, זינט „דאָס" האָט מיט איר פּאַסירט. זי האָט געוווסט, אַז יעדער איינציקער מענטש איז איינער אַליין אויף דער וועלט, אַליין מיט זיינע ליידן, און אַז קיינער קאָן פון קיינעם קיין הילף נישט דערוואַרטן.

— מע דאַרף זיך אַליין העלפן.

נו, וויבאַלד אַזוי, וועט זי זיך שוין אַליין העלפן... זי ווייסט שוין ווי אַזוי. זי האָט עס שוין גענוג איבערגעטראַכט די לעצטע עטלעכע וואָכן. יאָ, זי וועט זיך אַליין העלפן, אַליין העלפן. ווי? אָ, זי ווייסט שוין ווי.

אַזוי זענען דעם מיידלס געדאַנקען געלאָפן פּאַזע די רעלסן. זיי האָבן זיך אָפּגעהאַקט דאָרט, וווּ די רעלסן זענען פאַרשוווּנדן, אויף יענער זייט פון אַ נאַקעטן באַרג, ביים באַרג, ווי אַ פלוצלינג-

דיקע שטערעניש, האָבן זיך אירע געדאַנקען אָפּגעשטעלט.

מײַלן און מײַלן ווײַט פון דאָרט איז געווען ניו-יאָרק... נאָר קיין ניו־יאָרק וועט זי נישט פאָרן. דאָרט וועט זי דאָך צעטראָטן ווערן... זי איז געווען זיכער, אַז אויף יעדער פרוי לויערן דאָרט אָן אַ שיעור מענער, מענער, וועלכע וועלן באַלד דערשמעקן אין איר אַ שוין צעטראָטענע פרוי, און וועלן זי זען דערנאָך מער צע־טרעטן.

— כאַ־כאַ, ניו־יאָרק...

יענער, דער פאַרמאַצעווט מיטן קײַלעכדיקן פּנים, אינם ראָם פון געלע הערלעך, ווי אַ שפּין־געוועב, יענער קומט דאָך אויך פון ניו־יאָרק.

ניין. זי האָט נישט צו וועמען צו גיין. וווהין צו גיין. זי וועט פאַרבלײַבן דאָ. אומעטום איז עס אַזוי.

דאָס מיידל איז געווען אָנגעפּילט מיט אַ טיפן, פאַרצווייפלטן אומצוטרוי צו מענטשן. זי האָט מורא געהאַט וועגן איר אומגליק עמעצן צו דערציילן, פרעגן אַן עצה. אַז עמיצער אַ מאַן זאָל, אַן ערך, וויסן, וואָס מיט איר האָט געטראָפן, וואָלט יענער לפּנים וועגן בשעת-מעשה זי באַדויערט און דערווײַל זיכער געטראַכט פּלענער ווי אַזוי אַרום ער זאָל זי אַרײַנקריגן פאַר זיך.

— ניין, ס'איז נישטאָ וווהין צו גיין.

און בכלל... בכלל ווײַל זי נישט, זי קאָן נישט אַוועקפאָרן פון דאַנען, אײדער זי האָט זיך באַפרײַט פון אָט דעם געפיל פון גע־פאַלנקייט, וואָס האָט איר גאַנצע נשמה פאַרפלייצט. זי האָט געוווסט, אַז זי וועט דאָך מער נישט וויסן פון קיין איינציקן טאָג אין איר לעבן, וואָס זאָל זיין פריי פון אָט דעמדאָזיקן געפיל פון צעדריקט־קייט, צעטראָטנקייט, וואָס האָט איר נאָכאַנאַנד פאַרפאָלגט און געבויגן זי צו דער ערד. און זי האָט נישט געזען קיין אַנדער אויסוועג, ווי זיך צו באַפרײַען פון אָט דעמדאָזיקן געפיל, ווי פרייער אָפּעטעמען, ווי זיך אויסגלײַכן און קוקן מענטשן אָפן אין געזיכט אַרײַן, — סײַדן זי וועט יענעם אָפּרוימען, אַוועקשיקן אים פון דער וועלט.

זי האָט שוין געהאַט בײַ זיך באַשלאָסן, ווי אַזוי זי וועט עס טון. זי האָט אין די צײַטונגען זייער אָפט געלייענט וועגן ענלעכע

פאַלן, זי האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דעם — דאָס געריכט וועט זי סיי ווי סיי באַפרייען. אין דעם איז זי געווען זיכער. פּונקט ווי זי איז געווען זיכער אין איר גערעכטיקייט.

יאָ, זי וועט עס נאָך טון היינט אָוונט, ווען דער פאַרמאַצעווט וועט שליסן זיין געשעפט און זיך אומקערן אַהיים.

דאָס הויז, ווו ער וווינט, געפינט זיך אָן אַ זייט, שטייט כמעט אַליין אין פעלד. און דערצו נאָך — זי וועט אָפּוואַרטן די מינוט, ווען דער לעצטער צוג קיין ניו־יאָרק וועט פאַרביי־רודערן. אין טומל, וואָס בשעתן צוג אָפּגיין, וועט קיינער זיכער דעמאָלט נישט הערן דעם שאָס.

זי איז שטיל צוגעגאַנגען צום פאָדערשטן פענסטערל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין. פון אַ ווינקל, פאַרשטעלט דורך אַ פאָרהאַנג, האָט זי אַרויסגעקוקט. דער פאַרמאַצעווט איז דאָרט נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר דער טיר.

זי האָט באַטראַכט דאָס געזיכט. — דאָס כמעט נאַאיווע געזיכט, וואָס איז איר אַלעמאָל געווען אַזוי ליב. דאָס קינדיש־פּולע, שמייכל־דיקע געזיכט, און מיט ווייטיק האָט זי געפילט, אַז זי האָט אים אפילו איצט אויך ליב, ליב אַזש ביז פיינדשאַפט. נאָר זי האָט אין דער זעלבער צייט אָנגעטאַפּט אין איר בוזים דעם קליינעם שטייפן, קאַלטן אווטאָמאַטיק־רעוואָלווער, וועלכן זי האָט אין אַ געווער־קלייט געקראָגן מיטן אויסרייד, אַז זי מוז עס האָבן פאַר באַשיצונג, ווייל עס קומט איר אויס צו גיין שפּעט ביינאַכט אַהיים. און אָנטאַפּנדיק דעם רעוואָלווער, איז אויף דעם מיידל שוין פאַרויס אָנגעקומען דאָס מיד־זיסע געפיל פון באַרויקונג, פון איינגעשטילטקייט.

נאָך מיטאָג האָט איר אָנגעקלונגען אַ טעלעפאָן־מאַשיניסטקע פון ניו־יאָרק און געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ צווישנשטאָטישער טעלעפאָן־געשפּרעך פאַר איינער אַ פּערזאָן אין איר טעלעפאָן־געגנט. דער טע־לעפאָן־רוף איז פאַר עפּעס אַ פאַרוואָרפענער פערמער־הויז, וואָס האָט געהאַט אַ בשותפותדיקע טעלעפאָן־ליניע.

דאָס מיידל האָט אָנגעקלונגען יענע פערמער־הויז און האָט זי פאַרבונדן מיט ניו־יאָרק. זי האָט, ווי געוויינלעך, צוגערשט אַריינגע־הערט אין אַפּאַראַט, אויב די טעלעפאָן פאַרבינדונג איז אַ גוטע, און

אויב דאָס געשפּרעך גייט אָן. זי האָט גלייכגילטיק דערהערט אַ שטים רעדנדיק פון ניו־יאָרק:

— האַללאָ! האַללאָ! האַללאָ! ווּינט דאָ מר. קאַרלין?

פון דער פּערמער־הויז האָט צעטומלט און אויפגערעגט צוריק־געשריען אַ גראָבע פרויען שטים אין אַ געבראָכענעם ענגליש:

— ווער רעדט עס? האַללאָ! וואָס ווילט איר?... ווער רעדט עס?... ווער? האַללאָ! האַללאָ!

די מענער־שטים האָט זיך באמת צו דערקלערן. פריער אין אַ שטילן קול, דערנאָך אין אַ העכערן, אָן אויפגערעגטערן, ווער זי איז. אָבער ס'איז געווען אומזיסט. די פרוי אין דער פערם־הויז האָט אין מיטן רעדן אויפגעהאָנגען די טרייבל.

די טעלעפאָן־מיידל האָט אַ ווײַלע נאָכאַנאַנד געקלונגען אַהין און האָט קיין ענטפער מער נישט געקראָגן שוין פון דער פרוי.

דעמאָלט האָט די מיידל דערקלערט דעם צווייטן צד אין ניו־יאָרק, אַז זי קען צום באַדויערן די פאַרבינדונג נישט מאַכן. אויף דעם האָט איר געענטפערט אַן איידעלע, ווייכע און ברוסטיקע מענער־שטים. ער האָט איר זייער געבעטן, אַז זי זאָל זען יאָ מאַכן די פאַרבינדונג. ער קומט היינט אָוונט אומדערוואַרטעט צופאָרן פון ניו־יאָרק. דאָס קומט ער צו זיינע אַ שוועסטער וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין, און די פערמערקע — איז עס זיין שוועסטער. אַזוי ווי די וועגן זענען אין די בערג זיכער פאַרשנייט איצט און די נעכט זע־נען אויך פינסטערע, און סוף־חודשדיקע, און די פערם־הויז, וווּהין ער פאָרט, איז אַ פּאָר מייל ווייט פון דער באַן־סטאַנציע און אויף אים ריכט מען זיך דאָרטן נישט, — האָט ער דעריבער געוואָלט לאָזן וויסן זיינע קרובים, זיי זאָלן אַרויסשיקן אַ פור, וואָס זאָל וואַרטן אויף אים ביים וואָקזאַל.

די שטים, וואָס האָט גערעדט צו איר, איז געווען זייער אַן איידעלע, אַ האַרציקע אַזאַ, און אַן איבערצייגנדיקע. דאָס מיידל האָט נאָכאַמאָל געפּרוּווט מאַכן די פאַרבינדונג. פון דער פערמער־הויז האָט מען אָבער ווידער גראָב און אויפגערעגט געשריען:

— האַללאָ! האַללאָ! האַללאָ!!! וואָס ווילט איר? הא? וואָס?... וועמען דאַרפט איר?

אָט אין יידיש, אָט אין ענגליש.

די מענער־שטים פון ניו־יאָרק האָט בשום־אופן נישט געקאָנט צוזאַמענרעדן זיך מיט דער פערמערקע. די לעצטע האָט זיך לסוף גאָר באַליידיקט, איז געווען זיכער, אַז מען באַאומרויקט זי אומזיסט, אַז קיינער קאָן איר פון ניו־יאָרק אין אַזאַ שפּעטער שעה נישט אָנ־קלינגען, אַז דאָ איז עפּעס אַ טעות, אַז דאָס רופט מען זיכער אַן אַנדערן, אַ שכנישן פערמער — ס'איז דאָך אַ בשותּפותדיקע טעלעפאָן־ליניע, און זי האָט אַ קליין קינד, וועלכן זי האָט אַלע ווײַלע געמוזט איבערלאָזן, כּדי צוצוגיין צום טרייבל, געהאַלטן אין איין שרייען. זי האָט מיט אַ כּעסדיקן זעץ אויפגעהאָנגען די טרייבל.

די איידעלע מענער־שטים איז געווען שטאַרק באַזאָרגט. דער מענטש אין דער ווײַטער שטאָט ניו־יאָרק איז געווען אין גרויסער פאַרצווייפלונג, אַז ער האָט, אפנים, געמוזט פאַרגעסן, אַז מיט אַ טעלעפאָן־מאַשיניסטקע לאָזט מען זיך נישט אַרײַן אין פּריוואַטע גע־שפּרעכן.

— וואָס זאָל ער טון איצט? קיין טעלעגראַמע קאָן ער נישט קלאַפּן, ווײַל אין אַזאַ וועטער וועט מען זיכער קיין ספּעציעלן שליח אויף צוצושטעלן די טעלעגראַמע פון דער סטאַנציע אַהין נישט שיקן.

אויסער דעם, איז דאָך שוין באַלד אָוונט, און פינף אַ זייגער פאַרמאַכט זיך די טעלעגראַם־קאַנטאָר אין דאָרף. און קומען מוז ער הײַנט — עס איז זייער און זייער אַ וויכטיקער ענין. ס'האַנדלט זיך וועגן... וועגן אַ קנאַס־מאָל. דאָס מוז נאָך מאָרגן אומבאַ־דינגט באַזאָרגט ווערן.

דאָ האָט ער זיך, אפנים, געכאַפּט, אַז ער איז צופיל פאַרקראָכן מיט זײַן היימישקייט. ער האָט זיך אָנגעהויבן טרויזנטער מאָל אַנט־שולדיקן. זײַן שטים איז געווען זייער זיס און אומבאַהאָלפן.

— ער ווייס אַזוי נישט וואָס צו טון, אַז ער האָט איר אָנגע־דולט אַ פולן קאָפּ.

דאָס מיידל ביים טעלעפאָן האָט אים באַרויקט.

— עס מאַכט נישט אויס, אדרבא.

זי איז געווען אַזוי גערירט פון דעם, וואָס אַ ווילד־פרעמדער

מענטש זאָל איר פֿאַרטרויען אַזאַ זאַך, אַז זי האָט אים צוגעזאָגט:

— זי וועט זיך באַמיען נאָך עטלעכע מאָל. זי וועט זען קריגן פֿאַר אים דעם נומער. זיכער, זיכער.

דאָס מיידל איז נישט געוווינט געווען מען זאָל צו איר רעדן אַזוי איידל און ווייך דורכן טעלעפֿאָן. געוויינלעך זענען די שטימען געווען גראָב, פֿאָדערנדיק. די מענטשן פֿלעגן באַלד אין כּעס ווערן, אויב זיי פֿלעגן אַזוי גיך דעם געווינטשטן נומער נישט קריגן, אָדער אויב זי פֿלעגט מאַכן עפּעס אַ טעות. אפֿילו נאָענטע, באַקאַנטע מענטשן פֿון דעמזעלבן דאָרף, ווען זיי פֿלעגן נאָר רעדן צו איר דורכן טע־לעפֿאָן, פֿלעגן זייערע שטימען זיין קאַלט, רוי, געשעפֿטסמעסיק, גיך זיך אויפֿרעגנדיק. און דאָ האָט גערעדט צו איר גאָר אַ פֿרעמדער, פֿאַר הונדערטער און הונדערטער מיילן ווייט. אַזוינער, וועלכן זי האָט קיינמאָל נישט געזען, און מיט וועלכן זי וועט זיך קיינמאָל אין לעבן זיכער נישט צוזאַמענטרעפֿן, און פֿונדעסטוועגן... ס'אַרא ווייכקייט, איידלקייט און פֿיינקייט אין זיין שטים...

דעם פֿרעמדן מענטשנס ענין איז איר מיטאַמאָל געוואָרן אייגן און נאָענט, ווי אַן אייגענער ברודער וואָלט צו איר גערעדט.

זי האָט געפּרוווט נאָך אַ פּאָר מאָל אָנקלינגען די פֿערם, אָבער אומזיסט. די פֿערמערקע האָט זי נישט געקאָנט פֿאַרשטיין.

זי האָט דעמאָלט נאָך אַמאָל אָנגעקלונגען דעם אומבאַקאַנטן אין ניו־יאָרק און דערקלערט, מיט שמייכלענדיקער שטים, אַז נישט אַנ־דערש — די פֿרוי דאַרף זיין אַ גרינע, אַ „פֿרעמדע". זי פֿאַרשטייט, אפֿנים, נישט קיין ענגליש.

— עס טוט מיר זייער באַנג, זייער...

יענער דאָרט האָט מסתּמא געפֿילט דעם פֿריינטלעכן שמייכל אין איר שטים, ווייל ער האָט זיך אויך פֿריינדלעך צעלאַכט, איר טויזנטער מאָל אָפּגעדאַנקט, וואָס זי איז געווען אַזוי פֿריינדלעך צו אים. מילא, ער וועט שוין מוזן ריזיקירן, וואָס וועט זיין — וועט זיין. און אַזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט גלאַט אין מיטן אַזוי איבעררייסן דעם געשפּרעך, וועלכער איז שוין געוואָרן אַ פֿריינדלעכער, האָט ער איר געשטעלט אַ פּאָר פֿראַגן וועגן דעם וועטער.

— אויפֿן לאַנד מוז אוודאי זיין איצט זייער קאַלט, זייער. ווי?

— אוודאי — האָט זי אים געענטפערט — אוודאי. דער פראָסט איז דאָ אַ ברענענדיקער.

און זיי האָבן מער נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. זיי האָבן זיך אָבער פונדעסטוועגן ביידע געפילט אומבאַקוועם אַזוי אויפצוהערן די טרייבלעך.

— ווייסט איר גאָר וואָס? — איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, און ס׳האָט איר אָנגעפילט מיט אַמאָל אַזאַ וואַרימע גליאונג — ס׳קאָן זיין, אַז אויף אַזאַ לאַנגע שטרעקע פון העכער הונדערט מייל, און נאָך אין אַזאַ שטורמדיקן וועטער, קענט איר זיך מיט דער פרוי טאַקע נישט צוזאַמענרעדן. איר קומט אָבער צופאָרן אַהער, ווי איר האָט באַשלאָסן, און פון דאַנען, פון דער באַן־סטאַנציע, קלינגט אָן אייערע קרובים. אויף אַ מרחק פון צוויי־דריי מייל וועט איר זיך זיכער קאָנען צוזאַמענרעדן, און מען וועט אייך צושיקן אַ פור.

דעם רעשט נאָך מיטאָג האָט זיך דאָס מיידל געפילט באַזונדערס גוט און צעוואַרעמט, און אָנגענעם אַזוי, אויפגעלייגט. זי האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך אַ גאַנצן טאָג גאָר אין מויל נישט געהאַט. איז זי געגאַנגען זיך מאַכן עפּעס עסן אויף דעם קויל־אייוועלע, וואָס איז געשטאַנען אין צימער.

זי האָט זיך געפילט איצט שטילער און רויקער. אַריינקוקנדיק אין די צעגליטע רויטע קוילן, האָט זי זיך געפּרוווט פאָרשטעלן, ווי אַזוי יענער מאַן קאָן אויסקוקן, אַז ער איז געווען אַ יונגער — אין דעם איז זי געווען זיכער. ער מוז אויך האָבן אַלע מאָל אַ שטילן, כמעט קינדישן שמייכל אויף זיין פּנים. און וואָס פאַר אַ ליפּן האָט ער?

ס׳איז געווען אָוונט. דער פראָסט און דער ווינט האָבן זיך געשטאַרקט. ביזן אָנקומען פון דעם ניו־יאָרקער צוג איז נאָך פאַרבליבן דריי שעה. זי האָט זיך שטיל פונאַנדערגעלאַכט. זי האָט, הייסט עס, אויך געוואַרט אויפן אָנקומען פון דעם צוג, פּונקט ווי אירער אַ קרוב האָט צו איר געדאַרפט קומען!

און מיט אַמאָל האָט איר דאָס האַרץ אַ קלאַפּ געטון פון אַ

שטיפערישן איינפאַל: זי וועט איצט גלייך אַליין אָנקלינגען די פּער־מערקע, דערציילן איר, אַז איר ברודער קומט צו פאָרן אַהער, און זאָגן איר, אַז זי זאָל זען אַרויסשיקן אַ פור אים באַגעגענען.

דאָס מיידל האָט אינגאַנצן געגליט ביי דער פאָרשטעלונג פון דער אָנגענעמער איבערראַשונג, וואָס דער פרעמדער וועט האָבן ביי זיין אָנקומען, ווען ער וועט דערזען, אַז אַ פור וואַרט שוין אויף אים.

די נעכסטע מינוט האָט זי אָנגעקלונגען די פּערמע. נאָר קיי־נער האָט איר נישט געענטפערט. דאָס מיידל האָט באַלד אויסגעפונען, אַז דער טעלעפאָן איז געווען דאָרט נישט אין אָרדנונג.

זי איז געבליבן זיצן אַזוי אַ לענגערע צייט אַ פאַרגליווערטע, און זיך נישט געקאָנט אַ ריר טון פון אָרט. אויפן קאָמוטאַטאָר האָט זיך באַוויזן פּייערל נאָך פּייערל, נאָר זי האָט נישט אויפגעהויבן די האַנט צו מאַכן די נויטיקע פאַרבינדונג.

הייסט עס, דער פרעמדער וועט קומען און וועט זיך נישט קאָנען פאַרבינדן טעלעפאָניש מיט זיינע קרובים. ער וועט נישט האָבן קיין פור. אַזוי שפּעט, און אין ווינטערדיקע נעכט, זענען אַרום די סטאַנ־ציעס נישטאָ נישט קיין פורמאַנעס, נישט קיין אַוטאָמאָבילן, ער וועט מוזן גיין צו פוס עטלעכע מייל אין אַזאַ פראָסט, אין אַזאַ שטאָק־פינס־טערניש, איבער אַ צעדרייטן וועג צווישן וויסטע, גריבערדיקע פעל־דער, און מאַלע וואָס עס קאָן מיט אים פּאַסירן. און זי איז אין דעם שולדיק — זי האָט דאָך אים אַליין געראַטן קומען אַהער.

פאַרצווייפלט, בלייך האָט זי בלויז געטראַכט דערפון, אַז ווען דער צוג וועט אָנקומען, וועט זי מוזן צוגיין צו דער סטאַנציע, בעטן ביי דעם אומבאַקאַנטן מאַן טויזנטער מאָל אַנטשולדיקונג, אָבער שאַ...

ווי אַזוי וועט זי דערקענען, ווער ער איז?

— זי וועט זען, ווער עס וועט פאַרבלייבן לענגער און זיך אַרומדרייען אַליין אויף דער סטאַנציע.

— אָבער וואָס וועט זי דערנאָך טון מיט אים? וווהין וועט זי אים פירן? מינוטן זענען געלאָפן נאָך מינוטן, געלאָפן אין אַ מאָדנער, אומגעוויינלעכער שנעלקייט, שנעלער ווי ווען עס איז פריער אין איר לעבן, די צייט פון דעם צוג־אָנקומען האָט זיך דערנענטערט.

דאָס מיידל איז געוואָרן זייער נערוועז און אומרויק. זי האָט ערשט דערפילט אַ שטאַרקע דערלייכטערונג, ווען די ביינאַכטיקע טעלעפאָן־מאַשיניסטקע איז געקומען זי איבערבייטן. זי איז אויף גיך אַרויס פון הויז.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, די קליטן פון דאָרף האָבן זיך שוין אָנגעהויבן איינער נאָך דער אַנדערער צומאַכן, און די גאַסן ווערן טויטער און פוסטער. עס איז געווען אַזוי פינסטער, — בלויז נאָענט צום שניי האָט מען נאָך געקאָנט פונאַנדערטיילן געגנשטאַנדן און זאַכן.

דאָס מיידל האָט נישט געוואָלט גיין אין דעם פּענסיאָן, ווו זי איז איינגעשטאַנען, עסן וועטשערע. זי איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן טראָטואַר פאַרביי די קליטן, ווי וועלנדיק מיט איר אַרומגיין אָפּהאַלטן די ליכטיקע קראָמען פון אויסלעשן זיך, אָפּהאַלטן דעם פּלאַץ אַרום דעם וואָקזאַל פון ווערן אָפּגעשטאָרבן און שווייגנדיק, ווי ער איז עס געוויינלעך אין שפּעטן אָוונט. אויף דער דאָזיקער סטאַנציע פלעגט זעלטן ווער עס איז אָנקומען מיטן 11 אַ זייגערדיקן צוג.

עס איז פאַריבער נאָך אַ האַלבע שעה. די קליטן זענען שוין אַלע אויסגעלאָשן געוואָרן. דער פאַרמאַצעווט האָט שוין אויך אויסגעלאָשן די גרויסע עלעקטרישע ארקע־לאָמפּ פאַר דער טיר פונם אַפּטייק. די גאַס איז געוואָרן פינסטער. בלויז אין עטלעכע הייזער האָבן זיך נאָך געלויכטן לאָמפּן אין די שלאָף צימערן, וועלכע מען האָט איצט געהאַלטן אין אָנוואַרעמען פאַרן שלאָפן גיין. אין אַזאַ פראָסטיקער נאַכט לייגן זיך אַלע פרי שלאָפן.

דאָס מיידל האָט אַלץ אַרומגעפּלאָנדזעט איינע אַליין איבער דער פּלאַטפאָרמע פון דער קליינער באַן־סטאַנציע, וועלכע איז געווען דאָ נאָענט, אין סאַמע מיטן פון דער געשעפטס־גאַס. זי האָט געזען דעם קרעפּטיקן, קיילעכדיקן, נישט נאָך זיינע יאָרן פעטן פאַרמאַצעווט גיין אַהיים. נאָר זי האָט צו אים אין אָט דער מינוט גאָר נישט געפילט. זי האָט זיך איצט נישט אַ צאַפּל געטון, ווי געוויינלעך, ווען זי פלעגט אים דערזען. זי איז געבליבן מאָדנע קאַלט.

אויף יענער זייט גאַס, אין אַ שייער, טיף אין אַ הויף, האָט זיך געעפנט אַ טיר.

אַ ליכטיקייט האָט אַרויסגעפּראַלט אין דרויסן. עמעץ, אַן אָנגעפּעלצטער, איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן אין דער ליכטיקייט. דאָרט איז געווען די בעקעריי, און מען האָט ערשט איצט זיך געשטעלט דאָרט אַרבעטן. דאָס איז געווען דער איינציקער סימן פון לעבן און וואַכזיין אין ביינאַכטיקן שטעטל.

דאָס מיידל איז אַריבער אויף יענער זייט גאַס.

אין הויף, אונטערן אָפּדאַך, איז געשטאַנען אַ פערד און וואָגן, און אַ גוישער פּערמער האָט זיך אַרום דעם פערד געפּאָרעט און אַרונטערגענומען פון אים אַ וואַרימע קאָלדרע. ער האָט זיך, קענטיק, געגרייט אין וועג אַריין.

זי האָט דעם פּערמער געקענט. זי איז צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט אים „גוטן אָוונט", ער האָט זיך פאַר איר גלייך אויף עפּעס אָנגעהויבן באַקלאָגן.

דאָס מיידל האָט צוערשט גאָרנישט געהערט פון זיינע רייד. נאָר איר איז געווען סתם גוט אַזוי, וואָס עס איז איצט דאָ אין דרויסן נאָך אַ לעבעדיקער מענטש, וועלכער רעדט און וואַרעמט אָן מיט פאַרע פון זיין מויל דעם פראָסט און די נאַכט. זי האָט אָבער באַלד אָנגעהויבן פאַרנעמען דעם זין פון זיינע ווערטער.

ער איז געקומען אַהער נאָך אין מיטן העלן טאָג, געבראַכט צופירן אַ פּאָר זעק קאַרטאָפליעס. געוויינלעך זענען בייטאָג דאָ אַ סך יידישע פּערמער פון די אַרומיקע ערטער, האָט ער נישט קיין שוועריקייטן צו קריגן אַ קונה אויף זיין סחורה. היינט אָבער, צוליבן גרויסן שטורם און פראָסט, איז קיינער נישט געקומען. ער האָט געוואַרט און געוואַרט, און גאָרנישט. די זעק קאַרטאָפליעס האָט ער איבערגעלאָזן ביים יידן אין דער בעקעריי. איצט פאָרט ער אַהיים—אומזיסט אָנגעוואָרן אַ האַלבן טאָג.

דעם מיידל האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ, אַז זי האָט עס אַזש געדאַרפט מיט כוח צוקוועטשן אין דער ברוסט. זי האָט שיר נישט אויסגעשריען פון צעטומלונג. איר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז זי רעדט צו הויך און צו אויפגערעגט, און ס'קאָן נאָך

ווערן פֿאַרדעכטיק. זי האָט אָבער אין דער אמתן גערעדט שטיל און קאַלט.

— פֿאַרוואָס — האָט זי צו אים געזאָגט — פֿאַרוואָס, אַז ער איז שוין דאָ, זאָל ער נישט פֿאַרבלייבן נאָך אַ ווײַלע, ביז דער ניו־יאָרקער צוג וועט אָנקומען? וועט ער קריגן אַ פּאַסאַזשיר, פֿאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר, וועט אים שוין זײַן נסיעה זיך האָבן געלוינט.

גלײַכגילטיק האָט ער, דער פֿערמער, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— אַזוי שפּעט? אין אַזאַ פֿאַרוואָרפֿענעם העק, וועט קיינער נישט קומען אַזוי שפּעט צו פֿאָרן.

אָבער זי האָט דאָך אַליין געזען, אַז יאָ. ערשט מיט אַ פּאָר נעכט פֿריער איז זי דאָ פֿאַרבײַגעגאַנגען אין אָט דער שעה — זי איז זיך גראָד פֿאַרזעסן שפּעט בײַ אַ פֿרײַנדין אין הויז — האָט זי אַליין געזען אַ פּאָר פּאַסאַזשירן זיך אַרומדרייענדיק דאָ און זוכנדיק אַ פֿור מיט ליכט. זיי האָבן געוואָלט שיין, זייער שיין באַצאָלן.

דער פֿערמער האָט נישט געגלייבט. דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן אים צורעדן, איבערצייגן, אַז זי זאָגט אמת. ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף איר מיט חשד. ער האָט באַמערקט, ווי אירע אויגן פֿייערן, און זי ברענט עפּעס אינגאַנצן. מסתּמא איז דאָ ערגעץ פֿאַרבאָרגן אַ שפּיצל פֿאַר אים, האָט ער געטראַכט, און האָט אָנגעהויבן פֿאַריכטן די רימענס אין די פּאָסטראָמקעס אויפֿן פֿערד און פֿאַררוקן שטאַרקער די אײַזנדלעך אין דעם געשפּאַן.

— ער וועט פֿאָרן...

נאָר מער האָט זי שוין נישט גערעדט מיט אים וועגן דעם. זי האָט בלויז אָנגעהויבן אויסצופֿרעגן אים, וואָס עס מאַכט זײַן משפּחה און וואָס עס הערט זיך בײַ אים אויפֿן פֿערם. האָט לידע געהאַט עפּעס שיינע חזירימלעך? און וואָס מאַכט עפּעס דער בוהאַי? — מען דאַרף אים נאָך אַלץ אַלעמאָל פֿאַרטרײַבן מיטן הונט פֿון דער שטאַל, ווּהין ער קריכט אַלץ צו די בהמות? און קלײַבט ער זיך אָנצאַפּן אַ סך סיראָפּ פֿון די מייפּל־בוימער 1) הײַנטיקן פֿרילינג? און האָט

1) אַזאַ סאָרט בוימער, וואָס לאָזן פֿון זיך אין פֿרילינג אַרויס אַ צוקער־זאַפֿט.

ער זיך שוין באַזאָרגט מיט נייע עמערס? גאַנצע דריי הונדערט שטיק? הייסט עס, אַז ער וועט אָנצאַפּן אַ היפּש ביסל סיראָפּ היינטיקן פרילינג?

זי האָט גערעדט און גערעדט אָן אויפהער, און ער האָט אַלץ נישט געקאָנט אַוועקפּאָרן.

עס איז בלויז געבליבן אַ פערטל שעה צום צוג־אָנקומען. דער פערמער האָט זיך אָנגעהויבן קווענקלען. מילא, אַזויפיל קאָן ער נאָך צוּוואַרטן. ער איז אַרונטער פון זיין זיץ, האָט צוריק אַרויסגענומען די וואַרימע קאָלדרע פון וואָגן און מיט דעם ווידער צוגעדעקט דאָס פערד.

— איך האָב זיך פאַרגעסן — האָט ער געזאָגט — איך דאַרף נאָך קויפן אַ ברויט אין דער בעקעריי.

זי האָט אים דעמאָלט, שטיל־שמייכלענדיק פאַר זיך, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און איז אַוועק.

אין דער שטילער, פראָסטיקער נאַכט פון אויף יענער זייט באַרג האָט זיך דערהערט דאָס פייפן פון אַ צוג. פון יענער זייט, פון אַ ווינקל פון אַ הויף, האָט דאָס מיידל געזען, ווי דער פערמער איז צוגעפאָרן מיט זיין שליטן צו דער סטאַנציע און האָט זיך אַנידערגעשטעלט וואַרטן. זי האָט געזען, ווי אין אַ ווילדע אַרום האָט אַריינגעפייערט פון דעם שמאָלן לעצטן פאַס טאָל פאַר דעם שטעטל אַ ביינאַכטיקער, אַ גרויסער און סאַפּענדיקער צוג.

דער צוג איז געשטאַנען צווישן איר און דעם קליינעם וואָקזאַל, און פאַרשטעלט דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער צווייטער זייט. דער מיידלס האַרץ האָט געהאַמערט הויך און שטאַרק.

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דער צוג אָפּגעטראָגן, איילנדיק זיך ווייטער אין וועג אויף זיין ווייטיקער שליחות. און דאָס מיידל האָט דערזען:

איבערן שנייאיקן פּלאַץ סקריפּען מיט די שיך דריי מענטשן, היגע איינוואוינער, וואָס זענען צוריקגעקומען פון אַ נאָענטע רייזע. זיי ווערן באַלד פאַרשלונגען אין די נאָענטע הייזער, און אויפן וואָקזאַל בלייבט מער קיינער נישט.

נאָר אָט טראָגט זיך אַרויס פון אַ ווינקל נאָך אַ מענטש, אַ הויכער, אַ סטולאָוואַטער און אַ פרעמדער. ער קוקט זיך אַ ווײַלע פאַרלוירן אַרום, ווי ער וואָלט נישט געווען זיכער, אויב ער איז געקומען צופאָרן אין דעם ריכטיקן שטעטל. דער פערמער גייט צו אים צו, עפּעס רעדן זיי דאָרט אַ ווײַלע, ווי זיי וואָלטן בײדע שוין פון לאַנג אָן געוואַרט אויף אָט דער דאָזיקער באַגעגעניש בײַנאַכט. און באַלד האָט זיך דער שליטן מיט זיי צווייען אָפּגעטראָגן לינקס, — צו די הויכע, ווײַטע, פאַרוואָרפענע פערם־הײַזער אין די טאָלן.

איצט האָט זיך דאָס מיידל דערפילט מאָדנע שוואַך, אַזוי שוואַך, ווי זי וואָלט געהאַט געאַרבעט אַ גאַנצן לאַנגן זומער־טאָג אויף אַ פעלד און האָט אָפּגעטון אַ סך אַרבעט, — אַ סך, אַ סך גוטע אַרבעט. ס'איז איר געווען גוט, און זי איז קוים אײַנגעשטאַנען אויף די פיס. זי האָט געוואָלט אָפּרו.

זי האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. איר איז געווען אַזוי שטיל אויפן האַרצן, ווי שטיל און אײַנגעהאַלטן עס איז געווען די נאַכט אַרום איר.

אַז זי איז פאַרבײַגעגאַנגען דאָס ברייטע אײַנגאָרנדיקע הויז, וווּ דער פאַרמאַצעווט האָט געוווינט, האָט זי אַרויסגענומען פון בוזים דאָס קאַלטע, בלישטשענדיקע געווער און עס אַוועקגעוואָרפן ווייט פון זיך אין שניי. ווי מאָדנע שווער עס איז געווען! עס איז אין איין אויגנבליק פאַרגראָבן געוואָרן אין דער ווייכער שניי־מאַטעריע.

און דאָס מיידל איז ווייטער געגאַנגען. אַז זי האָט זיך שפּעטער אַ ווײַלע געלייגט אין בעט, האָט זי אַ שטיק צייט נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. זי האָט זיך אַלץ געוווּנדערט צו ווּעמען זי שמייכלט עס אַזוי ליב און צוגעלאָזן אין דער טונקל פון איר צימער.

1922